STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01627

FUN IDISHEN KVAL

Joel Entin

Permanent preservation of this book was made possible
by Phyllis D. Korn & Selma Korn
in honor and in memory of
parents Nathan & Rose Korn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יואל ענטין
לעאָן עלבע

פון אידישען קוואַל

אַ אידיש לעהר־בוך און חרעסטאָמאַטיע

צווייטעס און דריטעס יאָהר

פאַר שול און הויז

מיט 43 בילדער און פארטרעטען

מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.

אידישער פערלאַג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER

424 GRAND ST.
NEW YORK

בילדער און פּאָרטרעטען.

		זייט
1.	משה אַלס פּאַסטוך	18
2.	ה. ד. נאָמבערג	21
3.	דוד איינהאָרן	23
4.	דוד פרישמאַן	29
5.	מאָררים ראָזענפעלד	34
6.	ש. פרוג	38
7.	יהואָש	42
8.	ה. רויזענבלאַט	44
9.	כותל מערבי	47
10.	סוכות אין שוהל	57
11.	י. אַדלער	59
12.	י. ל. פּרץ	64
13.	משה	68
14.	פּרץ הירשביין	70
15.	ז. ליבין	74
16.	ז. שניאור	80
17.	מ. ספּעקטאָר	101
18.	מענדעלי מוכר ספרים	105
19.	יוסף יפה	107
20.	מ. ווינטשעווסקי	113
21.	מאַני לייב	115
22.	שלום אַש	119
23.	דוד פּינסקי	128
24.	אברהם רייזען	140
25.	יעקב גאָרדין	144
26.	דוד איגנאַטאָוו	153
27.	ירמיהו הנביא	155
28.	לעאָן קאָברין	159
29.	רחל'ס קבר	166
30.	שלום עליכם	169
31.	מ. מ. וואַרשאַווסקי	172
32.	י. י. שוואַרץ	176
33.	א. ליעסין	186
34.	משיח	189
35.	ש. אַנ־סקי	216
36.	ח. נ. ביאַליק	230
37.	מרדכי עמנואל נח	259
38.	י. דינעזאָן	271
39.	ביי דער גמרא	273
40.	אליקום צונזער	275
41.	עמאַ לאַזאַרוס	279
42.	בר־כוכבא	293
43.	גלות	299

Copyright, 1916

Max N. Maisel

Publisher

אינהאלט:

			זייט
	פאָררעדע		9

ערשטע אָפּטיילונג

1.	אַ טרייער הירט	פון „די אידישע אַגדות“ *)	19
2.	דער קריעג פון די בוימער	פון „אונזער נייע שול“	20
3.	בוי איך מיר אַ שיפעלע	ה. ד. נאָמבערג	21
4.	משה און די אידען	פון „די אידישע אַגדות“	22
5.	מיין קעצעלע	דוד איינהאָרן	22
6.	דער פוקס און דער וואָלף	פון „די אידישע אַגדות“	25
7.	אַ זון מיט אַ רעגען	ל. ניידוס	27
8.	פערגעס־מיך־ניט	פון „אונזער נייע שול“	27
9.	דער וועבער	דוד פרישמאַן	28
10.	דוד המלך און די שפין	פון „די אידישע אַגדות“	29
11.	פעטער שנייער	דוד איינהאָרן	31
12.	שבת־שירה־פויגעלעך	פון „אונזער נייע שול“	32
13.	דעם אַרבייטער'ס אינגעלע	מאָררים ראָזענפעלד	33
14.	רחמנות	פון „די אידישע אַגדות“	35
15.	ווי אַזוי ר' עקיבא איז ניצול געוואָרען	פון „די אידישע אַגדות“	36
16.	שלח־מנות	ש. פרוג	37
17.	דער האָהן און דער פערל	יהואָש	39
18.	תורה איז די בעסטע סחורה	פון „אונזער נייע שול“	40
19.	אַן איבערראַשונג	יהואָש	41
20.	שיכרות	פון „די אידישע אגדות“	43
21.	פריהלינג	ה. רויזענבלאַט	44
22.	כותל־מערבי	שלום־עליכם	46
23.	כותל־מערבי (געדיכט)	יעקב כהן	48
24.	זומער אויף דער אָרימער גאַס	ז. ליבין	49
25.	ל"ג בעומר	א. י. גראָדזענסקי	50
26.	אַלכסנדר מוקדון	פון „די אידישע אגדות“	50
27.	ביים ים	מאַני לייב	54
28.	דער גלגול	יהואָש	55
29.	אַ לבנה־נאַכט	א. ליעסין	56
30.	סוכות אין ארץ־ישראל	ש. פרוג	56
31.	שבת בין השמשות	י. אַדלער	58
32.	צוויי מלאכים	יכנה"ז	60
33.	צוזיוט און צושפריוט	זעלדע קניזשניק	63
34.	דער מכשף	י. ל. פרץ	63
35.	סוף זומער	יהואָש	66

*) געקליבען פון תלמוד און מדרשים און בעאַרבייט דורך י. ח. ראַווניצקי און ח. נ. ביאַליק.

צווייטע אָפּטיילונג

			זייט
.36	משה און דער סנה	פון „די אידישע אַגדות“	67
.37	אַ געזינגד זאַלבע־אַכט	אברהם רייזען	69
.38	אַ אינגעלע אַ שוועלבעלע	פרץ הירשביין	69
.39	ווינטער	ש. פרוג	73
.40	דער דאָרפס־פּעדלער	ז. ליבין	74
.41	די חנוכה־ליכט	אברהם רייזען	76
.42	שלמה המלך'ס שטול	פון „די אידישע אגדות“	77
.43	שבט־ליד	ז. שניאור	79
.44	ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט	ז. ליבין	80
.45	ביים קראַנקען קינד	אפרים פוקסאָן	84
.46	צוויי אינגלעך	י. ל. פּרץ	85
.47	פון ישעיה (שומר מה מליל)	אברהם רייזען	87
.48	אַלבערט'ס פּסק	ז. ליבין	87
.49	די לעצטע שניי־פליטערלעך	ה. רויזענבלאַט	90
.50	דער וואַלד	יהואָש	92
.51	אַ פריהלינג־ליד	ש. פרוג	92
.52	שלמה המלך און דער אַשמדאי	פון „די אידישע אַגדות“	93
.53	פּאַטאַ מאָרגאַנאַ	מאָררים ראָזענפעלד	100
.54	אַ יתום'ס סדר	מ. ספּעקטאָר	100
.55	ליל שמורים	יהואָש	103
.56	פריהלינג	מענדעלי מוכר־ספרים	104
.57	אין אַ זומער־נאַכט	יוסף יפה	106
.58	מלכת־שבא	פון „די אידישע אַגדות“	108
.59	ביינאַכט אין אַ גרויסער שטאָדט	מ. ווינטשעווסקי	112
.60	אויפ'ן גרינעם גראָז	מענדעלי מוכר־ספרים	114
.61	אליהו הנביא	מאַני לייב	115
.62	אַ מאַי־פּאַרטי	שלום אַש	119
.63	אַ תפילה	זעלדע קניזשניק	121
.64	יעקב ענטלויפט פון לבן'ען	פון חומש	122
.65	חד־גדיא	י. ל. פּרץ *)	125
.66	דער לייב און דער העלפאַנד	דוד פּינסקי	127
.67	קאָרן־שוועסטערלעך	דוד איינהאָרן	131
.68	שבועות	ל. ע.	133
.69	ביי מתן־תורת	פון „די אידישע אגדות“	135
.70	דוד'ס האַרף	יהואָש	137
.71	צום אַרבייטער־פּאָלק	געאָרג הערוועג	138
.72	רייזעלע	אברהם רייזען	139
.73	אויפ'ן ים	נאָך ר' יהודה הלוי	142
.74	פון ירמיה (הוי בונה ביתו)	אברהם רייזען	143
.75	אָיאַמאַ	יעקב גאָרדין	148
.76	אַ גלות־מאַרש	מאָררים ראָזענפעלד	148
.77	דער בית־המקדש	פון „די אידישע אַגדות“	149
.78	צום מלוה	אברהם רייזען	151
.79	נויאָרק שטעהט אויף	דוד איגנאַטאָוו	152
.80	דער געפּאָ־בוים	מאָררים ראָזענפעלד	153

*) גענומען לויט ווי דאָס איז געענדערט געוואָרען אין „אונזער נייע שול“.

			זייט
81.	ירמיהו הנביא	פון „אונזער נייע שול“	154
82.	דער למד־וואָו׳ניק	יהואש	156
83.	צו סליחות	לעאָן קאָברין	158
84.	אַן אלול־טאָג	מענדעלי מוכר־ספרים	160
85.	אלול־ליד	מאָררים ראָזענפעלד	161
86.	ימים־נוראים	לעאָן קאָברין	161
87.	רחל׳ס קבר	יהואש	165
88.	סוכות־געדאַנקען מלחמה־צייט	אַלגין	167
89.	דער קאַנאַריק	מאָררים ראָזענפעלד	168
90.	דעם זיידענ׳ס שמחת־תורה	שלום־עליכם	168
91.	שמחת־תורה־ליד	מ. מ. וואַרשאַווסקי	171
92.	דער בן־מלך און דער צדיק	י. ל. פּרץ	173
93.	אַמעריקע	י. י. שוואַרץ	175
94.	דער פאָדים און די שער	יהואש	177

דריטע אָפּטיילונג

95.	צום אַמעריקאַנער ברעג	שלום אַש	179
96.	די נייע היים	י. י. שוואַרץ	181
97.	דער אַקאַציענבוים	יהואש	182
98.	שבת־חזון	מאָררים ראָזענפעלד	184
99.	נויאָרק געהט צו דער אַרבייט	דוד איגנאַטאָוו	185
100.	אַ פריהמאָרגען אין נויאָרק	א. ליעסין	186
101.	מנחם	פון „די אידישע אַגדות“	187
102.	משיח	דוד איינהאָרן	190
103.	חצות	מענדעלי מוכר־ספרים	190
104.	שבת נחמו	יהואש	192
105.	סליחות־צייט אין וואַלד	מענדעלי מוכר־ספרים	193
106.	צו משיח׳ן	אברהם רייזען	194
107.	יום־כיפור	לעאָן קאָברין	194
108.	הערבסט־ליד	אברהם רייזען	197
109.	דאָס בוימעל	י. ל. פּרץ	198
110.	דער בלייכער אַפּרייטער	מאָררים ראָזענפעלד	200
111.	חנוכה אויפ׳ן שיף	שלום אַש	201
112.	מזמור שיר ליום השבת	יהואש	204
113.	ר׳ יהודה הלוי	ל. ע.	205
114.	דער קוואַל	מאָררים ראָזענפעלד	208
115.	אויפ׳ן גליטש	דוד איגנאַטאָוו	209
116.	פון ישעיה (הוי החוקקים)	אברהם רייזען	211
117.	חמשה־עשר בשבט	י. ע.	212
118.	חמשה־עשר ליד	ש. פרוג.	215
119.	דער מהרי״ל מפּראָג און זיין גולם	ש. אַנ־סקי	216
120.	עלילת־דם	יהואש	221
121.	דער אוצר	שלום־עליכם	223
122.	אויפ׳ן הויכען באַרג	ח. נ. ביאַליק	229
123.	דער פינפער־טורעם	ש. אַנ־סקי	230
124.	אין דער נאַכט פון פסח	דוד איינהאָרן	236
125.	חיים סאַלאָמאָן	ל. ע.	238

		זייט
126. פון עמוס	י. י. שוואַרץ	240
127. ר׳ לייבעלע זאָקענמאַכער	ש. אַנ־סקי	241
128. חד־גדיא	מ. מ. וואַרשאַווסקי	246
129. דער תנ״ך	ראובן ברייני	250
130. דער תלמוד	אברהם רייזען	251
131. אידען אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע	ל. ע.	252
132. אין אָוועגט	ז. שניאור	254
133. ארץ־ישראל ערד	י. ל. פרץ	255
134. די קינדער אין פּאַרק	י. י. שוואַרץ	257
135. מרדכי עמנואל נח	ל. ע.	258
136. די נאַכט פאַר מתן־תורה	יהואָש	264
137. גרייס אַגילאַר	דר. אסתר לוריע	265
138. דער פּאָרטוגעזישער בית־עולם	י. י. שוואַרץ	268
139. הערשעלע	י. דינעזאָן	270
140. דער גמרא־ניגון	אברהם רייזען	272
141. ר׳ שמעון קאַפּטאַן	אליקום צונזער	275
142. אליהו הנביא׳ס זעהונג	יהואָש	277
143. עמאַ לאַזאַרוס	ל. ע.	278
144. ביים ברעג פון סמבטיון	ה. רויזענבלאַט	281
145. די דריי רינגען	נאָך לעסינג	283
146. ברכי נפשי	מאָררים ראָזענפעלד	286
147. מענדעלי מוכר־ספרים	בן־עמי	291
148. רבי עקיבא	א. ליעסין	292
149. די „רעליגיאָנס־פּריהייט“ און איהר אידישער בעשעפער	ל. ע.	296
150. פון ישעיה (נדרשתי ללא שאלוני)	אברהם רייזען	298
151. גלות	א. ל. ד׳אָר	298
152. מלחמה	אברהם רייזען	304
153. והיה באחרית הימים	פון תנ״ך	304

פאָררעדע.

דאָס לעהר־בוך „פון אידישען קוואַל“ איז, אַזוי ווי לעאָן עלבע׳ס אָנפאַנגס־ביכעל „די אידישע שפּראַך“, אַרויסגעוואַקסען פון די אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולעס. דער מאָטיוו איז געווען דערזעלבער: עס האָט זיך זעהר געוואָלט שאַפען פאַר׳ן אַמעריקאַנעם אידישען קינד אַ לעהר־בוך, וואָס זאָל אין דער זעלבער צייט זיין אי אידיש אי מענשליך, און זאָל אָפּשפּיגלען דאָס אַלטע ווי דאָס נייע אידישע לעבען און זאָל בעזונדערס זיין צוגעפּאַסט פאַר דער נייער אידיש־אַמעריקאַנער סביבה. דער פאַקט, וואָס דאָס לעהר־ביכעל „אונזער נייע שול“, וועלכעס איז פון די אידיש־רוסישע אויסגאַבען דאָס געלונגענסטע פאַר קינדער פון דעם ענטשפּרעכענדען עלטער, איז, איבער דער מלחמה, אין אַמעריקע איצט ניט בנמצא, האָט די צוזאַמענשטעלונג פון דעם איצטיגען ווערק געמאַכט פאַר אַן אַבסאָלוטע נויטווענדיגקייט.

מיט׳ן איצטיגען ביכעל האָבען מיר געוואָלט ניט בלויז אונטעררכטען, נאָר אויך ערציהען. הגם אונזער הויפּט־ציל איז געווען די אידישע שפּראַך, האָבען מיר דאָך ניט ווייניגער געזאָרגט אויך פאַר דער ערציהונג פון קינד. מיר האָבען אונזערע קינדער געוואָלט אַריינפיהרען אין דער אידישער ליטעראַטור, און דעריבער גיבען מיר פערשיידענע מוסטערן פון דער אידישער פּאָעזיע און פּראָזע.

ניט אומזיסט רופען מיר אונזער ביכעל: „פון אידישען קוואַל“. מיט דער אויסנאַם פון בלויז צוויי זאַכען (לעסינג׳ס מעשה מיט „די דריי רינגען“ און הערוועג׳ס ליד „צום אַרבייטער־פאָלק“), איז אַלץ וואָס קומט דאָ אַריין פערפאַסט פון אידען און האָט אַ אידישען אינהאַלט; און אינגאַנצען זיינען דאָ בלויז אַ פּאָר זאַכען, וואָס זיינען איבערגעזעצט פון אייראָפּעאישע שפּראַכען. מיר האָבען געוואָלט געבען דעם קינד אַזוי פיעל אידישע ידיעות, וויפיעל עס איז נאָר פּאַסיג פאַר זיינע יאָהרען און צוגענגליך פאַר זיין השגה. מיר האָבען איהם געוואָלט געבען אַזוי פיעל אידישעס וויסען, וויפיעל עס איז נאָר נויטיג פאַר דעם, אַז עס זאָל דאָס אידישע לעבען פערשטעהן און זיך נאָהענט צום האַרצען נעהמען. דערפאַר האָבען מיר אַריינגעגעבען אַזוי פיעל מוסטערן פון די נביאים, אַזוי פיעל אידישע אגדות און איניגע קאַפּיטלעך פון דער

אידישער מאַרטיראָלאָגיע פון פאַרצייטען און מיטעלאַלטער און אייניגע מעשיות אָדער לעגענדעס, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם אידישען גלויבען און אַבערגלויבען.

ווענדיג געבען אונזערע קינדער אַן עכט־אידישע ערציהונג, און וויסענדיג דעם גרויסען ערציהערישען און נאַציאָנאַליזירענדען ווערט פון פאָלקלאָר, האָבען מיר אַ בעזונדערס חשוב'ען פּלאַץ אָפּגעגעבען די אידישע פאָלקס־ווערטלעך, פאָלקס־מעשיות און לעגענדעס. אַזעלכע אגדות ווי „שלמה המלך און דער אַשמדאַי", „אַלכסנדר מוקדון" און אַנדערע תלמוד'ישע געשיכטעס, און אַזעלכע פאָלקס־מעשיות און באַלאַדעס ווי וועגען דעם פּראָגער גולם, דעם למד־וואָו'ניק, אליהו הנביא און אַנדערע, זיינען אַ געזונטע גייסטיג־נאַציאָנאַלע שפּייז פאַר'ן יונגען אידישען דור. אָנשטאָט וואָס דאָס אידיש־אַמעריקאַנער קינד זאָל שטילען זיין פריהסטען פאָעטישען דאָרשט פון פרעמדע ברונימער, זאָל זיין קינדישע פאַנטאַזיע זיך בעסער אָנטרינקען פון אידישען קוואַל. זאָל דער חאַראַקטער פון אידיש־אַמעריקאַנישען קינד זיך אויסבילדען אונטער'ן אייגענעם אידישען איינפלוס און זאָל זיין צאַרטע יונגע נשמה גליהען מיט בעגייסטערונג, ניט פאַר פרעמדע, נאָר פאַר אונזערע אייגענע היסטאָרישע און פאָלקס־העלדען.

אין דער זעלבער צייט האָבען מיר אָבער אויך דאָס אַלגעמיין־מענשליכע ניט אויסגעלאָזט פון אויג. אַ חוץ די פיעלע לידער און ערצעהלונגען, וואָס האָבען גאָרניט צו טאָן מיט אידישקייט נאָר זיינען בלויז גוטע בעשרייבונגען פון דער נאַטור און דריקען אויס אַלגעמיין־מענשליכע געפיהלען און שטימונגען, האָבען מיר מיט אַ בעזונדערער כונה אויך אַריינגעגעבען פיעלע זאַכען, וועלכע ענטהאַלטען דאָס נייע, וואָס איז אין משך פון די לעצטע דרייסיג יאָהר איינגעזאַפּט געוואָרען אין בעוואוסטזיין און געוואָרען אַ טייל פונ'ם גלויבען פון דעם מאָדערנעם אידען — דאָס אַלץ, וואָס דריקט אויס אונזער שטרעבונג צו סאָציאַלער גערעכטיגקייט.

מיר האָבען אויך ניט געקענט פערשוויגען וועגען דער גרויסער איבערקעהרעניש, וואָס די עמיגראַציע האָט אָנגעמאַכט אין דעם אידישען לעבען און די חבלי־לידה פון דער גרויסער אידישער איבערפלאַנצונג אין דער נייער היים. דעריבער האָבען מיר, ניט קוקענדיג אויף די צאַרטע יאָהרען פון די קינדער, אויך אַריינגעגעבען זאַכען, וואָס שילדערן די טראַגעדיע פון דעם אידען'ס שיידונג מיט דער אַלטער היים און זיינע וואַנדערונגען. זאָלען אונזערע קינדער אויך וויסען, וואָס עס הייסט זיין אַ נע־ונד פאָלק, און זאָלען זיי מיט מעהר אכטונג און דרך־ארץ קוקען אויף זייערע עלטערן, ווי אויף טרעגער פון גרויסע יסורים און קרבנות פון גרויזאַמער אומגערעכטיגקייט.

זעלבסטפערשטענדליך, האָבען מיר זיך געמיהט צו מאַכען דאָס בוכעל אַמעריקאַניש. מיר האָבען געוואָלט ווייזען דעם קינד, אַז אַמעריקע

איז ניט עפּעס, וואָס איז אינגאַנצען אָפּגעריסען, אָפּגעטיילט פון אונזער אידיש לעבען. מיר האָבען איהם געוואָלט ווייזען, אַז, פון איין זייט, האָבען מיר אידען אַ גרויסען חלק אין אַמעריקע און איהר אויפבויאונג, און, פון דער אַנדער זייט, ווי אַזוי דאָס דענקענדיגע און פיהלענדיגע אי־דענטום רעאַגירט אויף אַמעריקע און דעם אַמעריקאַנער לעבען. און דאָס איז געווען די אורזאַך, פאַרוואָס מיר האָבען אין אונזער ביכעל אַריינ־גענעבען איניגע קאַפּיטלעך פון דער אידיש־אַמעריקאַנער געשיכטע און בעשרייבונגען פון איניגע אידיש־אַמעריקאַנישע פּערזענליכקייטען און אויך אַריינגענומען אַזוי פיעל שילדערונגען פון היגען, אידישען און אַלגעמיינעם, לעבען.

און ווייל דאָס ביכעל איז אַמעריקאַניש, און איז הויפּטזעכליך גע־מיינט פאַר אַמעריקאַנער קינדער אָדער לערנער, האָבען מיר אויך דאָ גע־פאָלגט דעם ביישפּיל פון „די אידישע שפּראַך" און אַריינגענומען יענע ענגלישע ווערטער, וואָס זיינען דאָ איינגעבירגערט געוואָרען אין אונזער מאַמע־לשון. אויסלאָזען אַזעלכע אַמעריקאַניזמען וואָלט הייסען אָדער פּעדאַנטיש געהן געגען לעבען, אָדער, וואָס איז נאָך ערגער, די טויערן פון דעם קינד'ס וויסען פּשוט פערקלאַפּען פאַר מאַנכע נייע בעגריפען, וואָס דאָס היגע לעבען האָט אַריינגעבראַכט אין דער אידישער גאַס.

רעדענדיג וועגען די ענגלישע ווערטער, ווילען מיר אויך אָנווייזען אויף די מעהרערע ענגלישע איבערזעצונגען, וואָס מיר גיבען אין די אָפּטייטשונגען. דער צוועק פון דיזע אָפּטייטשונגען איז געווען צו געבען דעם אַמעריקאַנעם קינד אַ גענויע, קאָרעקטע און מאָדערנע בעטייטונג פון די ווייניגער פערשטענדליכע ווערטער, אידיאָמען און אויסדריקען וואָס קומען אַריין אין דיזען ביכעל. און אַט די גענויקייט, קאָרעקטקייט און מאָדערנקייט, איבערהויפּט אין באָטאַנישע און זאָאָלאָגישע בעגריפען, האָט מאַנכעסמאָל נויטיג געמאַכט אָפּצואווייכען פון אונזער כלל פון „אידיש באידיש" און בענוצען זיך מיט ענגלישע איבערזעצונגען.

מיר מוזען אויך דערמאָנען די איניגע מלחמה־זאַכען, וואָס קומען דאָ אַריין אין בוך. מיר האָבען, אמת, געשאַנעוועט די צאַרטע געפיהלען פון אונזערע קינדער, דאָך האָבען מיר פון זיי ניט געקענט פערבאָרגען די נייסטע תוכחה, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסען אויפ'ן קאָפּ פון אונזער אומגליקליך פאָלק. זאָל דער מורא'דיגער חורבן, וואָס די איצטיגע וועלט־מלחמה האָט געבראַכט אויף אונזער אומה, געפינען אַן אָפּקלאַנג אין דיזען בוך. זאָלען אונזערע קינדער דעם טראַגישען אָפּקלאַנג פער־נעהמען און וויסען, וועלכע מורא'דיגע און אומזיניגע קרבנות אונזער פאָלק האָט אין דער מלחמה געבראַכט און ווי העליש־גרויזאַם דאָס איז פאַר אונז בעלוינט געוואָרען.

נאָך איין וואָרט וועגען אונזערע אויטאָרען, און מיר זיינען צו ענדע מיט אונזער אַלגעמיינער פאָררעדע. מיר האָבען, פערשטעהט זיך, ניט געקענט אַריינגעהמען אַלע אונזערע פּאָעטען און פּראָזע־שרייבער אין

אונזער בוך. אַ לעהר־בוך, און אַפילו אַ חרעסטאָמאַטיע, איז ניט קיין אַנטאָלאָגיע. מיר האָבען אויף קיין אײן מאָמענט ניט פערגעסען, אַז דאָס ביכעל איז פאַר קינדער און איז אַ טעקסט־בוך פון אידישער ערציהונג. מיר האָבען דעריבער געזוכט אַזעלכע זאַכען, וואָס, אַ חוץ אַ ליטעראַרישען און סטילוסטישען ווערט, זאָלען זײ אויך האָבען אַ מאָדערן־אידיש־ערציהערישען ווערט און וואָס זאָלען זײן צוגענגליך פאַר קינדער. און בלויז אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען ענטשפּראָכען דיזען ציל, האָבען מיר דאָ אַרײנגענומען.

אַ פּאָר ווערטער צום לעהרער איבערהויפּט.

אַ חוץ דאָס אויבענגעשריבענע פאַר'ן פּובליקום בכלל, ווילען מיר נאָך עטוואָס זאָגען צום לעהרער פון די אידישע שולעס, ווי אויך צום אינטעליגענטען פאָטער, אָדער מוטער, וואָס ערפילען די פונקציע פון אַ לעהרער.

דאָס ביכעל איז פאַר קינדער, וואָס האָבען שוין בעמײסטערט די טעכניק פון לעזען און שרײבען אידיש און האָבען שוין אַ קלײנעם אידישען ווערטער־שאַץ און אַ ידיעה אין אײניגע אידישע לידלעך און מעשה'לעך. קינדער, וואָס זײנען דורכגעגאַנגען אַן ערך אַזאַ ידיעה אין אידיש, ווי עס געפינט זיך אין עלבע'ס „די אידישע שפּראַך“, זײנען פאָלשטענדיג רײף פאַר'ן בוך „פון אידישען קוואַל“.

דאָס איצטיגע ווערק דאַרף אויספילען אַ משך פון אומגעפעהר דרײ זמנים אינ'ם סדר־הלימוד פון די אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולעס, וואָס זײנען מײסטענטײלס, לײדער, נאָך אַלץ אָפען בלויז שבת און זונטאָג. פערשטעהט זיך, אַז אין אַ טעגליכער שולע קען מען דעם קורס דורכמאַכען אין אַ סך קירצערער צײט. דורכגעהענדיג דאָס איצטיגע ביכעל, קען דאָס קינד, און דאָס זעלבע איז מיט'ן יעדען לערנער פון דער אידישער שפּראַך, גלײך צוטרעטען צו אַ גרויסער חרעסטאָמאַטיע פון אידישער ליטעראַטור, אָדער, על־פּי נויט, צו דער ליטעראַטור זעלבסט.

צוזאַמענגעשטעלט איז דאָס ביכעל זעהר פּאָזיטיוויג און לויט דעם אַלטען זעלבסטפערשטענדליכען פּעדאַגאָגישען כלל : „מן הקל אל הכבד“. מיר האַלטען עס דעריבער פאַר העכסט נויטיג, אַז דאָס ביכעל זאָל געלערנט ווערען כסדר, ניט געהיפּערט און ניט געדרעהט. עס איז זעהר וווינשענסווערט, אַז פּיעלע לידער, איבערהויפּט די לײכטערע, זאָלען די קינדער אויסלערנען אויף אויסווענדיג. דאָס וועט אָהן צווײפעל בערײכערן זײער אידיש און העלפען, אַז עס זאָל ווערען זײער לעבעדיגער, פליסיג־געשפּראָכענער לשון.

דער פּלאַן פון בוך איז ווי אַ ספּיראַל. עס איז אײנגעטײלט אין דרײ אָפּטײלונגען, און די העכערע צוויי אָפּטײלונגען זײנען אויגענשײנליך אַ מין ווידערהאָלונג, אָבער אין אמת'ן גאָר אַ פערטיפונג און אויסברײטונג פון דער ערשטער אָפּטײלונג. אין אַלע דרײ ווערען געגעבען בע־

שרייבונגען פון דער נאַטור וועדליג די פיער תקופות פון יאָהר־און פון די אידישע יום־טובים. אָבער בשעת אין דער ערשטער אָפּטיילונג איז די אויפפאַסונג הייטער, קינדיש־צאַרט און מעשה׳דיג־פאַנטאַסטיש, ווערט זי אין די צוויי העכערע אָפּטיילונגען אַלץ טיפער און ערנסטער, אַלץ מעהר קולטור־היסטאָריש און מאָדערן־ברויטזיניג.

זיין עלעמענטאַרסטען חוב וועט דער לעהרער דערפילען, ווען ער וועט, אויב נויטיג, מיט דער הילף פון די אָפּטייטשונגען און דערקלערונגען, דעם קינד געבען צו פערשטעהן די פולע בעטייטונג און דעם זין פון די מעשה׳לעך און די לידער, און ענטוויקלען אין איהם אַ געשמאַק פאַר דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור. עס וועט אָבער אויך זיין העכסט־ווינשענסווערט מצד דעם לעהרער, ער זאָל די געדאַנקען און די ידיעות פון פיעלע פון די געגעבענע זאַכען ווייטער אויסברייטען דורך שמועסען מיט די קינדער און דורך דערצעהלען זיי עהנליכע געשיכטעס. עס דאַרף, למשל, ניט שווער זיין נאָך פּרץ׳עס אַ חסידיש מעשה׳לע די קינדער עפּעס געבען צו פערשטעהן וועגען חסידות; נאָך אַנ־סקי׳ס מעשה׳לע וועגען יאָסעלע גולם — נאָך עטוואָס וועגען קבלה און אידישען פאָלקלאָר; נאָך די לידער פון די נביאים און וועגען דעם תלמוד — וועגען דיזע ענינים ווייטער צו רעדען; נאָך ז. ליבין׳ס „ווען דער פאַפּאַ סטרייקט“ — עטוואָס צו דערקלערען די קינדער וועגען סטרייקס און אַרבייטער־קעמפּפען בכלל, און נאָך א. ל. ד׳אָר׳ס מלחמה־בילד — זיך אַ ביסעל מעהר אויסברייטען מכח די ווילדע רציחות פון דער רוסישער רעגירונג געגען אונזער פאָלק אין דער איצטיגער מלחמה.

זעלבסטפערשטענדליך, דאַרפען די קינדער צוגעוועהנט ווערען, אַז זיי זאָלען די מעשה׳לעך איבערדערצעהלען מיט אייגענע ווערטער. דער אינהאַלט פון פיעלע פון די ערצעהלונגען און אַרטיקעלעך קען אויך דיענען אויף צו פערגעבען די קינדער טעמעס פאַר אייגענע פערפאַסונגען.

מיר ווילען דאָ ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון לעהרער אויף דעם אויסוואַהל פון די ווערק אין אונזער ביכעל בנוגע דעם העברעאישען עלעמענט. מיר האָבען זיך בעזונדערס בעמיהט אַריינצוגעבען וואָס מעהר זאַכען, וואו דאָס העברעאישע עלעמענט איז שטאַרק און נאַטירליך פערטראָטען. עס דאַרף ניט זיין קיין ספק פאַר יעדען, וואָס האָט ערנסט שטודירט די אידישע שפּראַך, אַז איהר גאַנצע זאַלץ און שמאַלץ איז איהר העברעאיש עלעמענט. נעהמט פון אונזער שפּראַך אַוועק איהרע העברעאישע ווערטער און אויסדריקען, און איהר נעהמט פון איהר אַוועק איהרע שעהנערע און הייליגערע השגות, איהר אידישען חן און אייגענטימליכקייט. פון דער אַנדער זייט, איז אָבער אומזיניג, קינסטליך אָנצופּיקעווען די שפּראַך מיט העברעאיזמען, און נאָר דער וואָס איז אַן אמת׳ער מבין אויף דער נשמה פון אונזער לשון, פערשטעהט ווי אַזוי פערנינפטיג אַריינצוואוועבען דאָס לשון־קודש׳דיגע אין די אַנדערע עלעמענטען פון אונזער שפּראַך. דער לעהרער ווערט געבעטען צו פעראינ־

טערעסירען די קינדער מיט דיזען זעהר דעליקאַטען ענין, וואָס אָהן דעם איז ניט מעגליך גרינטליך איינצוזאַפּען אין זיך דעם גייסט פון דער אידישער שפּראַך. און אין דעם פּרט מעג דאָס מייסטע פון אונזער אויס־וואַהל דיענען אַלס מוסטער פאַר'ן לעהרער און אַלס וועגווייזער פאַר'ן קינד.

דאָ אין בוך האָבען מיר פערטראָטען אַ גרויסע פערשיידענאַרטיגקייט פון סטילען, פון דעם סטיל פון תנ"ך, אגדות און מיטעלאַלטערליכע אי־דישע לעגענדעס, ביז צו די סטילען פון אייניגע פון אונזערע נייסטע פּאָעטען און פּראָזע־שרייבער. אויף זיי אַלע, און ווי ווייט מעגליך, אויף זייערע בעזונדערהייטען, בעטען מיר דעם לעהרער אויפמערקזאַם צו מאַ־כען די קינדער. גאָר בעזונדערס בעטען מיר איהם זיי אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף די סטילען פון די זיילען פון אונזער ליטעראַטור, ווי מענדעלי מוכר־ספרים, שלום־עליכם א. ד. גל.

מיר מאַכען אויפמערקזאַם דעם לעהרער אויף די דיאַלעקטען. דער הערשענדער דיאַלעקט אין אונזער ביכעל איז, ווי אין אונזער פּרעסע און ליטעראַטור בכלל, דער ליטווישער, מיט דער אויסנאַם, וואָס מיר האָבען אָפּגעהיט דאָס אַרטיקעל און אימער אונטערשיידט צווישען דעם מענליכען, ווייבליכען אָדער זעכליכען געשלעכט, לויט ווי דאָס ווערט אָפּגעהיט פון אונזערע מעהרסטע קלאַסיקער. אַ חוץ דעם ליטווישען דיאַ־לעקט האָבען מיר אָבער אויך אָפּגעגעבען אַ געהעריגען פּלאַץ דעם זיד־רוסישען און פּוילישען דיאַלעקט, און האָבען מיט אַ כיון איבערגעלאָזט פיעלע בעזונדערע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען און אָפּוויכונגען אין די זאַכען פון פּרץ, אַש און אַנדערע, האָטש אַפילו זיי קלינגען ניט גאָר היימיש פאַר די מעהרסטע קינדער פון די אידישע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולעס.

דער לעהרער פון זיין זייט ווערט אויך געבעטען צו ציהען די אויפ־מערקזאַמקייט פון די קינדער אויף די פערשיידענע דיאַלעקטען און די בעזונדערע פאָרמען, וואָס געוויסע ווערטער נעהמען אין זיי אָן. זעהר אָפּט איז אַזאַ דערקלערונג אַבסאָלוט נויטיג, אַז ניט ועט דאָס קינד קימען צום שלום, אַז פיעלע פון אונזערע לידער האָבען שלעכטע גראַמען. למשל, אין וואַרשאַווסקי'ס „חד גדיא" (לעקציע 128) זיינען דאָ די פער־זען:

„גאָט איז צוריק צום הימעל אַרויף,
„יעדעס לידעל האָט זיין סוף".

דאָ איז נויטיג פאַר'ן קינד צו וויסען, אַז דער איד פון זיד־רוסלאַנד (און אויך פּוילען), וואו וואַרשאַווסקי האָט געלעבט, זאָגט ניט „אַרויף", ווי דער ליטוואַק, נאָר „אַראָף", וועט שוין ביי איהם רעכט זיין דער גראַם מיט „סוף". דאָס זעלבע איז אויך מיט שוואַרץ'עס ליד „די נייע היים" (לעקציע 96), וואו עס געפינען זיך די פערזען:

„און אָפּגעריסען ווי אַ צווייג פון אַלטען בוים",
„גענומען האָבען מיר זיך בויען אונזער נייע היים".

דאָ איז פֿאַר'ן קינד נויטיג צו וויסען, אַז אין דער ליטא, פֿון וואַנען י. י. שוואַרץ קומט, זאָגט מען ניט „באָים“, נאָר „בוים“, און דאַן גראַמט עס זיך גאַנץ גוט מיט „היום“.

צולעצט אַ פּאָר ווערטער וועגען דער אָרטאָגראַפֿיע. דער לעהרער וועט בעמערקען, אַז מיר היטען אָפּ אַן איינהייטליכע אויסלעגונג. ווער נאָך ווי אַ לעהרער ווייסט, וויפֿיעל צרות מען האָט עס בײם לערנען אַ קינד אידיש פֿון דער אומבעשטענדיגקייט פֿון דער אידישער אָרטאָגראַפֿיע, און אויף וויפֿיעל דיזע און אַנדערע ניט־פּינקטליכקייטען דיענען אַלס געוועהר אין די הענט פֿון די שונאים פֿון דער אידישער שפּראַך? אַן איינהייטליכע אָרטאָגראַפֿיע איז איינס פֿון די שטאַרקסטע מיטלען אויפֿצוהויבען דעם כבוד פֿון אידיש ביי אונזערע קינדער.

אָפּהיטענדיג אין אונזער אידיש אַן איינהייטליכע אָרטאָגראַפֿיע, האָבען מיר זיך בעמיהט אַוועקצושטעלען זי אויף די יסודות פֿון פֿאָנעטישקייט און איינפֿאַכקייט. אונזער כלל איז, צו שרייבען אַזוי ווי מען הערט און אַזוי ווי דאָס פֿאָלק רעדט. מיר געהען אָבער אין אונזער פֿאָנעטישקייט און איינפֿאַכקייט ניט אַזוי ווייט ווי מאַנכע פֿון אונזערע פֿילאָלאָגען און פּעדאַגאָגען. מיר זיינען ניט מחויב צו אָנערקענען און געבען בירגער־רעכט אַלע פֿערגרייזטע פֿאָרמען און שפּראַך־פֿערשליכונגען פֿון פֿאָלק. מיר קענען אויך ניט בעווייזען אויסצולערנען אונזערע קינדער אַזאַ אידיש, וואָס זאָל לחלוטין זיי אָפּפֿרעמדען פֿון דעם לשון, וואָס ווערט געברויכט אין דער גאַנצער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע. שאַרפֿע, ראַדיקאַלע ענדערונגען זיינען נאָר פֿאַר פֿילאָלאָגען און אַקאַדעמיקער, אָבער ניט פֿאַר קינדער, וואָס לערנען ערשט די שפּראַך, און וועמען מען וויל בעהעפֿטען מיט דער גרויסער פֿאָלקס־משפּחה. אַזוי האָבען מיר די שטומע „עיינס“ און „הא'ען“ אַרויסגעוואָרפֿען, איבערלאָזענדיג בלויז יענע „עיינס“ און „הא'ען“, וואָס זיינען נויטיג אָפּצושיידען געוויסע ווערטער פֿון אַנדערע, ווי, למשל: „קריעג“ (פֿיהרען קריעג, מלחמה האַלטען) פֿון „קריג“ (דעם רבים פֿון „קרוג“ אָדער דער ציווי פֿון „קריגען“ — ברענגען, דערקאַזשען), און „אָהן“ (ווי אין „אָהן אַ הוטעל“) פֿון „אָן“ (ווי אין „טו אָן דאָס הוטעל“, אָדער ווי אין „עס ווענדט זיך אָן איהם“), וכדומה. אויך האָבען מיר אַרויסגעוואָרפֿען די דאָפּעל־בוכשטאַבען, איבערלאָזענדיג זיי בלויז אין יענע פֿאַלען, וואו דער בוכשטאַב ווערט געדאָפּעלט אַלס רעזולטאַט פֿון דער פֿערבינדונג פֿון דעם וואָרט מיט אַ פֿאָרזילבע (פּרעפֿיקס), ווי אין „איבעררעשונג“ (איבער־ראַשונג), „פֿעררייסען“ (פֿער־רייסען) א. אַז. וו.

מיר וואַגען ניט צו בעהויפּטען, דאָס אונזער אָרטאָגראַפֿיע איז פֿאָלשטענדיג מוסטערהאַפֿט און איז דאָס לעצטע וואָרט אין דיזען ווינקעל פֿון אידישער שפּראַך־פֿאָרשונג. אָבער כל־זמן עס געהען נאָך ביי אונז וועגען דעם ענין אַן אַזוי פֿיעל שטרייטיגקייטען, קענען מיר גאַנץ געוויסענהאַפֿט רעקאָמענדירען די אויסלעגונג פֿון אונזער ביכעל אַלס סטאַנדאַרד פֿאַר אַלע אידישע שולען.

אונזער דאַנק און ענטשולדיגונג.

די זאַכען, וואָס קומען אַריין אין אונזער בוך, זיינען, ווי עס איז צו זעהן פון אינהאַלטס־פערצייכעניס, פון פערשיידענע אידישע שרייבער. דאָס איז אויך געווען אומפערמיידליך אין אַ ווערק, וואָס שטרעבט צו זיין אַ טעקסט־בוך פון אידיש־קולטורעלע ידיעות און אָנפאַנגס־חרעסטאָמאַטיע פון אונזער ליטעראַטור. מיר האָבען נעמליך געטאָן דאָס זעלבע וואָס ווערט געטאָן אויף שריט און טריט ביי די אומות העולם און וואָס איז שוין אויך געטאָן געוואָרען ביי דער צוזאַמענשטעלונג פון אידישע לעהר־ביכער פאַר אונז.

מיר דאַנקען דאָ האַרצליך אונזערע פּאָעטען און פּראָזאַ־שרייבער, ווי אויך אונזערע פערלעגער, פאַר זייערע שאַפונגען און לייסטונגען, מיט וועלכע זיי האָבען מעגליך געמאַכט פאַר אַ אידישען פּעדאַגאָג אָנצופאַנגען דעם בנין פון דער פּראָגרעסיוו־נאַציאָנאַלער אידישער ערציהונג, און מיר האָפען, אַז סאַי די אויטאָרען און סאַי די פערלעגער וועלען זיין צופרידען דערמיט וואָס מיר האָבען זייערע זאַכען אַריינגענומען אין אונזער ביכעל. אַ אידישען שרייבער׳ס העכסטעס גליק דאַרף זיין צו ווערען אַ טייל פון דער אידישער שפּראַך און דער גייסטיגער שפּייזער און דערקוויקער פון דעם יונגען אידישען דור. און די פערלעגער דאַרפען זיין צופרידען מיט׳ן לעזע־פּובליקום, וואָס אַזעלכע ביכער ווי „פון אידישען קוואַל“ מוזען שאַפען פאַר׳ן אידישען בוך בכלל און פאַר זייערע אויסגאַבען בפרט.

אין דער זעלבער צייט בעטען מיר אונזערע פּאָעטען און פּראָזע־שרייבער אויך האַרצליך אום ענטשולדיגונג פאַר די ענדערונגען, וואָס מיר זיינען אָפטמאָל געצוואונגען געווען צו מאַכען אין זייערע ווערק. מיר האָבען עס ניט געטאָן אויס מוטוויליגקייט אָדער חלילה מיט׳ן וואונש וועמען עס איז אויסצובעסערן. מיר האָבען עס בלויז געטאָן, אום די זאַכען, וואָס זיינען דאָך לכתחילה געווען געמיינט פאַר דערוואַקסענע, צוצופּאַסען פאַר קינדער. אַמאָל איז נויטיג געווען די זאַך צו קירצען, אַמאָל אויסצולאָזען אַ שילדערונג אָדער אַ געדאַנק, וואָס איז ניט פּאַסיג פאַר׳ן צאַרטען קינדערשען עלטער. אַ פּאָר מאָל האָבען מיר צו די זאַכען וואָס זיינען אַרויסגענומען געוואָרען פון אַ רעכטען מיטען פון אַ גרעסער ווערק, געמוזט צושרייבען אַ פּאַסיגען אָנהויב. בלויז אין איניגע פאַלען האָבען מיר זיך ערלויבט צו מאַכען שפּראַכליכע אָדער סטיליסטישע ענדערונגען. מיר האָבען זיך געפונען גענויטיגט צו מאַכען די דאָזיגע קליינע ענדערונגען, פיהלענדיג אונזער פּעדאַגאָגישע פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר אונזערע קינדער. מיר האָבען אויף קיין איין ווילע ניט פערגעסען, אַז מיר שטעלען צונויף אַ לעהר־בוך פאַר קינדער, וואו יעדעס וואָרט מוז זיין קריסטאָל־קלאָר, געמאָסטען און געוואויגען.

און פאַר יעדען בעזונדערן פאַל, וואו אַזאַ אָדער אַפילו אַ ריין־טעכנישע ענדערונג איז געמאַכט געוואָרען, בעטען מיר אונזערע דיכטער און

שריפטשטעלער אום ענטשולדיגונג, און בכלל דאַנקען מיר האַרצליך זיי און זייערע פערלעגער פאַר צוגרייטען יענעם גאָלדענעם שטאָף, פון וועלכען עס ווערט איצט דאָ איבער'ן גאַנצען לאַנד אויפגעבויט דער הערליכען בנין פון דער נייער אידישער ערציהונג.

יואל ענטין — לעאָן עלבע

נויאָרק, ה' שבט, תרע"ו.

משה אַלס פּאַסטוך

י. ל. אַשכּנזי

ערשטע אָפּטיילונג.

1. אַ טרייער הירט

אַז משה האָט געפּיטערט יתרו׳ס שאָף אין מדבר, איז איינמאָל ביי איהם אַ שעפּעלע ענטלאָפען פון דער טשערעדע און ער האָט עס נאָכגעיאָגט און געטראָפען הינטער׳ן באַרג, ווי עס שטעהט ביים טייך און טרינקט. זאָגט משה: אָרים שעפּעלע, ניט געוואוסט האָב איך, אַז דו ביסט אַזוי דאָרשטיג, און אומזיסט דיך געיאָגט און געטריבען! איצט ביסטו נעבעך מיד, קום, אויפ׳ן אַקסעל וועל איך דיך נעהמען און צוריק אָפּטראָגען.

איז אַרוים אַ בת־קול און געזאָגט:

— דערפאַר וואָס דו האָסט אַזוי פיעל רחמנות אויף אַ שטומע צונג, וועסטו זוכה זיין צו פּיטערען מיינע הייליגע שאָף — דאָס פאָלק ישראל.

פון „די אידישע אַגדות“.

הירט — פּאַסטוך. בת־קול — אַ שטים פון הימעל.

2. דער קריעג פון די בוימער

די בוימער האָבען זיך איינמאָל צוהאַמפּערט צווישען זיך: ווער פון זיי איז בעסער?

דער דעמב האָט געזאָגט: „איך בין קיסר איבער אַלע בוימער. מיין וואָרצעל איז טיף אין דער ערד אריין; מיין שטאַם קאָנען דריי מענשען ניט אַרומנעהמען, און דער קאָפּ מיינער קוקט אין הימעל אַריין. מיינע בלעטער זיינען שעהן אויסגעשניצט, מיינע צווייגען זיינען ווי אייזען פעסט. איך נייג זיך פאַר קיין שטורעם, איך בויג זיך ניט פאַר קיין געוויטער".

דער עפּעלבוים האָט דערהערט, ווי דער דעמב בערימט זיך, און האָט געזאָגט: „בעריהם זיך ניט, דעמבוש! אמת, דו ביסט גרויס און דיק, דערפאַר וואַקסען אויף דיר נאָר אייכלען, אַ מאכל נאָר פאַר חזירים. זעה אָבער מיינע רויטינקע עפּעלעך — זיי טרעפען אפילו ביים קיסר אויפ'ן טיש".

„בעריהמט זיך, בעריהמט זיך!" האָט זיך די סאָסנע אריינגעמישט, „אָט באַלד וועט קומען דער ווינטער, וועט איהר ביידע בלייבען שטעהן הוילע, און פרירען. און איך וועל בלייבען שטעהן בעדעקט מיט מיינע גרינע נאָדלען. איך זעה אין מיין נאָדלען־קלייד אפילו ניט זעהר שעהן אויס, דערפאַר אָבער וואָלטען אָהן מיר די מענשען ניט געקאָנט אויסקומען: איך הייץ זיי די אויוועגס און בוי זייערע הייזער".

„אונזער נייע שול".

א בעריהמער איז גוט צו שלאָגען. — א נאר איז א בעל־גאוה.

ה אַ מ פּ ע ר ן ז י ך — אויס'טענה'ן זיך, קריעגען זיך.
ד ע מ ב — Oak. סאָסנע — טאַנענבוים, Pine.

ה. ד. נאָמבערג

3. בוי איך מיר אַ שיפעלע

ברעטלעך קויף איך מיר פאַר געלט,
שלאָג איך זיי צוזאַמען,
בוי איך מיר אַ שיפעלע
צו פאָהרען איבער ים'ען.

לאָז איך מיר אין וועג אַריין,
אין וועג אין ווייטען;
שפּרייט איך מיר אַ זעגעל אויף,
אַ לאַנגען און אַ ברייטען.

שפּרייט איך מיר אַ זעגעל אויף,
בלאָזט איהם אויף דער ווינט.
ווינט, דו ווינט, מיין שיפעל טראָג
צו יענעם ברעג געשווינד!

ה. ד. נאָמבערג.

4. משה און די אידען

אַז משה איז אויסגעוואַקסען און געזעהן, ווי מען פּייניגט זיינע ברידער, האָט ער נישט געקענט זייער צוקוקען. טיף האָט איהם אויף זיי דאָס האַרץ געקרענקט און נישט קוקענדיג אויף זיין הויכען ראַנג, האָט ער אַליין מיט זיינע אייגענע הענט מיטגעהאָלפען זיי אַרבייטען. ווי ווייט ער האָט געקענט, זיך ברידערליך בעמיהט צו פערלייכטערן זייער שווערען פיין: דעם אונטערגעשטעלט אַ פּלייצע, יענעם אונטערגעהויבען אַ צו שווערע משא, דאָ געקומען צו הילף אַ שוואַכער פרוי, דאָרט — אַן אַלטען מאַן אָדער אַ יונג קינד.

דערזעהן דאָס, האָט גאָט איהם געזאָגט:

— משה, דו ביסט פון קעניגליכען פּאַלאַץ צו די געפּאַלענע אידען אַרוים און ווי אַ געטרייער ברודער זיך מיט זיי בעגאַנגען — דערפאַר פערלאָז איך די הויכע הימלען און לאָז זיך פון דאָרט אַראָפּ מיט דיר צו רעדען.

פון די „אידישע אַגדות“.

אַ גוטען פריינד דערקענט מען אין נויט. — צרות איז די שווערסטע משא. — וואו ליבשאַפט, דאָרט איז קיין ענגשאַפט.

ר אַ נ ג — גראַד, שטאַנד.

5. מיין קעצעלע

איך האָב געהאַט אַ קעצעלע,
אַ קעצעלע אַ ווייס,
מיט אויערלעך צוויי שפּיציגע
צו שפּירען נאָך די מייז;
מיט אויגעלעך צוויי געלינקע,
ווי אמת'ער בורשטין,
וואָס פלעגען זיך אָפּט אָנצינדען
און פינקלען גאָלדיג־גרין.
איהר קליינע ווייסע פעלכעלע
געהאַט האָט צאַרטע האָר,

דוד איינהאָרן

וואָס זי פלעגט תמיד ריינינגען
און האַלטען תמיד קלאָר.
און טאָמער פלעגט אַ טראָפּעלע
אַרויפפאַלען אויף איהר,
דאַן פלעגט זי נעהמען פוצען זיך
און וואַשען אָהן אַ שיעור.
דאָס קליינע ווייסע קעצעלע
געווען איז זעהר קלוג:
זי האָט געוואוסט דאָס ווינקעלע,
וואו ס'שטעהט פון מילך דער קרוג;
און וואו דאָס טעפּעל פוטער איז,
פון שפּייז־אַלמער דעם פּלאַץ —
(אַ גרויסע, גרויסע נאַשערקע
געוועזען איז מיין קאַץ).
זי פלעגט זיך שטיל פער'גנב'ענען,
בשעת איך פלעג נישט זעהן,

און אויפנאַשען אין שפייז-אַלמער
דאָרט אַלץ, וואָס איז געווען.
און ווען איך פלעג צוריקקומען,
דאַן פלעגט זי זיצען שטיל
און וואַשען זיך די וואָנציקעס
און מורקען מיט געפיהל.
נאָר איינמאָל איז געשעהן מיט איהר
אַ מעשה גאָר אַ שרעק:
אויף יאַגד נאָך קליינע פויגעלעך
איז זי אין הויף אַוועק;
פון הויף אין פעלד, און יאָגענדיג
די פויגעלעך צום וואַלד, —
אַן אָדלער מיט אַן אָדלערטע
בעגעגענט האָט זי באַלד.
אומזיסט האָט זי געבעטען זיך,
געמיאַוקעט און געוויינט, —
די בייזע אָדלער האָבען נישט
איהר פעלכעלע געשוינט;
צוריסען זי אויף שטיקעלעך,
געלאָזען נאָר דעם עק,
איהם האָב איך נאָכדעם ליעגענדיג
געפונען אויפ'ן וועג.

דוד איינהאָרן.

אַז די בעל-הבית'טע איז אַ שלימזל'ניצע, איז די קאַץ אַ בריה. — אַז מען שפילט זיך מיט אַ קאַץ, מוז מען פאַר ליב נעהמען איהר קראַץ. — אַ קאַץ זאָל מען פאַר קיין סאַרווער ניט מאַכען. — אַ קאַץ קען אויך קאַליע מאַכען. — אַ קאַץ שיקט מען ניט נאָך פוטער און אַ הונט נאָך פלייש. — די קאַץ ווייסט וואָס זי נאַשט. — ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער?

בורשטין — Amber. שיעור — מאָס, גרענעץ. סאַרווער — אַ דיענער, וואָס דערלאַנגט צום טיש, דאָס רוב אויף חתונות.

6. דער פוקס און דער וואָלף

(פון ר׳ מאיר׳ס משלים)

אַמאָל איז אָנגעפאַלען אַ הונגעריגער וואָלף אויף אַ פוקס און איהם געוואָלט צורייסען. זאָגט צו איהם דער פוקס: „וואָס קען איך ביי דיר קלעקען? איינגאַנצען אויף איין צאָהן, אַז איך בין הוילע פעל און ביינער. אויב דו ווילסט יאָ רעכט הנאה האָבען, פאָלג מיך און געה אַריין אין אַ אידישען הויף, היינט איז ביי זיי ערב שבת, וועסטו זיי מיטהעלפען צוגרייטען צו דער שבת׳דיגער סעודה, און דערפאַר וועסטו בעקומען שבת אַ פעטען חלק“. פאָלגט ער איהם און לאָזט זיך לויפען. ווי נאָר ער האָט געוואָלט אַריין אין ערשטען אידישען הויף, איז מען אַרויס אַקעגען איהם מיט שטעקענס, גוט דורכגעבראָכען איהם די ביינער און איהם פערטריבען. קומט ער קוים אַ לעבעדיגער צום פוקס צוריק און איז מלא רציחה: „דו אַזוינער און אַזוינער, פערפיהרען האָסטו מיך געוואָלט, נאָר צורייסען וועל איך דיך!“

— זיי ניט אַזוי אויפגעבראַכט — בערוהיגט איהם דער פוקס — נישט אַנדערש דו האָסט בעקומען די קלעפ נאָר פאַר דיין פאָטערס חטאים: ער האָט אַנומעלט זיי מיטגעהאָלפען צוגרייטען צו דער סעודה, האָט ער בשעת מעשה אויסגעהאַפט וואו נאָר אַ פעטען ביסען.

— נו איז וואָס? — שרייט דער וואָלף — פאַר׳ן טאַטען׳ס חטאים קומט מיך שמייסען!

— וואָס מיינסטו, נאַרעלע, — זאָגט דער פוקס — אַזוי איז עס שוין: „די פאָטערס עסען זויערס און ביי די קינדער ווערען די צייהן אייליג“. נאָר איך זעה, אַז דו ביסט נעבעך שטאַרק אויסגעהונגערט און אויסגעמאַטערט, קום מיט מיר, וועל איך דיר ווייזען אַן אָרט וואו דו וועסט זיך אָנעסען צו זאַט.

פיהרט איהם דער פוקס אַוועק צו אַ ברונים, אויף וועלכען עס איז געווען איבערגעלעגט אַ הילצערן וועלצעל מיט אַ שטריק אַרום איהם אַרומגעוויקעלט און מיט עמער פון

ביידע זייטען אָנגעבונדען ביי ביידע עקען שטריק, אַזוי אַז איין עמער לאָזט זיך אין ברונים אַראָפּ, הויבט זיך דער אַנדערער אויף. זעצט זיך דער פוקס אַריין אין אויבערשטען עמער און לאָזט זיך אַראָפּ, הויבט זיך דער אונטערשטער אַרויף. שרייט דער וואָלף אַריין אין ברונים: „העי, פוקס, וואָס טוסטו דאָרט אַזוינס?“ זאָגט ער: „איך האָב דאָ דערטאַפּט אַ גאַנץ געשמאַקען ביסען, אַ פרישׁ שטיק קעז, זילבער קלאָר, צוגעהט זיך אין מויל. אָט זעה אַליין!“ — און דערביי ווייזט ער איהם אָן מיט׳ן פוס אויפ׳ן אָרט אונטען אין וואַסער, וואו עס שפּיגעלט זיך אָפּ די שׁעהנע לבנה און זעהט אויס ווי אַ געפּרעסט אויסגעקיילעכיגט שטיק קעז.

— אוי, זאָג נאָר, ווי אַרום קען איך צוקומען דערצו? — פרעגט דער וואָלף און בעלעקט זיך.

— גאָר פּשוט — ענטפערט דער פוקס — מען נעהמט און מען זעצט זיך אַריין אין אויבערשטען עמער, וועט שוין זיין רעכט.

פאָלגט איהם דער וואָלף און לאָזט זיך אַראָפּ. און ווי ער איז אַראָפּ, אַזוי איז אַקעגען איהם דער פוקס אין אונטערשטען עמער אַרויף.

— עס, עס, — שרייט איהם דער פוקס אַראָפּ — זאָל דיר וואויל בעקומען.

— וואָס עסען, ווער עסען! — שרייט דער וואָלף אַרויף, נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַרומגעזעהען, אַז ער איז דאָ מיאוס אַריינגעפאַלען — זאָג בעסער, דו פאַלשע בריאה, ווי אַרום קריכט מען פון דאַנען אַרויס?

— ליעג דאָרט, ליעג — ענטפערט דער פוקס — ווי זאָגט דאָרט דער פסוק: „דער גערעכטער קריכט פון אומגליק אַרויס און דער אומגערעכטער — אויף זיין אָרט אַריין“.

פון די „אידישע אגדות“.

דער וואָלף חאַפּט אַזוי לאַנג די ציגעלעך, ביז דער רוח חאַפּט איהם אַליין. — האָדעווע אַ וואָלף ווי לאַנג, קוקט ער אַלץ אין וואַלד אַריין. — דער וואָס גראָבט אַ גרוב אויף אַ צווייטען, פאַלט אַליין אַריין. — אָפּנאַרען איז קיין קונץ ניט ובפרט אַ נאַר.

מ ל א ר צ י ח ה — שטאַרק אין כעס. א י ו ל י ג — טעמפּ. ז ו ע ל צ ע ל — קלעצעל, צילינדער. ב ר י א ה — בעשעפעניש (מעהרס־טענס, ווען מען זידעלט אָדער מען לאַכט אָפּ פון וועמען). ר ו ח — טייוועל. ב פ ר ט — איבערהויפּט, בעזונדערס.

7. אַ זון מיט אַ רעגען

אַ זון מיט אַ רעגען! אַ זון מיט אַ רעגען!
עס לאַכען מיר גאָלדענע טראָפּענס אַנטקעגען,
זיי לויכטען אין לופטען און פאַלען אויף מיר,
ווי גאָלדענע פונקען אויף זיידענע שניר.

אַ זון מיט אַ רעגען! אַ זון מיט אַ רעגען!
עס בלאַנקען די גראָזען ביים ראַנד פון די וועגען,
עס שמייכלען די בלומען, צוקושטע פון ווינט,
אַזוי ווי עס שמייכעלט דורך טרערען אַ קינד.

אַ זון מיט אַ רעגען! אַ זון מיט אַ רעגען!
עס וויגט זיך דער בלוליכער טייך אין די ברעגען;
עס פאַלען די טראָפּענס אין וואַסער און גרינג
צולויפען זיי ברייט אין אַ גאָלדענעם רינג.

אַ זון מיט אַ רעגען! אַ זון מיט אַ רעגען!
און וויים, ערגעץ וויים, וואַרפט זיך איבער אַנטקעגען
אין הימעל אין בלויען אַ פאַרביגע בריק,
אַ וועג צו אַ שטראַלענדען, הימלישען גליק.

ל. ניידוס.

מאָל אויס אַ טויבען כלי־זמר און אַ בלינדען אַ רעגענבויגען.

ראַנד — ברעג.

8. פערגעס־מיך־ניט

ווען גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, האָבען זיך אַלע חיות, פויגעל און געוויקסען אויסגעשטעלט שורות־ווייז פאַר'ן

כסא־הכבוד, און יעדען פון זיי האָט דער אויבערשטער גע־געבען אַ בעזונדער נאָמען און דערביי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלען חלילה זייערע נעמען ניט פערגעסען. צווישען די פערזאַמעלטע איז געווען אויך אַ קליין בלוי בלימעלע, וואָס האָט בעקומען זיך זיין נאָמען.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך פאַר'ן כסא־הכבוד געשטעלט דאָס קליין בלימעלע און מיט אַן אומעטיגען קול געזאָגט: „אַלמעכטיגער! כ'האָב מיין נאָמען פערגעסען, פערגיב מיר מיין שולד און גיב מיר אַ נייעם נאָמען.“

האָט גאָט רחמנות געהאַט אויפ'ן בלימעלע און געזאָגט: „דאָס מאָל שענק איך דיר, נאָר כדי דו זאָלסט דיין נאָמען ניט פערגעסען, וועט יעדערער וואָס וועט דיך אָפּרייסען, זאָ־גען: „פערגעס מיך ניט“.

פון דאַמאָלסט אָן רופט מען דאָס קליין בלוי בלימעלע: „פערגעס־מיך־ניט“.

„אונזער נייע שול“.

א קאַץ האָט אַ קורצען זכרון.

כ ס א ה כ ב ו ד — גאָט'ס שטול.

9. דער וועבער

ביי דעם ירדן שטעהט אַ וועבשטול;
און דער וועבער אויף דעם וועבשטול
שטעהט ביי דער מלאכה,
בוימט די קעטע אויף דעם בוים:
וויק־וויק! וויק־וויק! אויף דעם בוים,
בוימט מיט גליק און ברכה!

פון דעם וועבער־לאָדען פעדים
שלעפּט ער איצט צונויף און יעדעם
ציהט ער דורך די קאַמען;
טרעט איצט פלייסיג אויף דער שאַפּט:
טריפּ־טראַפּ! טריפּ־טראַפּ! אויף דער שאַפּט,
שיסט דעם שום צוזאַמען.

דוד פרישמאַן

קוים צו זעהן מיט די אויגען
לויפט די שיף; אַ פייל פון בויגען
לויפט דאָס וועבער־שיפעל;
פלינק אַהין און פלינק אַהער:
ציק־צאַק! ציק־צאַק! פלינק אַהער,
און מען זעהט ניט וויפיעל.

דוד פרישמאַן.

ב ו י מ ע ן — אָנציהען. ב ו י ם — די וועבער־שטאַנג. ק ע ט ע — די פעדים, וואָס קומען אין דער לענג פון אַ געוועב. ו ו ע ב ע ר־ל אָ ד ע ן — די שטאַנג, וואָס וועבט־איין די פעדים אין דער קעטע. ש י ס ע ן — וואַרפען, אַריינוועבען. ו ו ע ב ע ר־ש י פ ע ל Shuttle.

10. דוד המלך און די שפין

דוד המלך האָט אַמאָל געזעהן, ווי אַ האָרנים נאָגט אַ שפין. זאָגט ער צו גאָט:

— רבונו של עולם! צו וואָס האָסטו בעשאַפען אַזעלכע מיאוס'ע ברואים אויף דער וועלט? די האָרנים פערדאַרבט דער ביהן'ס האַניג און שטעכט נאָך דערצו. די שפּין הערט נישט אויף צו וועבען, און קיין קלייד פון איהר איז נישט צו דערלעבען.

ענטפערט איהם גאָט:

— שפּעט נישט פון מיינע בעשעפענישען! עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט דאַרפען צו זיי אָנקומען.

שפּעטער, אַז דוד איז ענטלאָפען פון שאול המלך און זיך בעהאַלטען אין אַ הייהל, האָט גאָט צוגעשיקט אַ שפּין און זי האָט פערצויגען איהר שפּינוועבס איבער'ן אַריינגאַנג פון הייהל.

באַלד איז שאול געקומען און געזעהן ווי די הייהל איז פערוועבט, טראַכט ער זיך: ווען דוד וואָלט געווען אַריין אין הייהל, וואָלט ער דאָך דורכקריכענדיג צוריסען די שפּינוועבס, געוויס איז דאָרט קיינער נישטאָ.

איז שאול ווייטער אַוועק און דוד איז ניצול געוואָרען.

ווי ער איז אַרויס פון הייהל און דערזעהן די שפּין, האָט ער זי געחאַפּט קושען און געזאָגט:

„געבענשט איז דיין בעשעפער און געבענשט ביסטו".

דערנאָך אַז דוד איז געקומען אין שאול'ס לאַגער, האָט ער געזעהן, ווי שאול שלאָפט אין געצעלט און אַלע זיינע גבורים שלאָפען אין ראָד אַרום איהם, און אבנר, שאול'ס פעלד-מאַרשאַל, ליעגט ביי דער טיר מיט אויפגעשטעלטע פיס, איז דוד דורכגעקראָכען צווישען אבנר'ס קניע און צוגענומען דאָס קריגעל וואַסער פון שאול'ס צוקאָפּען און געלאָזט זיך געהן צוריק.

דערוויל האָט אבנר אויסגעצויגען די פיס און דוד'ן צוגעדריקט, ווי מיט אַ פּאָר שווערע באַלקען.

איז געקומען אַ האָרניס און אבנר'ן אַ ביס געטאָן אין טריט, האָט ער די פיס ווידער אויפגעצויגען, און דוד איז אַרויס פון אונטער זיינע קניע, און ווידער גאָט געדאַנקט פאַר זיינע געטריייע בעשעפענישען.

פון „די אידישע אַגדות".

פיינט ווי א שפּין. — גאָט שיקט צו דעם שפּינער זיין פּלאָקס און דעם טרינקער זיין ווייַן. — גאָט שיקט צו די רפואה פאַר דער מכה. — גאָט שפּייזט אפילו א ווערימעל אונטער׳ן שטיין.

האָרניס — וועספּע, Wasp. שפּעטען — אָפּלאַכען, חוזק מאַכען. ניצול ווערען — געראַטעוועט ווערען. באַלקען — אַ קלאָץ, Beam.

11. פּעטער שנייער

פוך און פוך, און ווידער פוך...
מיט אַ ווייסען, קלאָרען טוך
דעקט זיך איין דאָס שטעדטעל.
העי, דער פּעטער שנייער פאַלט!
אויפ׳ן פעלד און אויפ׳ן וואַלד
בעט ער אוים זיין בעטעל.

ס׳שיט דער קאַלטער שניי און שיט...
דער וואַלד דער אַלטער האָט פערבליהט,
פול מיט ווייסע בליטען.
יעדעס צווייגעל שימערט, גליהט.
פּעטער שנייער ווערט נישט מיד
ווערט ניט מיד צו שיטען.

ערד און הימעל שטעהען קלאָר.
מעהר נישט ראָבען שוואַרצע נאָר
פליהען אום אין מיטען.
זאָגען אָן אויף יעדען אָרט,
אַז דער פּעטער שנייער פאָהרט
אויף זיין גרויסען שליטען.

דוד איינהאָרן.

הערען ווי דעם פאַראיאָהריגען שניי. — ער קען מאַכען פון שניי גאָמעלקעס. — אָנשרייבען מיט אַ קויהל אויפ׳ן שניי.

פוך — די ווייכע פעדערן. גאָמעלקעס — קעזלעך.

12. שבת־שירה פויגעלעך

קנעכט זיינען געווען אונזערע עלטערן ביי פּרעה'ן אין מצרים. פון פריהמאָרגען ביז שפּעט ביינאַכט האָבען זיי שווער געאַרבייט. אויך ביינאַכט האָבען זיי קיין רוה ניט געהאַט. נאָך איידער דער מאָרגענשטערן איז אויפגעגאַנ־גען, איז שוין דער אויפזעהער מיט דער רוט געקומען: „שטעהט אויף, קנעכט, צו דער אַרבייט!"

דאָס פאָלק פערלאָזט די געצעלטען, געהט אַוועק אין פעלד אַריין צו דער אַרבייט. די מוטערס שטעהען אויף, גרייטען צו שפּייז פאַר זייערע מענער, איבערלאָזענדיג די קינדער אַליין אין די געצעלטען. די עלענדע קינדער זאַמלען זיך צונויף אויפ'ן פעלד און שפּילען זיך. זיי זעהען, ווי גאַנצע מחנות פויגעל פליהען אַרום מיט אַ הילכיגען געזאַנג אונטער'ן בלויען הימעל. אָפטמאָל לאָזען זיך די פויגעל אַראָפּ אויף דער ערד, און די קינדער וואַרפען זיי צו שטיקלעך ברויט. די פויגעלעך דערצעהלען זיי וועגען דעם שעהנעם לאַנד, וואָס געפינט זיך אויף יענער זייט באַרג; פון די טייכען, וואָס פליסען דאָרט; פון די בלומען, וואָס בליהען אַזוי שעהן — און זיי זינגען זיי פרעהליכע לידער פון פריי־היים.

שטיל הערען זיך די קינדער צו און פרעגען: „זאָגט אונז, ליבע פויגעלעך, צי זייט איהר פריי, אָדער איהר לעבט אין קנעכטשאַפט?" און די פויגעלעך ענטפערן מיט פרייד: „פריי זיינען מיר, ליבע קינדער! וואוהין מיר ווילען, פליהען מיר. ניטאָ קיין בעסערע זאַך פון פרייהייט! ליבט, קינדער, די פרייהייט, און אַז איהר וועט גרעסער ווערען, זאָלט איהר זעהן בעפרייען זיך פון אייער קנעכט־שאַפט." אַזוי האָבען די פויגעל געזונגען.

אַמאָל אין אַ שעהנעם פריהלינג־פריהמאָרגען זיינען די פויגעל געקומען צופליהען צו זייערע גוטע פריינד און האָבען דערזעהן, ווי די אידען שטעהען אָנגעטאָן גרייט אין וועג אַריין מיט די שטעקענס אין די הענט, איילען זיך פערלאָ־זען דאָס לאַנד, וואו זיי זיינען קנעכט געווען, און די געזיכ־

טער זייערע זיינען געווענדעט צו דעם שעהנעם לאַנד, וואָס אויף יענער זייט באַרג.

די קינדער, דערזעהענדיג די פויגעל, האָבען אויסגע־רופען מיט פרייד:

— פריי זיינען מיר, ליבע פויגעלעך! מיר פערלאָזען דאָס לאַנד פון קנעכטשאַפט.

און די פויגעל האָבען געענטפערט מיט פרעהליכען גע־זאַנג, ווי זיי וואָלטען זיי געגריסט אויף דעם וועג צו פריי־הייט און גליק.

און אַ מנהג איז דערפאַר ביי אידען פערבליבען: אַלע שבת־שירה וואַרפט מען פאַר די הונגעריגע פויגעלעך שטיק־לעך ברויט און קערנער.

פון מדרש („אונזער נייע שול")

שבת־שירה איז דאָס אייז גלאַט ווי אַ ווירע. — אַ בלייערנער פויגעל. — אַ כשר'ער פויגעל שטעלט זיך ניט אויף אַ חזיר. — אפילו אַז אַ פויגעלע פליהט דורך, לאָזט עס אויך אַ פעדערל. — דעם פויגעל דערקענט מען נאָך די פעדערן. — פריי ווי דער פויגעל אין וואַלד. — עס איז דאָ פון פויגעלמילך.

ש ב ת ־ ש י ר ה — דער שבת, ווען מען לייענט די סדרה „בשלח", וואו עס געפינט זיך דער „אָז ישיר" — די שירה פון יציאת־מצרים. מ נ ה ג — איינפיהר. ו ו י ר ע — Ruler.

13. דעם אַרבייטער'ס אינגעלע

איך האָב אַ קליינעם אינגעלע,
אַ זוהנעלע גאָר פיין!
ווען איך דערזעה איהם, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מיין.

נאָר זעלטען, זעלטען זעה איך איהם,
מיין שעהנעם, ווען ער וואַכט;
איך טרעף איהם אימער שלאָפענדיג,
איך זעה איהם נאָר ביינאַכט.

מאָררים ראָזענפעלד

די אַרבייט טרייבט מיך פריה ארוים
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פרעמד איז מיר מיין אייגען לייב!
אָ, פרעמד מיין קינד'ס אַ בליק!

איך קום צוקלעמטערהייד אַהיים,
אין פינסטערניש געהילט, —
מיין בלייכע פרוי דערצעהלט מיר באַלד,
ווי פיין דאָס קינד זיך שפּילט,

ווי זים עס רעדט, ווי קלוג עס פרעגט:
„אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ פּעני מיר
מיין גוטער, גוטער פּאַ?“

איך שטעה ביי זיין געלעגער'ל,

און זעה, און הער, און שא!
א טרוים בעוועגט די ליפעלעך:
„אַ, וואו איז, וואו איז פּאַ?“

אין קוש די בלויע אויגעלעך,
זיי עפ'נען זיך — „אַ, קינד!“
זיי זעהען מיך, זיי זעהען מיך,
און שליסען זיך געשווינד.

„דאַ שטעהט דיין פּאַפּאַ, טייערער,
א פּענילע דיר, נאַ!“
א טרוים בעוועגט די ליפּעלעך:
„אַ, וואו איז, וואו איז פּאַ?“

איך בלייב צוּאוועהטאַגט און צוקלעמט,
פערביטערט, און איך קלער:
„ווען דו ערוואַכסט אמאָל, מיין קינד,
„געפינסטו מיך ניט מעהר...“

מאָררים ראָזענפעלד.

פּאַטער און מוטער'ס ברכה ברענגט דעם קינד הצלחה. — איין טאַטע צעהן קינדער דערנעהר, אָבער צעהן קינדער איין טאַטען — איז צו שווער. — טאַטע־מאַמע מוזען פון קינדער ליידען. — אז א קינד פאַלט, שטעלט דער מלאך די הענט אונ־טער. — איטליכס קינד ווערט געבוירען מיט זיין מזל. — ביי פּאַטער און מוטער איז קיין קינד ניט איבעריג. — ניט קיין קינד, ניט קיין רינד.

ג ע ה י ל ט — איינגעוויקעלט. ה צ ל ח ה — גליק.

14. רחמנות

איינמאָל האָט מען אין גאַס פאַרביי רבי'ן דורכגעפיהרט א קעלבעל צו דער שחיטה. רייסט זיך דאָס קעלבעל אויס, לויפט צו צו רבי'ן, און אריינשטעקענדיג דעם קאָפּ אונטער

דער פּאָלע פון זיין מאַנטעל, לאָזט עס אַרוים אַ וויינענדיגען ברום, ווי איינער זאָגט: „ראַטעווע מיך!" רופט זיך אָן רבי: „געה דיר דיין וועג, אויף דעם ביסטו געבוירען געוואָרען".

— ער האָט גאָר קיין רחמנות נישט! — האָט מען אויפ'ן הימעל געזאגט — זאָל קומען אויף איהם יסורים.

און רבי איז באַלד קראַנק געוואָרען.

אין אַ צייט אַרום מאַכט זיך, אַז רבי'ס דיענסט האָט קעהרענדיג די שטוב געוואָלט אַרויסוואַרפען אויף דער גאַס קליינע ווייזעלעך. דערזעהט עס רבי, רופט ער זיך אָן: „לאָז זיי צו רוה! גאָט'ס רחמנות איז אויף אַלע זיינע בעשעפעניש־שען — שטעהט ביי אונז געשריבען".

— ער האָט רחמנות — האָט מען אויפ'ן הימעל געזאָגט — דאַרף מען אויף איהם אויך רחמנות האָבען.

און רבי איז באַלד גענעזען געוואָרען.

פון די „אידישע אַגדות".

עס איז אַ צער־בעלי־חיים. — עס איז אַן עברה (אין אַ שלעכט וועטער) אַ הונט אַרויסצוטרייבען.

ר ב י — ר' יהודה הנשיא, אַ גרויסער תנא (געלערנטער) און פיהרער ביי אידען אַ קורצע צייט נאָכ'ן חורבן. ו ו י י ז ע ל — Weasel. צער־בעלי־חיים — אַ רחמנות אויף לעבעדיגע זאַכען.

15. ווי אַזוי ר' עקיבא איז ניצול געוואָרען

ר' עקיבא איז אַמאָל געגאַנגען אין וועג. האָט ער געהאַט מיט זיך אַן אייזעל, אַ האָהן אויף צו וועקען איהם פאַרטאָג, און אַ ליכט. פאַרנאַכט קומט ער אָן אין אַ שטעדטעל, זוכט ער דאָרט אַ הויז אויף נאַכטלעגער, לאָזט איהם קיינער נישט אַריין. זאָגט ער: „אַלץ וואָס גאָט טוט איז צום גוטען", — און געהט אַוועק אין פעלד און בלייבט דאָרט איבערנעכטיגען.

ביינאַכט לויפט אָן אַ לייב און פערצוקט דעם אייזעל. באַלד נאָכדעם שפּרינגט פון ערגעץ אַרוים אַ ווילדע קאַץ און צורייסט דעם האָהן. שפּעטער נאָך בלאָזט אַ ווינט און לעשט אוים דאָס ליכט.

געבליבען איינער אליין אין פעלד אין דער פינסטערער נאכט, זאגט ר׳ עקיבא ווייטער: „אלץ וואס גאט טוט איז צום גוטען״.

אינדערפריה דערוויסט ער זיך, אז דורך דעם פעלד, וואו ער האט גענעכטיגט, איז ביינאכט דורכגעגאנגען א באנדע רויבער, און איז בעפאלען די שטאדט און אלע שטאדט־לייט גענומען געפאנגען. רופט זיך אן ר׳ עקיבא: „בין איך דען נישט גערעכט געווען, ווען איך האב געזאגט, אז אלץ וואס גאט טוט איז צום גוטען? וואלטען די שטאדט־לייט מיר א נאכטלעגער געגעבען, וואלטען דאך מיך די רויבער געפאנגען אינאיינעם מיט דער שטאדט. און וואלט מיין אייזעל געלעבט און געהירזשעט און דער האהן וואלט גע־קרעהט און דאס ליכט וואלט געשיינט, וואלטען דאך מיך די רויבער אויפ׳ן פעלד בעמערקט און אוועקגעפיהרט מיט זיך.

פון די „אידישע אגדות״.

וואס בעשערט, דאס איז בעוועהרט. — אהן גאט׳ס ווילען ריהרט זיך ניט קיין פליעג אויף דער וואנט. — אז גאט וויל, שיסט א בעזים. — גאט איז מיט די ארימע און מיט די עלענדע.

ר׳ — ר ב י. פ ע ר צ ו ק ע ן — צורייסען.

16. שלח־מנות

גוט יום־טוב, אידען! מזל־טוב!
א שמחה, א נחמה:
מיר האבען היינט אין המן׳ען
דערזעהען א נקמה!

געקריצט פאר חרפה מיט די צייהן
האט זרש די מרשעת —
א סוף געהאט א ביטערען,
געלאפעט זיך פאר כעס!

ש. פרוג

און אסתר — הא?... אין פערעל, גאָלד,
אין פּאַלאַץ זיך געזעסען,
פלאָדען, פיש מיט ראָזינקעס,
מאָהן מיט ניס געגעסען.

און מרדכי, מרדכי... גאָטעניו!
אַ גענעראַל געוואָרען,
אין אחשורוש'עס מונדיר
רייטענדיג געפאָהרען!

* * *

גענוג געקרעכצט, גענוג געוויינט,
מיין אומעטיגע פידעל!
איך נעהם די טאַצען מיט'ן פויק,
און זינג אַ פורים-לידעל.

שושנת-יעקב, אידעלעך!

טאַנצט, זינגט און מאַכט אַ כוס׳ע,
און תיכף, טאַקע נאָך איינע,
און אדרבא, אַ גרויסע!

די גראַגערס רוישן אַרום מיר,
די המן־קלאַפּערס ברומען...
שטעהט אויף, נעהמט צו א ליבען גאַסט,
אַן אורח איז געקומען:

דער שלח־מנות־טרעגער געהט...
אי מאַנדלעך, המן־טאַשען,
אי טייגלעך, פלאָדען, קיכעלעך!
עס ציהט, עס ווילט זיך נאַשען.

פון צוקערלעקעך, נים און מאָהן
פאַר אייך אויף שלח־מנות,
פיגורען אויסגעגאָסענע
גאָר קונציג בנאמנות!

ש. פרוג.

אַז עס קומט פּורים, פּערגעסט מען אַן אַלע יסורים. — ניט אַלע פּורים טרעפט זיך אַ נס. — איין מאָל אין יאָהר פּורים. — פּורים איז קיין יום־טוב, קדחת איז קיין קרענק. — פּורים זיינען אַלע שכורים ניכטער. — פּורים נאָך דער סעודה איז אפילו קיין הונט ניט הונגעריג. — מיט אַ קאַץ שיקט מען קיין שלח־מנות ניט.

נ ח מ ה — טרויסט. ח ר פ ה — שאַנדע. ל אָ פּ ע ן ז י ך — פלאַצען. פ ל אָ ד ע ן — Pie. י ע נ ע ר אַ ל — גענעראַל. ש ו ש נ ת י ע ק ב — אַ פּורים־געזאַנג נאָך דער מגילה. ב נ א מ נ ו ת — אויף עהרענוואָרט, ווירקליך.

17. דער האָהן און דער פּערל

(נאָך לאַפאָנטען)

אַ האָהן, זיך גריבלענדיג אין מיסט
מיט פליים,

האָט דאָרט דערוויסט
אַ פּערעל פון אַ הויכען פּרייז,
און נאָך אַ קורצען ביים
האָט ער אוועקגעשליידערט איהם אויף גיך.
דערביי האָט ער גערעדט צו זיך,
זיך קרימענדיג פון עקעל:
„אַזאַ מין נישטיג ברעקעל!
„און איך האָב נאָך צוערשט
„געמיינט, להבדיל, ס'איז אַ גערשט!"

יהואָש.

וואָס וויים אַ חזיר פון חרוסת? — אַ מבין ווי אַ חזיר אויף הייוועז. — ווארף פּערעל פאַר חזירים. — ניט אַלץ, וואָס שיינט, איז גאָלד. — קוקען ווי אַ האָהן אין בני אדם. — וואָס קומט אַרוים דעם האָהן, וואָס ער קוקט אין בני אדם אַריין — אַ כפּרה ווערט ער דאָך.

פ ל י י ס — חשק. ל ה ב ד י ל — צו אונטערשיידען (אַ וואָכעדיגע פון אַ הייליגער זאך), With apologies to. מ ב י ן — קענער. ב נ י אָ ד ם — די תפלה צו כפּרות שלאָגען.

18. תורה איז די בעסטע סחורה

אויף אַ שיף, וואָס איז געגאַנגען אין וויימע לענדער, זיינען געפאָהרען פיעל סוחרים, וועלכע האָבען געפיהרט פערשיידענע סחורות. זיי האָבען געשמועסט וועגען מסחר, געוויזען איינער דעם צווייטען זייערע סחורות, געקויפט און געביטען זיך מיט זיי.

צווישען די סוחרים איז געזעסען אַ געלערענטער מענש. „וואו איז דיין סחורה?" האָט מען איהם געפרעגט. — „מיין סחורה וועל איך ווייזען, ווען מיר וועלען אָנקומען אויף דער יבשה", האָט געענטפערט דער געלערנטער. די סוחרים האָבען זיך געוואונדערט איבער אַזאַ סחורה, וואָס מען זעהט זי ניט און פערנעהמט קיין אָרט ניט אויפ'ן שיף.

אויפ'ן וועג זיינען אויף זיי אָנגעפאַלען ים־רויבער און צוגענומען די גאַנצע סחורה. ווען דאָס שיף איז אָנגעקומען

אין לאַנד, זיינען אַלע סוחרים אַראָפּ הוילע און נאַקעטע. זיי האָבען אפילו ניט געהאַט אויפ׳ן ערשטען מאַלצייט. אויפ׳ן געלערנטען האָבען אָבער געוואַרט פיעל תלמידים זיינע און פערעהרער. מען האָט איהם בעגעגענט מיט גרויס כבוד. דאַן האָבען די סוחרים פערשטאַנען, אין וואָס בע־שטעהט זיין סחורה. זיי זיינען צו איהם אריינגעגאַנגען און געזאָגט: „גליקליך ביסטו מיט דיין סחורה! איצט ווייסען מיר, אַז זי איז די בעסטע, זי ווערט ניט גערויבט און געהט ניט פערלאָרען“.

„אונזער נייע שול“.

די תורה האָט ניט קיין גרונד. — די תורה איז טיפער פאַר א קוואַל. — וואו תורה דאָרט איז חכמה. — מיט תורה ווערט מען אין ערגעץ ניט פערפאַלען. — ניט קיין תורה, ניט קיין סחורה. — תורה קומט ניט בירושה.

יבשה — טריקעניש, לאַנד. פערעהרער — אָנהענגער, חסידים.

19. אַן איבעראַשונג

צוויי סאַמעט הענטלעך דעקען צו
די אויגען מיינע מיט אַמאָל,
ווי ווייכע בלעטלעך פון אַ רויז,
און ס׳קלינגט אַ זילבער־קול:

„אַנו זאָג, טאַטע, ווער דאָ שטעהט?“
איך קניטש דעם שטערען און איך טראַכט:
„די ווייסע קאַץ?“ — די קליינע קוועלט:
„האָסט ניט געטראָפען“... און זי לאַכט.

„די מוהמע?“ פּרואוו איך פון דאָס־ניי.
„ניין, טאַטע, וועסט ניט טרעפען לייכט“...
„דער פעטער שלמה?“ — ס׳הילכט אין הויז
דער קליינעס לאַכען און זי קייכט.

יהואָש

איך ברעך דעם מוח, און איך זוך...
„נו זאָג שוין אוים, ווער קאָן דאָס זיין?“
די הענטלעך פליהען גיך אַראָפּ,
און איך דערזעה דעם העלען שיין.

און דענקען קענט איהר, ווי איך בין
מיט איבערראַשונג פול געווען —
ווען כ׳האָב פאַר זיך קיין אנדערען,
ווי ס׳קליינע ליבע קינד געזעהן.

יהואָש.

א י ב ע ר ר אַ ש ו נ ג — אַן אומערוואַרטעטע זאַך, אַ זאַך וואָס קומט פּלוצלונג. ק י י כ ע ן — פערגעהן זיך (אין געלעכטער, געוויין, הוסט, א. אז. וו.)

20. שיכרות

אַז נח איז אַרויס פון תיבה און גענומען פלאַנצען אַ ווייגאַרטען, קומט דער שטן און פרעגט:

— וואָס פלאַנצסטו דאָ?

— אַ ווייגאַרטען.

— און וואָס איז מיט איהם דאָס מעהר?

— זיין פרוכט איז זיס און זיין זאַפט דערפרעהט דאָס האַרץ.

— ווילסטו מיט מיר מאַכען שותפות, וועל איך דיר העלפען פלאַנצען.

— רעכט!

נעהמט דער שטן און שעכט אַ לעמעלע און בעגיסט דעם וויינשטאָק מיט'ן בלוט, נאָכדעם שעכט ער אַ לייב, דערנאָך אַ מאַלפע און צולעצט — אַ חזיר, און בעשפריצט דעם וויינשטאָק מיט'ן בלוט.

דער מיין דערפון איז, אַז אַ מענש טרינקט אויס דאָס ערשטע גלאָז וויין, איז ער שטיל און גוט ווי אַ לעמעלע. נאָכ'ן צווייטען כוס ווערט ער שטאָלץ און שטייף ווי אַ לייב און נעהמט זיך איבער מיט זיין גבורה. נאָכ'ן דריטען כוס הויבט ער אָן צו שפרינגען און זיך נאַריש מאַכען ווי אַ מאַלפע. שפעטער — וואַלגערט ער זיך שוין אין מיסט ווי אַ חזיר. פון די „אידישע אַגדות".

אַ גאַנץ יאָהר שיכור און פורים ניכטער. — אַז צוויי זאָגען „שיכור", דאַרף זיך דער דריטער לעגען שלאָפען. — אַ שיכור, אַ נאַר און אַ וואָגען היי געהט מען אויס דעם וועג. — אַ שיכור זעהט אַלץ טאָפּעלט. — אַ שיכור טרינקט אויס דעם בראָנפען פרייטאָג בייטאָג, און מאַכט שבת קידוש איבער אַ חלה. — אַ שיכור קען זיך אויסשלאָפען, אָבער אַ נאַר קען ניט קליגער ווערן. — שיכור ווי לוט. — „אלה תולדות נח, פון בראָנפען קריגט מען כח; בראָנפען איז דער עיקר, פון בראָנפען ווערט מען שיכור". — מיט'ן שטן טאָר מען זיך ניט שפּילען.

ת י ב ה — קאַסטען (נח'ס קאַסטען). ש ט ן — דער בייזער גייסט, דער העכשער פון די שדים. מ אַ ל פ ע — Ape. ט אָ פּ ע ל ט — אין־צווייען.

ה. רויזענבלאַט

21. פריהלינג

פריהלינג, פריהלינג...
בלוי און גרין.
אין דעם רויז־קוסט
שפילט די ביהן.

אויף אַ גרעזעל
פלינק און גרינג
טאַנצט און גלאַנצט
דער שמעטערלינג.

פריהלינג, פריהלינג...
גרין און בלוי.
און די ליליע
פול מיט טוי.

„ווער וועט טרינקען ?
„ענטפער גיך !“
— „טרינקען וועט דער
„שטראַל און איך !“

פריהלינג, פריהלינג...
וויים און ראָז.
רוהיג ווינטעל,
שטילער בלאָז !

רעגען־שטורעם,
וואַרט נאָך, וואַרט !
יונג איז דאָך דער
צווייט און צאַרט.

פריהלינג, פריהלינג...
אינגעל, זעהסט ?
אויף דעם שפּיץ פון
בוים אַ נעסט.

ס'איז דעם קוקוק'ס,
און ער מאַכט :
„קו־קו — — — קו־קו — — — — “
טאָג און נאַכט.

„קו־קו - קו־קו - - - ו - - - ו - - - ו,
„טשיר - - טשיר - - טשיררר - - “
ווייסט ? דאָס מיינט :
„גוט מאָרגען דיר !“

„טוויה - - טוויה - - טוואו - - ו - - ו“
ענטפער נאָר !
דאָס וועט מיינען :
„אַ גוט יאָהר“.

„קו־קו ־ ־ קו־קו ־ ־ ־ ו ־ ־ ־ ו ־ ־ ־ ו,
„טשיר־טוויה־טוואו ־ ־ ־ ו ־ ־ ־ ן!“
און די גריל — זי
פּייקעלט צו.

'ן אויף אַ בלימעל
פלינק און גרינג
טאַנצט און גלאַנצט
דער שמעטערלינג.

ה. רויזענבלאַט.

צווייט — בליהונג. גריל — Cricket.

22. כותל מערבי

— דערציילט זשע מיר, איך בעט אייך, אַקוראַט. האָט איהר, הייסט דאָס, אַליין געזעהן מיט אייערע אייגענע אויגען די כותל מערבי? אַזוי הייסט דאָס? האָט איהר זי גוט געזעהן? דערציילט זשע מיר, ווי אַזוי, און וואָס, און ווען?...

אַזוי האָט מיין רבי זיך אָנגערופען צו אַ אידען, וואָס איז נאָר וואָס געקומען צוריק פון ארץ־ישראל, פון ירושלים.

— זאָגט זשע מיר, איך בעט אייך, מאָלט מיר אויס אַקוראַט, ווי אַזוי, און וואו און וואָס, און ווען?

דער ירושלים־איד האָט איהם אויסגעמאָלט אַקוראַט, ווי אַזוי און וואו און וואָס און ווען, און מיין רבי האָט געשלונגען די ווערטער, אָנגעקוועלט, געוואָרען ברייטער ווי לענגער, ווי אַ מענש, וואָס נעהמט אָפּ אַ גרים פון אַ נאָהענטען מענשען אין אַ וויטער מדינה.

— כותל מערבי! — האָט דער רבי געזאָגט צום ירושלים־איד — כותל מערבי! אָט דאָס איז אונז פערבליבען פון אונזער גאַנצען בית המקדש, פון אונזער גאַנצער מלוכה! כותל מערבי! כותל מערבי!

און דער רבי האָט זיך צוואויינט.

שלום־עליכם.

כותל מערבי — בידא

זייט דער בית־המקדש איז חרוב געוואָרען, קען קיין שמחה ניט פאַרפול זיין. — די שוואַלבען האָבען צום בית־המקדש פייער געטראָגען. — איבער אַ הוהן מיט אַ האָהן איז חרוב געוואָרען דער בית המקדש. — וועגען שנאת חנם איז דער בית המקדש חרוב געוואָרען.

ש נ א ת ־ ח נ ם — אומזיסטע פיינדשאַפט.

23. כותל מערבי

אויפ'ן הויכען באַרג,
אין דעם הייליגען לאַנד,
שטעהט אַן אַלטע וואַנט;
חרוב איז זי אָהן אַ שיעור,
ס'וואַקסט און שימעלט מאָך אויף איהר,
דאָך שטעהט זי אייזענפעסט.

ביי דער אַלטער וואַנט
שטעהען אין טליתים,
אַלטע לייט — האַלב מתים;
זיי דאַווענען, תהילים זאָגען זיי,
אויף זייערע צרות קלאָגען זיי,
טויזענטיעהריגע צרות.

און פונ'ם הימעל־הויך
אויף די וואַנט דאָרט פאַלען
וואַרמע, ווייכע שטראַלען;
מיט רחמנות בליקען זיי,
יעדעם האַרץ דערקוויקען זיי,
מיט אַ שיין נחמה.

יעקב כהן.

מ אָ ך — Moss.

24. זומער אויף דער אָרימער גאַס

די ערשטע טעג פון דעם מאָנאַט אַפּריל זיינען די וועטערן נאָך אַלץ געווען צרה'דיג: רעגענס, קאַלטע ווינטען. עס האָט זיך גאָרניט געגלויבט, אַז עס וועט נעהמען ווען עס איז אַ סוף צום ווינטער.

אָבער ווען עס איז אַריבער אַ העלפט פון דעם חודש, איז דער שעהנער זומער פּלוצלונג, עפּעס אַזוי ווי דורך אַ כישוף, געבאָרען געוואָרען.

עס האָט אַ בלאָז געטאָן אַ זומערדיג וואַרים ווינטעל, דער הימעל האָט זיך אויסגעלייטערט, און די זון האָט גענומען גיסען מיט אַזעלכע ליבליכע, וואַרימע שטראַהלען.

גרינע גרעזעלעך, יונגע בוימעלעך, שעהנע פויגעלעך! דאָס זיינען דאָך אַלץ צייכענס פון דעם ליבען, טייערען, נייגעבאָרענעם זומער. אָבער אין דעם אָרימען קוואַרטאַל אין דער גרויסער שטאָדט זעהט מען ניט, ניט קיין גראָז, ניט קיין בוימער. ווער? וואָס? וועמען? טענעמענט־הייזער, שוואַרצע, הויכע קאַזאַרמעס, אַ וואַנט אויף אַ וואַנט, אַ קאָפּ אויף אַ קאָפּ. ווער זעהט גראָז? ווער ווייסט פון בוימער?

דאָך האָט מען אויך דאָרט געוואַרט אויף דעם זומער מיט אומגעדולד, ווי אויף דער גאולה, ווי אויף משיח'ן.

מיט דעם אָנקומען פון דעם זומער האָבען די שטיינער פון די גאַסען פון דעם אָרימען קוואַרטאַל ניט בעדעקט זיך מיט גרינע גראָז. עס איז אָבער געוואָרען ריינער, ווייל די בלאָטע האָט אַביסעל אַ טריקען געטאָן. די טעלעגראַף־שטאַנגען האָבען זיך מיט גרינע צווייגלעך ניט בעדעקט. עס איז אָבער געוואָרען וואַרימער דרויסען, און די קליינע שוואַכע קינדערלעך, וועלכע זיינען געווען פערשטעקט אין די פינסטערע, פערשטיקטע טענעמענט־גריבער, זיינען אין גאַס אַרויס.

ז. ליבין.

די זון שיינט גלייך, אויף אָרים און רייך. — די זון שיינט פאַר איטליכען אומזיסט. — איין שוואַלב קען קיין זומער ניט מאַכען.

ק אַ ז אַ ר מ ע — אַ גרויסע געביידע וואו סאָלדאַטען האַלטען זיך אויף. וואַרטען ווי אויף דער גאולה — וואַרטען ווי אידען אויף משיח'ן.

25. ל"ג בעומר

פריי פון לערנען, פריי פון חדר,
אָנגעטאָן די יום־טוב קליידער, —
נעהמט אייך, קינדער, פייל און בויגען,
געהט אין וואַלד אין פרישען, גריינעם,
וואו דורך צווייגען־נעץ דורך דינעם
קוקען הימעל'ס בלויע אויגען.

היינט איז אייער טאָג, ל"ג בעומר,
איילט זשע, קינדער, צו די בוימער,
צו די גראָזען, צו די בלומען —
פרעהען זיך דאָרט, טאַנצען, שפּרינגען,
הויך דאָרט פריהלינג־לידער זינגען, —
ס'איז ל"ג־בעומר־לעב געקומען!

א. י. גראָדזוענסקי.

אַ ל"ג־בעומר גענעראַל איז נאָר אויף איין טאָג.

26. אלכסנדר מוקדון

פאַרצייטען איז אין אַלט־גריכענלאַנד געווען אַ גרויסער שטאַרקער קעניג. אלכסנדר מוקדון האָט ער געהייסען. האָט ער איינגענומען אַ סך לענדער. אָבער עס איז איהם אַלץ געווען ווייניג. איבער דער גאַנצער וועלט האָט ער געוואָלט הערשען.

איינמאָל רופט ער צונויף אַלע זיינע שרים און חכמים און ער רופט זיך צו זיי אָן:

— איך וויל זיך לאָזען אין די ווייטע מדינות פון אַפ־ריקע.

זאָגען זיי איהם:

— שווער אהין צוצוקומען, ווי הרי־חשך פערשטעלען דעם וועג.

זאָגט ער זיי:

— קומען אהין — דאָס איז מיין פעסטער ווילען. מען דאַרף נאָר געפינען אַ פלאַן ווי אַזוי אהין צוצוקומען.

זאָגען זיי:

— נעהם אייזלען פון לאַנד לוביען, וואָס זיינען געוועהנט צו געהן אין פינסטערניש. נעהם אויך מיט קנוילען שטריק, און אַז דו וועסט גרייכען די טויערען פון די הרי חושך, זאָלסטו די קנוילען פאַנאַנדערבינדען און אויפוויקלען, און אויף אַזאַ אופן וועסטו ניט פערבלאָנדזשען און טרעפען דעם וועג צוריק.

האָט ער אַזוי געטאָן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. געקומען קיין קאַרטיגען, אַזאַ מדינה וואו עס הערשען פרויען, האָט ער געוואָלט מיט זיי פערפיהרען מלחמה. זאָגען זיי איהם: וועסטו אונז בייקומען, וועט מען זאָגען: פרויען האָט ער אומגעבראַכט. וועלען מיר אָבער דיך בייקומען, וועט מען זאָגען: אויך מיר אַ קעניג, וואָס איז פון פרויען בעזיגט געוואָרען!

הייסט ער זיך אַרויסטראָגען ברויט. טראָגט מען איהם אונטער גאָלדענע ברויטען מיט גאָלדענע עפּעל און מיל־גרויימען. וואונדערט ער זיך: וואָס? גאָלד עסט מען אין אייער מדינה?

— דו ווילסט, הייסט עס, געוועהנליך ברויט? צו וואָס־זשע האָסטו זיך בעמיהט קומען אהער? פעהלט דיר דען געוועהנליך ברויט ביי זיך אין דער היים?

פערלאָזט יענע מדינה מיט בזיונות, האָט דער קעניג געלאָזט אויפשרייבען אויף איהרע טויערען די ווערטער:

„איך, אלכסנדר מוקדון, בין אַ נאַרישער קעניג געווען, ביז איך בין קיין אַפריקע געקומען און די פרויען האָבען מיך שכל געלערנט.“

פון יענער מדינה האָט זיך אלכסנדר געלאָזט צום קעניג פון קאַציע. בעוויזט יענער איהם זיינע אוצרות, זאָגט צו

איהם אלכסנדר: „נישט אנצוקוקען אייער גאָלד און זילבער בין איך אהער געקומען, מיר ווילט זיך בעקאַנגען מיט אייערע אויפפיהרונגען און אייערע דינים.“

אין דעם קומען אָן צוויי מענשען לאָדען זיך פאַר'ן קעניג.

— אדוני מלך — האָט איינער גע'טענה'ט — איך האָב ביי דעם מענשען אָפּגעקויפט אַ חורבה. ווי איך נעהם זיך אָפּראַמען דאָס פּלאַץ, געפין איך דאָרט בעהאַלטען אין דער ערד אַן אוצר. וויל איך, ער זאָל זיך צונעהמען דעם אוצר, וואָרים איך האָב דאָך נאָר די חורבה אַליין אָפּגע-קויפט, אָהן דעם אוצר.

דער צווייטער טענה'ט פערקעהרט:

„איך וויל אויך נישט, אַזוי ווי דו, הנאה האָבען פון גזלה. פערקויפט האָב איך דיר די חורבה מיט אַלעמען וואָס אין איהר געפינט זיך.“

אויסגעהערט די טענות, ווענדעט זיך דער קעניג צו איי-נעם פון די בעלי-דינים:

— האָסטו אַ זוהן?

— יאָ.

דערנאָך צום צווייטען:

— און דו האָסט אַ טאָכטער?

— יאָ.

— אויב אַזוי, לאָזען זיי ביידע חתונה האָבען, און דער אוצר ועט זיין זייער נדן.

אלכסנדר הערט עס אויס און איז ערשטוינט געבליבען.

— וואָס, אפשר ניט גוט גע'פסק'נט? — פרעגט איהם יענער קעניג.

— געווים, ענטפערט אלכסנדר.

— און דו אין דיין מדינה, ווי וואָלסטו גע'פסקנ'ט ביי אַזאַ פאַל?

— איך וואָלט אַרויסגעטראָגען אַזאַ פסק: מען זאָל קעפּ-פען אי דעם, אי יענעם, און דער אוצר זאָל געהערען דער קרוין.

— אַזוי גאָר? — זאָגט יענער קעניג — זאָג-זשע מיר: די זון שיינט אויף אייך?

— געווים — ענטפערט אלכסנדר.

— און רעגענס געהען ביי אייך?

— געווים.

— אפשר איז קליין־פיה ביי אייך אין דער מדינה אויך פאראן?

— געווים — זאָגט אלכסנדר און קוקט איהם אָן פערוואונדערט.

— אויב אזוי — פיהרט אוים דער קעניג — איז טאַקי נאַר אין זכות פון די קליינע פיה שיינט אויף אייך די זון און עס געהען רעגענס אין אייער מדינה.

צוריקוועגס האָט זיך אלכסנדר אָפּגעשטעלט רוהען ביי אַ קוואַל און זיך געזעצט עסען. האָט מען ארויסגענומען געזאַלצענע פישלעך, און מען שווענקט זיי אָפּ אין קוואַל, — ערשט זיי בעקומען אַ גוטען ריח.

— עס ווייזט אוים — זאָגט אלכסנדר — אַז דער קוואַל ציהט זיך גלייך פונ׳ם גן־עדן ארוים. — פרישט ער אָפּ דאָס פּנים זיינם מיט׳ן וואסער און לאָזט זיך געהן מיט׳ן קוואַל ביז ער קומט צום גן־עדן. קלאַפּט ער אָן און רופט אויף אַ קול:

— עפענט מיר אויף דעם טויער!

ענטפערט מען איהם פון דאָרט ארוים:

„דאָס איז דער טויער צו גאָט, צדיקים נאַר קומען אין איהר אריין."

— אָבער אַ קעניג בין איך דאָך, דער גרויסער קעניג אלכסנדר מוקדון. שענקט מיר פון דאָרט וואָס־עס־איז.

דערלאַנגט מען איהם פון דאָרט אַ שטיק ביין פון אַ שאַרבען.

און אַז אלכסנדר מוקדון האָט זיך אומגעקעהרט צוריק אין זיין לאַנד, האָט ער דאָס שטיק שאַרבען געוואָרפען אויף אַ וואָגשאָל און אָקעגען, אויף דער צווייטער שאָל, האָט ער אַוועקגעלעגט דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון זיינע פיעלע נצחונות — האָט דער שאַרבען דאָס אַלץ איבערגעוואויגען. פרעגט ער זיינע חכמים, וואָס דאָס בעטייט. זאָגען זיי: דאָס איז דער ביין

פונ׳ם מענשליכען אויג. אַט פראוו, נעהם פערשיט עס מיט אַ הייפעל ערד.

טוט ער אַזוי — און באַלד האָט זיך די שאָל מיט׳ן שטיק שאַרבען אויפגעהויבען אין דער הויך.

דאָס האָט מען איהם בעוויזען, אַז דעם מענשען׳ס אויג קען זיך קיינמאָל ניט אָנזעטיגען און נאָר דאָס הייפעל ערד, דער קבר, מאַכט אַ סוף צו אַלע זיינע פערלאַנגען.

פון די „אידישע אַגדות“.

דאָס אויג איז קליין, און דאָך זעהט עס די גאַנצע וועלט. — די אויגען זאָלען ניט זעהן, וואָלטען די הענט ניט גענומען. — די אויגען זיינען גרעסער ווי דאָס מויל. — אַ שעה אין גן־עדן איז אויך גוט. — אַוועקלאָזען זיך הינטער די הרי־חושך.

שר — האַר, מיניסטער. הרי־חושך — די פינסטערע בערג עק וועלט, וועגען וועלכע עס דערצעהלט זיך אין אידישע לעגענדעס. מילגרוים Pomegranate. דין — געזעץ. לאָדען זיך — משפט׳ען זיך. אדוני — מיין האַר. גזלה — רויב. בעל־דין — איינער פון די צוויי צדדים אין אַ משפט. אין זכות — צוליב, פון וועגען. פיה — קיה, אָקסען א. ד. גל.

27. ביים ים

דער ים איז אָפען ברייט און טיף —
איך שטעה ביים ים אַליין.
איך זעה פון ברעג דאָרט וויים אַ שיף
אין ווייטע לענדער געהן.

איך קוק איהר נאָך; די זון פערגעהט,—
דער נעבעל וואַקסט; דער ווינט
מיט נאַכט און קעלט אין פנים וועהט —
די ווייטע שיף פערשווינדט.

דער ים איז פינסטער, גרוים און טיף,
און רוישט ביי מיינע פים.

— אַ גוטע נאַכט, — אוי, ווייטע שיף,
אין ווייטע לענדער גרים!

מאני לייב.

דער ים אָהן אַ ברעג — די תורה אָהן אַן עק. — מיט אַ לעפעל קען מען דעם ים ניט אויסשעפען. — ווי אַ שיף אָהן אַ רודער.

28. דער גלגול

אַמאָל האָט זיך אַ לערכע געקרייזט אין דער לופטען.
קומענדיג אַלץ נידעריגער צו דער ערד, האָט זי געקוקט מיט פערוואונדערטע אויגען אויף אַ קאָלירטען פעלד־בלימעל.

— ווי שעהן געפאַרבט עס איז — האָט דאָס פייגעלע געשמאַכט, — איך וואָלט אַלע מיינע טרעלען אוועקגעשאָנקען פאַר זיינע מחיה'דיגע קאָלירען.

אונטען האָט זיך דאָס בלימעל אויפ'ן שטענגעל אַרויף־צו געשטרעקט.

— וואָס פאַר אַ תענוג עס מוז זיין צו פליהען! — האָט עס אין די גראָזען אַריינגעזיפצט — הויבסט זיך אויף און שווימסט, שווימסט אינ'ם בלויען הימעל אַריין, און זעהסט פון אויבען אַראָפּ אַ גאַנצע וועלט.

טאָג פאַר טאָג האָבען זיי ביידע אַזוי געבענקט.
און איין פריהמאָרגען איז די לערכע נעלם געוואָרען, און דאָס פעלד־בלימעל האָט אויך געפעהלט.

און איבער דער לאָנקע האָט אין דער זון געטאַנצט אַ שמעטערלינג.

דאָס איז געוועזן דער גלגול פון ביידען'ס בענקעניש....

יהואש.

ג ל ג ו ל — פערוואַנדלונג, דער איבערגאַנג פון אַ נשמה אין אַ נייעם גוף. ל ע ר כ ע — Lark. ש מ אַ כ ט ע ן — בענקען, שטאַרק גלוסטען. ת ע נ ו ג — פערגעניגען. נ ע ל ם ו ו ע ר ע ן — ניט ווערען.

29. אַ לבֿנה־נאַכט

די לבֿנה, זי שפּילט זיך
און באָדט זיך און שיפּט זיך
אין גרויסען, אין בלויען,
אין לופטיגען ים;
זי שיפּט זיך, די געטין,
און וואַרפט פון זיך שטראַלען
און גיסט מיט חלומות —
גן־עדן'שען טעם.

די שטראַלען, זיי פאַלען
אויף בערגלעך און טאָלען,
אויף פעלדער און וועלדער,
און הילען זיי איין
אין צערטליכען טראַכטען,
אין זאַנפטיגען טרויער,
אין ווייכען, אין בלייכען,
אין בלוליכען שיין.

א. ליעסין.

מען מוז די לבֿנה מחדש זיין אַזוי לאַנג זי שטעהט. — דער מזל זאָל לייכטען ווי די לבֿנה אין סוף־חודש. (אַ קללה.) — שעהן ווי די לבֿנה אין חצי־חודש.

זאַנפטיג — שטיל, אוידעל. **חצי־חודש** — איגמיטען חודש.

30. סוכות אין ארץ־ישראל

סוכות — שטעל איך מיר פאָר — סוכות אַ פּאָר טויזענט יאָהר צוריק:

דער לעצטער גאַרב איז שוין אַראָפּגעפיהרט פון פעלד; דאָס לעצטע הענגעל וויינטרויבען איז שוין אַראָפּגענומען געוואָרען און אַריינגעבראַכט אין קעלטער; פון די הויכע בערג פון אפרים ציהען זיך לאַנגע קאַראַוואַנען פון קעמלען

סוכות אין שוהל   ל. פוליכאָווסקי

און מויל־אייזלען אָנגעלאָדען מיט גאַרבען און מיט פּירות; דורך דעם מדבר עין־גדי, פון גלעד, פון דעם לאַנד דן און פון אַלע עקען, פון אַלע זייטען געהען די עולי־רגל, שטאָדט־ און דאָרפס־לייט, זקנים און קינדער, בחורים און בתולות, מיט געזאַנג און מיט פרייד, צום באַרג ציון, צום בית המקדש.

און דאָרט, אויף דעם באַרג ציון, אין דעם גרויסען פּרעכ־טיגען טעמפּעל, קניען טויזענטער און צעהן־טויזענטער פרייע און גליקליכע אידישע קינדער, הערענדיג דאָס זיסע געזאַנג פון לויים און די שטימען פון די הייליגע כלי־זמר.

דאָרט, אויף דעם הייליגען באַרג, שטעהט דער כהן־גדול פאַר דעם מזבח, אויף וועלכען עס זיינען געבראַכט געוואָרען זיבעציג קרבנות מכפּר צו זיין אויף די זינד ניט נאָר פון דעם פאָלק ישראל, נאָר אויך פון אַלע פעלקער פון דער וועלט.

ש. פרוג.

זיי אַ מענש, ווערסטו זיצען אין סוכה. — אַז מען זייט אין ליידען, שניידט מען אין פריידען.

גאַרב — Sheaf. קעלטער — אַ קעלער, וואו מען פּרעסט וויינטרויבען אויף צו מאַכען ווייין. מויל־אייזעל — Mule. עולי־רגל — די אידען וואָס פלעגען אויף יום־טוב קומען אין בית־המקדש. מכפּר זיין — פערגעבען, אויסקויפען מיט אַ קרבן.

31. שבת בין השמשות

עס געהט שוין אַוועק זיך
דער הייליגער שבת.
אין שטיבעל איז פינסטער,
אין שטיבעל איז שטיל;
עס שעפּטשעט די מאַמע:
„אַך, גאָט פון אברהם" —
זי שעפּטשעט די תפלה
מיט האַרץ און געפיהל.

י. אַדלער

„אַך, גאָט פון אברהם,
פון יצחק און יעקב,
פערנעהם דאָך מיין תפלה
אין הימעל'ס געצעלט;
און שיק מיר פרנסה,
און ריכט אויף מיין מזל,
און ליכטיג זאָל ווערען
מיין פינסטערע וועלט!“

י. אַדלער.

אַז דער שבת קודש געהט אַהין, קומט די ליבע וואָך אַהער. — ווער עס גרייט ניט אָן ערב־שבת, דער האָט ניט אויף שבת. — שבת האָט אפילו דער רשע אין גיהינום אויך רוה. — שבת האָט אפילו דער סמבטיון אויך רוה. — שבת־שטעך האַלטען ניט. — בשר ודגים איז אָן עונג שבת, — אין־דערוואָכען איז עס אויך ניט שלעכט.

בין־השמשות — צווישען טאָג און נאַכט. אויפריכ־טען — דערהויבען, ליכטיג מאַכען. סמבטיון — אַ לעגענדאַרי־שער טייך „הינטער די הרי־חושך“, וואָס וואַרפט אַ גאַנצע וואָך מיט שטיינער, רוהט אָבער אום שבת. שבת־שטעך — געהאַפּטע שטעך, געמאַכט אין איילעניש אַזוי ווי אַ שניידער ערב שבת פאַר ליכט־בענשען. בשר ודגים — פלייש און פיש. עונג שבת — אַ גרעסערער פערגעניגען לכבוד שבת.

32. צוויי מלאָכים

צוויי מלאכים: דער מלאך פון טויט און דער מלאך פון שלאָף, האָבען זיך איינמאָל פאַרנאַכט צוזאַמענגעטראָ־פען אויף אַ הויכען באַרג הינטער אַ שטאָדט. דער מלאך פון טויט איז געפלויגען אין שטאָדט נעהמען אַ נשמה פון אַ קראַנק אינגעלע, וואָס די דאָקטוירים האָבען איהם שוין אָפּגעזאָגט דאָס לעבען. דאָס אינגעל איז געלעגען און גע־מאַטערט זיך, און טאַטע און מאַמע זיינען לעבען איהם געזעסען און געוויינט. דער מלאך פון שלאָף איז געפלויגען אויסשפרייטען דעם שטויב פון שלאָף דאָ פון דעם הויכען באַרג אויף גאָר דער וועלט.

די צוויי מלאכים האָבען זיך שוין לאַנג ניט געזעהן — אפשר הונדערט יאָהר — האָבען זיי זיך זעהר דערפרעהט, אָפּגעגעבען איינער דעם צווייטען „שלום עליכם“, און צו־זאַמען געזעצט זיך אויפ׳ן באַרג און גערעדט וועגען דער שליחות, אין וועלכער זיי זיינען געשיקט פון הימעל.

— גליקליך, איבערגליקליך בין איך מיט מיין שליחות — האָט אָנגעהויבען דער מלאך פון שלאָף, — באַלד, ווי עס וועי־זען זיך נאָר די ערשטע דריי שטערן, שפּרייט איך אוים מיין שלאָף־שטויב איבער גאָר דער וועלט, וועט אַ ליבער זיסער שלאָף אָננעהמען אַלע מענשען, פון דעם הונדערטיעהריגען זקן ביז דעם מינדסטען קינד, וואָס ליעגט אין וויגעלע. דעם קראַנקען וועלען לייכטער ווערען זיינע וועהטאָגען, דער אַר־בייטער וועט אויסרוהען פון זיין פּראַצע. דער אָרימאַן וועט

פערגעסען אַז זיין אַרימקייט, קינדער וועלען אַנקלייבען פּרי־
שע כוחות פאַר דעם קומענדיגען טאָג און מאָרגען פריה ווע־
לען אַלע אויפשטעהן און לויבען גאָט פאַר זיין גענאָד. גליק־
ליך, איבערגליקליך בין איך, גאָט'ס שליח. אַ דאַנק דיר,
רבונו של עולם, פאַר דער אַנגענעהמער שליחות, וואָס דו
האָסט מיך מזכה געווען מיט איהר; נו, און דו, גוטער ברו־
דער, האָסטו עפּעס אויך פערגעניגען פון דיין שליחות?

— איך האָב איצט זעהר קיין צייט ניט צו רעדען מיט
דיר, — האָט דער מלאך־המות געזאָגט — אין פינף מינוט
אַרום דאַרף איך זיין אין אַן אָרט נעהמען אַ נשמה. איינער
מאַטערט זיך דאָרט, און די נשמה קען אָהן מיר ניט אַרויס.
אויב דו ווילסט, טאָ וואַרט אויף מיר דאָ, איך וועל אַ פליה טאָן
צונעהמען די נשמה און באַלד קום איך צוריק, וועל איך האָ־
בען צייט צו שמועסען.

— וואַרט, ענטלויף ניט, — האָט איהם דער מלאך פון
שלאָף אָפּגעהאַלטען. — זאָג מיר, ווער איז דער גוסס — אַן
עלטערער, אַ אינגערער?

— אַ קינד.

— פיעל איז אַלט דאָס קינד?

— זיבען יאָהר מיט זיבען חדשים מיט זיבען טעג.

— ווי זשע נעהמסטו דאָס צו די נשמה ביי אַזאַ קינד?
די עלטערן זיצען געוויים און קלאָגען, דו האָסט גאָר קיין
רחמנות ניט?

— איך ווייס ניט פון רחמנות, — זאָגט דער מלאך־המות
— אַ שעהנע מעשה וואָלט געווען, ווען איך וואָלט אויף אַלע־
מען געהאַט רחמנות. אַ גוטע נאַכט, איך פליה.

— טאָ זייַ נאָך עטליכע מינוט.

— אפילו קיין האַלבע מינוט אויך נישט, איך מוז קומען
פונקט צו דער סעקונדע. ווען איך זאָל פערשפּעטיגען, ווערט
דער גזר־דין צוריסען און דער חולה וועט לעבען און לעבען
אפשר נאָך זיבעציג יאָהר, צי מעהר, ער וועט זיין פונקט ווי
אַ ניי־געבאָרענער.

— טאָ זאָל ער טאַקע לעבען, וואָס אַרט דיר?

— ניין, ניין, ניין, — זאָגט דער מלאך־המות, — איך מוז

פליהען צונעהמען די נשמה! און ער האָט זיך אַ הויב געּ
טאָן, געוואָלט פליהען.

נעהמט דער גוטער מלאך פון שלאָף און חאַפּט איהם אָן
פאַר זיינע שוואַרצע פליגלען, ער זאָל ניט פליהען. איז אָבער
דער מלאך־המות פיעל שטאַרקער פון דעם גוטען מלאך, און
ער רייסט זיך אַרויס פון זיינע הענט.

זעהט דער מלאך פון שלאָף אַז מיט כח וועט ער גאַרנישט
מאַכען. נעהמט ער יענעם שלאָף־שטויב, און בלאָזט עס אַריין
אין די טויזענט אויגען פון דעם מלאך־המות, און די
מינוט איז דער מלאך־המות געפאַלען אַ שלאָפעדיגער אויפ'ן
באַרג. זיבען מייל אויף זיבען מייל האָט זיך געהערט ווי ער
חראָפעט. דערוויייל איז אַריבער די רגע, דער גזר־דין איז צו־
ריסען געוואָרען, דאָס קראַנקע אינגעלע האָט אָפּגעלעבט,
געעפענט די אויגעלעך און גערופען דער מאַמען. די מאַמע
איז געקומען צו לויפען, האָט עס ארומגענומען און געקושט.

און ווען דער מלאך־המות האָט זיך אויפגעהאַפּט פון
שלאָף אין זיבען שעה אַרום און געפלויגען אַהין צום אינגעלע,
ערשט... ס'איז שוין שפּעט... דער מלאך רפאל, וואָס היילט
קראַנקע, זיצט צוקאָפּענס ביים חולה און די מאַמע קאָרמעט
איהם מיט געשמאַקען זופּ און דאָס אינגעלע עסט מיט אַפּעּ
טיט. דאָס אינגעלע איז לעבען געבליבען און דער מלאך־
המות איז אַוועק מיט בזיונות.

יכנה"ז.

אַ מלאך קען אויך קיין צוויי שליחות ניט טאָן. — דער
מלאך־המות האָט אַ סך אויגען. — דער מלאך־המות שעכט און
בלייבט גערעכט. — מיט דעם מלאך־המות טרייבט מען ניט
קיין קאַטאָוועס. — איהם (אַ מאַרודניק) איז גוט צו שיקען נאָכ'ן
מלאך־המות. — „דער מלאך דער גוטער, ער זאָל זיין דיין היטער“.

ש ל י ח ו ת — אַ גאַנג, Errand, Message. **פּ ר אַ צ ע** — האָרעּ
וואַניע, שווערע אַרבייט. **מ ז כ ה ז י י ן** — בעעהרען, געבען אַ פּרי־
ווילעגיע, בעשענקען. **ג ו ס ס** — איינער וואָס מאַטערט זיך פאַר'ן טויט,
איינער וואָס האַלט ביים שטאַרבען. **ג ז ר ־ ד י ן** — אורטייל, משפּט, ווער־
דיקט. **ב ז י ו ן** (בזיונות) — שאַנדע. **ק אַ ט אָ ו ו ע ס** — שפּאַס.
מ אַ ר ו ד נ י ק — אַ לאַנגזאַמער אַרבייטער.

33. צווייט און צושפּרייט

מיין מאַן איז אין אַמעריקע,
אַ זוהן איז אין באַקו ;
אַ צווייטער איז אין אַפריקע,
אַ טאָכטער — גאָט ווייס וואו !

פערשיקט איז זי, מיין פויגעלע,
פערטריבען פון איהר בוים,
און איך געה אום און חלום נאָר :
וואו איז, וואו איז מיין היים !

דער מאַמע'ס האַרץ איז אומעטום,
די נשמה רייסט און ציהט —
איך האָב, אוי, היימען גאָר אַ סך,
רוה אָבער האָב איך ניט !

זעלדע קניזשניק.

צווייט און צושפּרייט אויף אַלע זיבען ים'ען. — איטליכער איד האָט זיך זיין פּעקעל (צרות). — צווישען אידען ווערט מען ניט פערפאַלען. — לאַנג ווי דער אידישער גלות. — עס איז ניטאָ קיין געטרייערס פון אַ מוטער.

באַקו — אַ שטאָדט אויף קאַווקאַז, וואָס איז ווייט פון די אידישע שטעדט אין רוסלאַנד. פערשיקען — אַוועקשיקען אין ווייטע געפאַנגענשאַפט, (ווי אַ שטייגער אין סיביר).

34. דער מכשף

אין גערטעל ליעגט אַ גרויסער משונה'דיגער שטיין — און אויבען אויפ'ן באַרג, ביי דער חורבה פון אַלטען גראַפ'ס פעסטונג, ליעגט אויך אַזאַ שטיין. ווייסט איהר וואָס דאָס בעטייט ?

איבער דער פעסטונג האָט זיך אַמאָל געהויבט אַ טורעם — טאַקע עד לב השמים אַ טורעם ! אויבען פלעגט אַרומגעהן אַ שומר מיט אַ טראָמפּייט און טאָג און נאַכט היטען,

י. ל. פרץ

עס זאָל אומגערירט קיין שונא נישט בעפאַלען. און בעווייזט זיך עפּעס, בלאָזט ער און וועקט דעם גראַפ׳ס חיילות, און זיי שפּרינגען אויף די מויערן אַרויף —

נאָר אויסער דעם שומר פלעגט נאָך עמיץ זיצען אויפ׳ן טורעם.

דער גראַף האָט זיך געהאַלטען אַ מכשף, אַ מין שטערנזעהער, וואָס פלעגט שטענדיג זיצען אין דער הויך. קוקען אויף די מזלות און פערשרייבען, און דערנאָך אַראָפּקומען צום גראַף און זאָגען, וואָס עס איז איהם בעשערט...

און דער גראַף — איז אויך, ווי דעמאָלט פלעגט דער מנהג זיין, שופט געווען; די גאַנצע סביבה פלעגט ער משפט׳ען.

קומען איינמאָל צוויי ברידער צום גראַף, מיט אַ סכסוך וועגען אַ ירושה זיינען זיי געקומען; איז אָבער דער גראַף אַ יוצא למלחמה געווען, דאָס פערד איז שוין געשטאַנען אָנ־

געזאָטעלט, און ער האָט זיך אַרומגעגאַרטעלט מיט דער שווערד. שיקט ער די שני אחים אָפּ צום מכשף. ער זאָל זיי פסק'נען...

קומען זיי צום מכשף אויפ'ן טורעם אַרויף און זאָגען איהם אַזוי און אַזוי: מיר האָבען אַ דין־תורה, און דער גראַף האָט אונז צו דיר געשיקט, און אַזוי ווי דו וועסט פסק'נען, אַזוי וועט זיין.

מוז ער דאָך, דער מכשף, בעשטעהן; נאָר אַ תנאי נעהמט ער זיך אויס: זיי זאָלען עהרליך טענה'ן: זיי זאָלען נישט מעלים זיין און קיין וואָרט שקר נישט זאָגען, אַ נישט וועט ער זיי בעשטראָפען!

בעשטעהען זיי — הויבען אָן טענה'ן — און פערגעסען זיך און הויבען אָן טענה'ן שקר שקרים — דערמאָנט ער זיי, איז זיי מתרה, איינמאָל, צוויי מאָל, צום דריטען מאָל — עס איז אָבער נישט מעגליך! ווערט ער בייז, גיט אויף זיי אַ בלאָז, פליהען זיי אַרויס פון די פענסטערלעך. ווערן פער־שטיינערט, און פאַלען — איינער אויפ'ן באַרג און דער צווייטער אין גערטעל אַריין...

און דאָס זיינען די שטיינער.

י. ל. פרץ.

משונה'דיג — מאָדנע, אומגעוועהנליך. עד לב השמים — ביז'ן סאַמען הימעל. חיילות — אַרמייען. מויערן — די ווענט אַרום אַ פעסטונג; שטיינערנע געביידעס. מזלות — פלאַנע־טען. שופט — ריכטער. סביבה — די אַרומיגע געגענד. סכסוך — אַ קריעג וועגען עפּעס. יוצא למלחמה — ריכט זיך אויס אין קריעג. שני אחים — צוויי ברידער. דין־תורה — אַ משפט (מייסטענס פאַר אַ רב). אויסנעהמען אַ תנאי — אָפּרעדען, אָפּמאַכען. מעלים זיין — פאַרבעהאַלטען, נִיט אויס־זאָגען. בעשטעהן — איינגעהן, צושטימען. מתרה זיין — וואַרנען. שקר שקרים — אַ גרויסער ליגען, אַ ליגען פון אָנהויב ביז'ן סוף.

35. סוף זומער

עס פֿעקעלט זיך דער זומער שוין
און זיפֿצענדיג זיך זעגענט ;
די שוואַלבען פֿליהען מחנות־ווייז
אַוועק אין דרום־געגענד.

די דאַרע בלעטער פֿאַלענדיג,
מיט שוואַכען יאוש רוישען,
עס קוקען צווייגען נאַקעטע
פֿון יעדען בוים אַרוים שוין.

די לעצטע בלום וועלקט אויף איהר שטאַם,
עס טריקענען די גראָזען,
די זונען־שטראַלען פֿאַלען קרום,
און קיהלע לופֿטען בלאָזען.

יהואָש.

פֿ ע ק ל ע ן ז י ך — קלייבען זיך אין וועג. י א ו ש — פֿערלאָ־רענע האָפֿנונג, פֿערצווייפלונג.

צווייטע אָפּטיילונג.

36. משה און דער סנה

משה האָט זיך אַרומגעפיהרט מיט יתרו'ס שאָף אין דער מדבר, און דאָס האַרץ זיינס איז געווען ביי זיינע געפּייניגטע ברידער אין מצרים. „וואָס וועט זיין מיט זיי דער סוף — האָט משה פערצווייפעלט געטראַכט — צי וועלען זיי דאָס אויסהאַלטען, צי פאַר גרויסע צרות און פּיין וועלען זיי אינגאַנצען פון דער וועלט נישט אומקומען?“

דאָ האָט זיך איהם גאָט בעוויזען אין פייער פון אַ דאָרנבוים.

— משה — האָט איהם גאָט געזאָגט — צי מיינסטו דען, אַז איך האָב אין מיינע קינדער פערגעסען? צי שפּירסטו נישט, אַז זייער צער איז מיין צער? אָט זעה פון וואַנען מיין שכינה בעוויזט זיך דיר איצט — פון אַ דאָרנבוים: מיט זיי אינאיינעם לייד איך, אַ גלייכער שותּף בין איך אין זייער צער. זעהסטו אָבער אָט דעם דאָרנבוים ווי ער ברענט און ווערט נישט פערברענט — צו איהם זיינען די אידישע קינדער געגליכען: קיינע צרות און פּיין וועלען זיי פון דער וועלט נישט אומברענגען.

פון די „אידישע אַגדות“.

ס נ ה — דאָרנבוים. ש כ י נ ה — גאָט'ס שטראַלענדיג פּנים, גאָט. ד י ש כ י נ ה ר ו ה ט א ו י ף א י ה ם — ער שיינט מיט אַ געטליכער שעהנקייט.

משה מיכעל אנדזשעלא

.37 אַ געזינד זאַלבע־אַכט

אַ געזינד זאַלבע־אַכט,
און בעטען נאָר צוויי, —
און קומט אָן די נאַכט,
וואו שלאָפען דאַן זיי ?

דריי מיט׳ן טאַטען,
און דריי מיט דער מאַמען —
הענטלעך און פיסלעך,
געפלאָכטען צוזאַמען.

און קומט אָן די נאַכט,
מען דאַרף זיך אויסבעטען,
דאַן הויבט אָן די מוטער
דעם טויט אויף זיך בעטען.

זי מיינט מיט אַן אמת, —
עס איז נישט קיין וואונדער :
אויך ענג איז אין קבר,
דאָך ליעגט מען בעזונדער...

אברהם רייזען.

ז אַ ל ב ע ־ אַ כ ט — פון אַכט מענשען.

.38 אַ אינגעלע אַ שוועלבעלע

די מעשה, וואָס איך וועל אייך דאַ דערצעהלען, איז נישט קיין אמת און נישט קיין ליגען. עס איז ניט מעהר, ווי אַ חלום, וואָס האָט זיך מיר אמאָל גע׳חלומ׳ט אינגעלוויז, ווען איך בין נאָך אין חדר געגאַנגען און חומש געלערנט.

חלומ׳ט זיך מיר : אַ פייגעלע בין איך. נישט קיין מענש, נאָר אַ פייגעלע, אַ שוועלבעלע.

געקומען בין איך פון אַ וויט לאַנד ערגעץ ; דאַכט זיך, פון ארץ ישראל געקומען צו פליהען.

פרץ הירשביין

פליה איך אַהער, פליה איך אַהין, זוך מיר אַן אָרט, וואו אַ נעסט צו מאַכען. געפין איך מיר אַ שעהנעם אָרט אונטער אַ דאַך, ערגעץ איבער אַ פענסטער, בעקוק איך און בעטראַכט איך דאָס אָרט: מיין נעסט וועט זיך דאָרט האַלטען; קיין ווינט וועט נישט אַריינבלאָזען; קיין רעגען — נישט אַריינגיסען. איך נעהם מיט חשק בויען.

פליה איך אַהער, פליה איך אַהין, ברענג קלעפיגע שטיקעלעך בלאָטע און שטיקעלעך ליים אין מיין שנעבעלע; לעג עס איבער, פלעכט עס איין מיט שטרויעלעך, מיט דינע, דינע העלצעלעך.

איך קלעפּ און בוי, בוי און קלעפּ, און מיין נעסט איז שוין פון אויסוועניג פאַרטיג.

בלייבט מיר נאָר אויסצובעטען מיין נעסט פון אינוועניג מיט ווייכינקע שטרויעלעך, הערעלעך און פעדערלעך, ווייך און וואַרים זאָל זיין אין איהם צו וואוינען. שטרויעלעך און הערעלעך געפונען, פעדערלעך — נישטאָ.

פליה איך אַהער, פליה איך אַהין, — נישטאָ קיין פעדער־לעך.

דערמאָן איך מיך, — אין חדר, אויפ'ן בוידים, וואו מיר, חדר־אינגלעך פערקלייבען זיך אַמאָל שפּילען, שטעהען טעפּע־לעך מיט פעדערען, וואָס די רבי'צין האָט ערב יום־כפור אָפּ־געפּליקט פון די כפרה'ס.

קום איך צופליהען אויפ'ן בוידים, דורך אַ צובראָכען שייבעלע, וואָס אין אַקליינעם פענסטערל דאָרטען. שפּילען זיך אויפ'ן בוידים מיינע חברים — שלמה'לע און חיים'ל.

— אַ שוועלבעלע אַריינגעפלויגען! — שרייען זיי ביידע אוים.

— לאָמיר עס חאַפּען, דער'הרג'ענען! — שרייט שלמה'לע.

— פאַרוואָס דער'הרג'ענען? — פרעגט חיים'ל.

— זעהסטו, — זאָגט שלמה'לע, — דאָס העלזעלע איז ביי דעם רויט. עס האָט אין שנעבעלע פייער געטראָגען דעם בית־המקדש צו פערברענען.

וויל איך צוריק אַרויספליהען, האָבען זיי דאָס פענסטער פערשטעלט. פערשטעלט דאָס פענסטער און אָנגעהויבען וואַרפען אויף מיר זייערע היטלען.

פליה איך אַהער, פליה איך אַהין, פון איין ווינקעל צום אַנדערן, און זוך אַ שפּעלטעלע אויף דער גאַס אַרוים — נישטאָ! קום איך צום פענסטערל — באַץ! — צושלאָג איך מיך און קאָן ניט אַרוים.

— וועסט ווייטער טראָגען פייער דעם בית־המקדש צו פערברענען?! — שרייט שלמה'לע און שליידערט אויף מיר זיין היטעל.

— מיר וועלען דיך פאַקען, — שרייט חיים'ל — און וואַרפט אַ רייף פון אַ צובראָכענער פאַס.

פליה איך אַהער, פליה איך אַהין און שלאָג מיך פון די כחות אַרוים. פּלוצלונג — באַץ!

שלמה'לע האָט אַ שליידער געטאָן זיין היטעל. איך האָב מיר אין היטעל פערפּלאָנטערט, אינאיינעם מיט איהם אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלען... חאַפּט מען מיך און מען

האַלט מיך פעסט, צאַפּעל איך זיך, צאַפּעל איך זיך, איך קאָן זיך נישט אַרויסרייסען.

— דערשטיקען ! — זאָגט שלמה׳לע.

— מיר וועלען עס אין אַ שטייגעלע אַריינזעצען — זאָגט חיים׳ל.

זיי קוקען מיר ביידע גלייך אין די אויגען. איך ציטער און פלאַטער מיט די פליגעלעך.

— נו, וואָס ? — פרעגט שלמה׳לע.

— אַ רחמנות ! — זאָגט חיים׳ל.

— און דעם בית־המקדש פאַרוואָס האָט זי אונטערגע־צונדען ? — פרעגט ווידער שלמה׳לע און ער הויבט מיך אָן צו טרייסלען מיט כעס :

— דו האָסט דעם בית־המקדש פערברענט ! דו האָסט פייער געטראָגען !

— אַ רחמנות, זאָגט ווידער חיים׳ל.

ער נעהמט מיין שנעבעלע צו זיך אין מויל אַריין און גיט מיר טרינקען.

— לאָמיר עס גאָר אַריינטראָגען אין חדר, פרעגען דעם רבי׳ן. וואָס ער וועט הייסען, דאָס וועלען מיר טאָן.

קלעטערן זיי ביידע אַראָפּ פון בוידים. מיך האַלטען זיי שטאַרק, איך זאָל נישט ענטלויפען.

— רבי, מיר האָבען געחאַפּט אַ שוועלבעלע ! — שרייען זיי ביידע אויס, אַריינקומענדיג אין חדר, — אויפ׳ן בוידים האָבען מיר עס געפּאַקט ! אמת, די שוועלבעלעך האָבען דעם בית־המקדש פערברענט ?

קוקען אויף מיר אַלע, און מיין הערצל צאַפּעלט זיך.

— ניט איך, ניט איך, — וויל איך שרייען און קאָן ניט רעדען.

איך שטרענג די לעצטע כוחות אָן און...

איך האָב מיך אויפגעחאַפּט —

— אַך, דו יונגאַטש איינער ! אין מיטען לערנען ווערט מען אַנשלאָפען ? — לאַכט הויך דער רבי, און די חברים לאַכען מיט.

— אין דער היים שלאָפֿט מען און נישט אין חדר ביים לערנען...

ווי איהר זעהט, איז די מעשה נישט קיין אמת און נישט קיין ליגען; עס איז אַ חלום, וואָס האָט זיך מיר אַמאָל גע־חלום׳ט, ווען איך בין אין חדר אויפ׳ן חומש אַנשלאָפֿען גע־וואָרען.

פּרץ הירשביין.

39. ווינטער

עס גערהט אַרום דער פראָסט, דער אַלטער,
וואַלד־אויס, וואַלד־איין, פון פעלד צום טייך,
פון באַרג צום טאָל; בעקוקט זיין נחלה —
זיין טויט־פערוויגטעס קעניגרייך.

„גוט! — זאָגט ער — זעהר גוט! מיין מלאכה
„איז רוהיג. וואָס אַן אויג נאָר זעהט,
„איז אַלץ פערשמידט אין שווערע קייטען,
„אַלץ, אַלץ פערפראָרען און פערשנייט.

„עס רוישען נאָר די וואַסערפאַלען,
„עס פליהט און שפּריצט דער שוים פון זיי;
„נאָר אויך פערקלעמט אין טויטע ראַהמען
„פון בלויען אייז און ווייסען שניי.

„די זון איז מאַט, די זון איז רוהיג...
„אַלץ ליעגט פערשטיינט, פערגליווערט שוין,
„עס פינקעלט נאָר און בליצט די נאָרד־שיין —
„די קאַלטע, טויטע ווינטער־קרוין!“

ש. פרוג.

נ ח ל ה — מאַיאָנטעק, גוט (פעלדער, לאָנקעס, וועלדער א. אַז. וו.), אַן אייגען הויז אָדער אַ שטיק ערד.

ז. ליבין

40. דער דאָרפס־פעדלער

עס איז געווען אַ פרייטאָג אָווענט אין דעם חודש תמוז. איבער דעם ברייטען זומפיגען וועג, וועלכער פיהרט צו אַ קליינעם דערפעל, האָט געהאַלטען אין שפּאַנען אַ מאַן פון אַ יאָהר פערציג.

דער פוסגעהער האָט געטראָגען אַ גרויסען קאַסטען אויפ'ן רוקען.

דאָס איז געווען אַ אידישער פעדלער.

דער קאַסטען איז געווען פעסט צוגעבונדען צו דעם טרעגער מיט רימענס. די רימענס זיינען געווען אַריבערגעוואָרפען איבער זיינע שולטערן און האָבען זיך אויסגעלעגט איבער זיין ברוסט אזוי ווי דער בוכשטאַב X.

דער קאַסטען איז הפנים געווען זעהר אַ שווערער, וואָרים אויף דעם פערשוויצטען פערברענטען פנים פון דעם פעדלער

האָבען זיך אַרויסגעזעהן אָנגעצויגענע און אָנגעלאָפענע אָדערן.

דער וועג, איבער וועלכען דער פעדלער האָט געשפּאַנט, איז געלעגען צווישען אַ צימליך געדיכטען וואַלד.

עס איז געווען אַ זייגער פינף. די זון האָט נאָך געהאַט דורכצומאַכען אַ פיין שטיקעל רייזע ביז איהר אונטערגאַנג. אָבער אויף דיזען וועג האָט מען זי שוין מעהר ניט געזעהן, וואָרים דער וואַלד, וועלכער האָט זיך געפונען אויף דער מערבֿ־זייט, האָט זי איינגאַנצען פערשטעלט און געוואָרפען אַ ליבליכען שאָטען איבער די גאַנצע ברייט פון׳ם וועג.

דער פוסגעהער פלעגט זעהר אָפט וואַרפען עפּעס אַזוי ווי אַ בייזען בליק אויף די מערבֿ־זייט פון וועג, אַ דריק געבען מיט די פּלייצעס, און ניט צופרידען נעהמען מורמלען צו זיך זעלבסט:

„עך... ס׳אַרא וואַלד... געדיכט... און ציהט זיך... און ציהט זיך.... גאַר אָהן א סוף... מען קאָן די ווייסע וועלט ניט זעהן... ווער ווייס? פיללייכט איז שוין די זון פערגאַנגען?“

נאָר אָט האָט דער וואַלד פון מערבֿ־זייט גענומען ווערען שיטערער.

און צווישען די בוימער האָט גענומען שפּרינקלען מיט גאָלד פון די שטראַלען פון דער פערגעהענדער זון.

דער פעדלער האָט עס בעמערקט. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט, און זיין פּנים איז געוואָרען פרעהליכער.

„די זון איז נאָך ניט פערגאַנגען“, האָט ער גאַנץ צופרידען געזאָגט צו זיך זעלבסט.

נאָר באַלד איז דער פעדלער וויטער געוואָרען טרויעריג.

„ווער ווייס?“ האָט ער גענומען רעדען. „ווער ווייס, ווען איך וועל זיך דערשלעפּען צו אַ דאָרף? אפשר וועט שוין שבת לאַנג פערגעהן?“

ער האָט אַ האַסטיגען שטופּ געגעבען דעם קאַסטען העכער איבער׳ן רוקען און גענומען שנעלער טרעטען.

און אָט האָבען פון דערווייטען, אַזוי ווי פון דער ערד, גענומען אַרויסשניידען זיך הייזקעס.

„אַ דאָרף!“ האָט דער פּעדלער אַ זיפֿץ געגעבן. „געלויבט איז גאָט! פּונקט צו דער צייט“.

ער האָט זיך גלייך פֿערקעהרט צו דער זייט פֿונ׳ם וועג, אוועקגעשטעלט זיך מיט׳ן רוקען צו אַ בוים, אָנגעשפּאַרט דעם קאַסטען, אויסגעגלייכט זיך, אויסגעהוסט זיך, אָפּגעווישט דעם שווייס פֿון פּנים, און עפּעס אַזוי ווי פֿון גאָרנישט טראַכטענדיג האָט ער גענומען קוקען אויפ׳ן וואַלד, פֿון דער אַנדער זייט וועג.

ראַפּטום האָט ער זיך אַ כאַפּ געגעבן און גענומען קוקען אַהין אין יענער זייט, פֿון וואַנען דאָס דאָרף האָט זיך אַרויסגעזעהן.

„אַ דאָרף!“ האָט ער אַ זיפֿץ געגעבן. „אַ דאָרף... ווער ווייס? וועל איך דאָ טרעפֿען אַ אידען? וועל איך דאָ קענען שבת האַלטען? נאָר מען דאַרף שוין געהן... שפּעט!“

און דער פּעדלער איז אוועק צום דאָרף.

ז. ליבין.

אָ נ ג ע ל אָ פ ע נ ע — אַזוי ווי אָנגעשוואָלען. אַ צ י מ ל י ד ג ע ד י כ ט ע ר — אַ גאַנץ געדיכטער. ה י י ז ק ע ס — הייזלעך. ר אַ פּ ט ו ם — פּלוצלונג, מיט אַ מאָל. ש ב ת ה אַ ל ט ע ן — בלייבען איבער שבת צווישען אידען.

41. די חנוכה־ליכט

פֿערלאָשען זיינען מיינע שטערען
און פֿינסטער איז די לאַנגע נאַכט;
דאָך הויבט מיר ליכטיג אָן צו ווערען,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

מיין מאַכט און שטאָלץ איז לאַנג אַריבער,
דער ווילדער שונא שפּאָט און לאַכט;
עס לעבט דאָך אויף דער אַלטער גבור,
ווען כ׳צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

עס שטומען אַלע מיינע לידער
פון גבורה, העלדענטאַט און מאַכט,
דאָך קלינגען זיי אין האַרץ מיר ווידער,
ווען כ'צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט.

אָן אַלטע טרער מיין אויג פערטונקעלט
און האָט עס שיער ניט בלינד געמאַכט;
דאָך זעהט, ווי העל צוריק עס פונקעלט,
ווען כ'צינד די ליכטלעך אָן, די אַכט!

אברהם רייזען.

42. שלמה המלך'ס שטול

שלמה המלך האָט זיך געמאַכט אַ שטול פון עלפענביין בעדעקט מיט גאָלד, בעשאָטען מיט פערעל און בעזעצט מיט טייערע בריליאַנטען פון אַלערליי קאָלירען: רויטע רובינען, בלויע סאַפּירען, לויטערע בריליאַנטען, גרינע שמאַראַגדען און אַנדערע טייערע שטיינער. דאָס איז געווען זיין טראָן, אויף וועלכען ער איז געזעסען און האָט געקיניגט איבער די אידען.

זעקס טרעפּ האָט געהאַט דער שטול. אויף דער ערשטער טרעפּ איז געלעגען אַ גילדערנער לייב און אַנטקעגען אַ גיל־דענער אָקס; אויף דער צווייטער טרעפּ — אַ גילדענער וואָלף, אַנטקעגען אַ שאָף; אויף דער דריטער — אַ לעמפּערט, אַנטקעגען אַ ציעג; אויף דער פערטער — אַ בער, אַנטקעגען אַ הירש; אויף דער פינפטער — אַן אָדלער, אַנטקעגען אַ טויב; אויף דער זעקסטער אַ שפּאַרבער, אַנטקעגען אַ שפּער־לינג. אַלץ פון לויטער גאָלד.

אויבען אויפ'ן קאָפּ פון שטוהל איז געשטאַנען אַ גילדער־נע מנורה מיט אַלעם גרייטען: לייכטער און קנעפּ, צוועגלעך און פּייער־שאַרער, בעכער און בלומען, אַלץ פון גאָלד. זיבען רעהרען געהען ארוים פון איין זייט, און אויף זיי אויסגע־שניצט די זיבען אָבות פון דער וועלט: אדם, נח, שם, אברהם, יצחק יעקב, און איוב אין מיטען; און אויף דער אַנדערער

זייט מנורה נאָך זיבען גילדערנע רעהרען, און אויף זיי אויס־געשניצט די זיבען חסידים פון דער וועלט: לוי און עמרם, משה ואהרן, אלדד ומידד, און חור אין מיטען.

אויף דער מנורה — אַ גילדערנער קרוג, און אונטען אַ גילדערנער בעקען,ביידע — פול מיט לויטערען שמן־זית. פון בעקען געהען ארויס צוויי גילדערנע זאַנגען און אין די זאַנגען — צוויי קאַנאַלען. אויפ'ן בעקען איז געוועזן אויסגע־שניצט עלי הכהן, אויף די זאַנגען — זיינע צוויי זיהן, חפני ופנחס, און אויף די קאַנאַלען — די צוויי אהרן'ס קינדער, נדב ואביהוא.

אין ביידע זייטען שטול, רעכטס און לינקס, זיינען גע־שטאַנען צוויי גילדערנע הויכע שטולען, איינער פאַר'ן כהן גדול, דער צווייטער פאַר'ן סגן פון כהן גדול, און אַרום שטול — נאָך זיבעציג גילדערנע הויכע שטולען פאַר די זיבעציג זקנים — די סנהדרין.

און צוויי וואַסער־פרויען, האַלב פיש האַלב מענש, זיינען געזעסען פון ביידע זייטען פון מלך, ער זאָל אויף זיי אָנלעהנען דעם קאָפּ.

און פיער און צוואנציג גילדערנע ווינשטאָקען זיינען גע־שטאַנען פון ביידע זייטען שטול און האָבען בעדעקט דעם מלך מיט זייער שאָטען, און אַרום שטול זיינען געשטאַנען טייטעל־בוימער בעהאַנגען מיט ווייסען ליינען, און אויף זייערע בלעטער־קרוינען זיינען געשטאַנען עלפענביינענע פאַוועס, און צוויי גילדערנע לייבען, אינווייניג אויסגעהויהלט און אָנגעפילט מיט בשמים, האָבען געשפריצט געווירציגע ריחות, ווען שלמה המלך האָט זיך געזעצט אויפ'ן שטול.

ווי שלמה המלך פלעגט ארויף אויף די ערשטע טרעפּ, — אַזוי האָט זיך באַלד אָנגעהויבען ריהרען דער אינווייניגסטער מעכאַניזם. אַ ראָד גיט זיך אַ דרעה, און דער לייב שטרעקט אויס זיין פוס פון איין זייט און דער אָקס — אַנטקעגען, און דער מלך לעהנט זיך אָן אויף זיי און געהט אַרויף העכער. אַזוי איז געווען ביי אַלע טרעפּ. אויבען האָט איהם דער אָדלער געזעצט אויפ'ן שטול און אָנגעטאָן די קרוין אויפ'ן קאָפּ און די גילדערנע טויב איז אַראָפּ פון זייל צום ארון־קודש, גענומען

אַ ספר־תורה און דערלאַנגט שלמה׳ן אין האַנט, און דער כהן־גדול מיט די זקנים שטעהען אויף און גיבען אָפּ שלום, דערנאָך זעצען זיי זיך אויף די ערטער און הויבען אָן משפּט׳ן דאָס פאָלק ישראל.

אַ זילבערנע שלאַנג איז געווען אין מעכאַניזם, צונויפגעוויקעלט, ווי אַ פערשרויפטע ספּרוזשינע, און ווען עס פלעגען קומען פאַלשע עדות, האָט זיך באַלד די שלאַנג צואוויקעלט און אַלע ספּרוזשינעס פאַנאַנדערגעלאָזט — האָבען אַלע רעדער אָנגעהויבען זיך דרעהען און די חיות — רווישען: די אָקסען — מוקען, לייבען — שרייען; לעמפּערטען — שאַלען, וועלף — וואָיען, שעפּסען — בלעקערצען, ציעגען — מעקען, בערען — ברומען, הירשען — שרייען, טויבען — וואָרקען, שפּאַרבער — קראַקען, שפּערלינגען — פּיפּסען, פּאַוועס — לויפען און אָדלער — פליהען. פאַלט אָן אויף די עדות אַ שרעק און זיי זאָגען דעם אמת.

פון די „אידישע אַגדות“.

רובין — Ruby. שמאַראַגד — Emerald. לעמפּערט — Leopard. שפּאַרבער — Hawk. שפּערלינג — Sparrow. חסידים — פרומע לייט. בעקען — Basin. שמן־זית — איל פון איילבערטען, Olive Oil. סגן — וויצע, Vice. זקנים — Elders. סנהדרין — דאָס העכסטע געריכט אַמאָל ביי אידען. פּאַווע — Peacock. אויסהוילען — אויסבויערן פון אינווייניג. בשמים — פּאַרפומען, שמעקעדיגע גראָזען, געווירצען. ספּרוזשינע — Spring.

43. שבת־ליד

די ערד איז ווייס, דער הימעל בלאָה,
און אין דער ווייסקייט שפּאַנט אַ מענש,
אַ קליינער, שוואַרצער מענש,
און דאָס בין איך.

ז. שניאור

איך שפּאַן פּאַמעליך — צייט איז דאָ;
אי דאָ, אי דאָרט איז ווייס און בלאָה,
דער ווייכער שניי פערשרייבט די טריט;
איך געה!

ז. שניאור.

44. ווען דער פּאַפּאַ סטרייקט

עס איז אַ ווינטער־נאַכט.

דרויסען איז אַ ברענענדיגער פראָסט און אַ שניידענדי־גער, קאַלטער ווינט. דרויסען איז סיביר, און אין צימער? אין צימער איז נויאָרק.

און עס איז קאַלט ווי אויף דרויסען, ווייל אין צימער וואוינט אַן אַרבייטער, אַ אידישער הויזען־מאַכער, און פון יעדען ווינקעלע קוקט ארויס די ביטערע, שטיקענדיגע נויט, ווייל דער הויזען־מאַכער איז אין סטרייק.

דער סטרייקער איז ניטאָ אין דערהיים: ער איז אויף אַ מיטינג. די פרוי זיינע זיצט ביים אויוון און נעהט עפּעס מיט'ן נאָדעל — דאָס פערריכט זי אוים וועש פאַר שכנים, העלפענדיג דערמיט דעם מאַן אין זיין סטרייק.

דאָס פייער אין אויוון געהט אוים. הפּנים, אַז דעם סטרייקער'ס פרוי האָט שוין דערשפּירט די קעלט; אָט האָט זי געעפענט אַ דעקעל און אַריינגעקוקט אין אויוון. האָט זי אַ שווערען, טיפען זיפץ געגעבען, געוואָרפען אַ טרויעריגען בליק אויף דעם לערען קויהלען־שעפעל, און איז ווייטער געבליבען פערטראַכט און שווער פערזאָרגט.

און עס איז שטיל אין צימער, בלויז דער ווינט קלאַפּט אין די פערפרוירענע שויבען, און אַמאָל אין אַ ווײַלע רייסט ער זיך אַריין אין קוימען פון קאַמין און וויינט אַזוי האַרצרייסענדיג, אַזוי טרויעריג, עפּעס ווי ער וואָלט אויך געהאַט אַ ביטער האַרץ פון אַ הויזען־מאַכער אַ סטרייקער...

— מאַמע — האָט זיך דערהערט אַ קינדיש שטימעלע פון שלאָפצימער, און די מאַמע וואַרפט די אַרבייט און לויפט אַהין. דאָרט שלאָפט איהר צירעלע, איהר איינציג דריי־יאָהריג קינד.

צירעלע איז געווען בעהאַלטען אין אַ גאַנצען ים מיט שמאַטעס, האָט זי דאָס אַלץ אַראָפּגעוואָרפען און וויל אַרוים־געהן פון בעט.

— וואוהין, מיין קינד? — פרעגט די מוטער און פּראָוועט צוריק איינדעקען דאָס מיידעלע.

— מאַמע, נעהם מיך צום אויוון, מיר איז קאַלט — בעט זיך צירעלע.

— עס איז דאָרטען אויך קאַלט, צירעלע.

— שיט אַריין קויהלען — גיט דאָס קינד אַן עצה.

— ניטאָ, מיין נחת, קיין קויהלען — זיפצט דעם סטרייקער'ס פרוי.

— פאַראָן.

— ניטאָ, מיין לעבען, אָט וועל איך דיר ווייזען דאָס שעפעל.

און די מוטער געהט אין קיך, נעהמט דאָס לערע קויהלען־שעפעל און ווייזט עס צירעלע׳ן.

צירעלע קוקט אַריין אין שעפעל, און גיט דערביי אַ טיפען, קינדישען זיפץ.

— ניטאָ מעהר קיין קויהלען — זאָגט צירעלע, און איהר קינדיש פּנים׳על ווערט אַזוי ערנסט טרויעריג.

— ניטאָ מעהר — בעשטעטיגט די מוטער.

— געה ברענג — ראָט דאָס קינד.

— ניטאָ קיין געלט, מיין הארץ.

— ניטאָ קיין פּענים? — פרעגט דאָס קינד איבער.

— יע, מיין נשמה, ניטאָ קיין פּענים.

— דער טאַטע ברענגט ניט?

— יע, צירעניו, דער טאַטע ברענגט ניט.

— פאַר וואָס?

— ווייל עס איז אַ סטרייק, מיין טאָכטער.

צירעלע קוקט אויף דער מוטער אַזוי בענקענדיג, אַזוי טרויעריג, הגם דאָס לעצטע וואָס די מוטער האָט איהר געזאָגט פערשטעהט זי ניט.

— שלאָף, צירעניו.

— איך וויל עסען, מאַמע.

— גלייך, מיין קינד.

און די מאַמע געהט אין קיך, שניידט אָפּ אַ שטיקעל ברויט, זוכט עפּעס אין אַלמער, געפינט גאָרניט, און, געהענדיג ווייטער אַ שטילען, טיפען זיפץ, קעהרט זי זיך אום צוריק אין שלאָפצימער צו איהר הונגעריג קינד.

— נאַ, מיין קינד.

— וואָס איז דאָס?

— ברויטעלע.

— איך וויל ניט, מאַמע.

— פאַרוואָס, צירעניו?

— בעשמיר מיט פּוטער.

— ניטאָ, מיין נחת, מאָרגען וועל איך בעשמירען; דער ווײלע עס אַזוי.

— איך וויל ניט.

— גיב פוטער — ווידערהאַלט דאָס קינד איהר ערשטע פאָדערונג.

— קינד מיינס, נו, וואָס וואָלט איך דיר ניט וועלען געבען, אַז עס וואָלט געווען, נאַרעלע מיינס? — רעדט די מוטער איין איהר קינד.

צירעלע וויל אָבער ניט גלויבען, און ווייזט אויפ'ן אַלמער.

די מוטער ברענגט די לערע פוטער־כלי צום בעט, צירעלע קוקט אויף איהר מיט בענקענדיגע בליקען, און לאָזט ווידער אַרויס אַ שטילען, האַרצרייסענדיגען זיפץ.

— ניטאָ מעהר קיין פוטער, מאַמע? — זאָגט דאָס קינד טרויעריג און פיהרט פאַנאַנדער די הענטלעך.

— ניטאָ מעהר, מיין לעבען — ענטפערט די מאַמע מיט אַ קול פון טרערען.

— ניטאָ קיין פענים — דערקלערט די יונגע צירעלע.

— יע, מיין טאָכטער, ניטאָ קיין פענים.

— דער פאַפּאַ ברענגט ניט?

— ניין, מיין נשמה, ער ברענגט ניט.

— פאַרוואָס, מאַמע?

— איך זאָג דאָך דיר, מיין אויג אין קאָפּ, ער סטרייקט.

אַ ווייל‎ע שווייגט דאָס קינד, דערנאָך גיט עס פלוצלינג אַ פרעג:

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— וואָס, מיין קינד?

— פאַרוואָס דער פאַפּאַ ברענגט ניט קיין פענים?

— ער סטרייקט, מיין קינד.

— ווער איז דאָס? — פרעגט צירעלע ווייטער.

— קיינער ניט, מיין קינד, דאָס איז אַ סטרייק.

— וואָס איז דאָס, מאַמע?

— אַ סטרייק, מיין נשמה.

— אַ בוגימען?

— ניין, מיין קינד, קענסט עס ניט פערשטעהן... וועסט עלטער ווערען, וועסטו פערשטעהן.

דער ווינט שטאַרקט זיך, און הויבט אָן אַזוי ווי מיט אַכזריות צו קלאַפּען אין די שויבען. עס ציטערט דאָס גאַנצע

הויז. צירעלע דריקט זיך צו צו דער מאַמע'ן און ציטערט פאַר שרעק.

— איז דאָס דער סטרייק, מאַמע?

— נאַריש קינד, דאָס איז דאָך דער ווינט.

צירעלע הערט זיך איין, טוליעט זיך צו דער מאַמע'ן און נעהמט אַהן חשק עסען דאָס שטיקעל טרוקען ברויט...

פון דער מאַמע'ס אויגען קאַפּען אַרונטער טרערען אויפ'ן קינד'ס קעפּעלע, און פון קינד'ס אויגען קאַפּען אַרונטער טרערען און בענעצען דאָס טרוקען שטיקעל ברויט...

ז. ליבין.

ס י ב י ר — אַ מורא'דיגע קעלט (נעהמט זיך דערפון, וואָס סיביר איז איינע פון די קעלטסטע געגענדען אין רוסלאַנד). ב ע ש ט ע ט י ־ ג ע ן — בעפעסטיגען עמיצענ'ס רעד, Confirm. ה ג ם — חאָטש. ו ו י ד ע ר ה אָ ל ע ן — איבער'חזר'ען. א כ ז ר י ו ת — גרויזאַמ־ קייט, ווילדער צאָרן. ט ו ל י ע ן ז י ך — צודריקען זיך אויס ליב־ שאַפט אָדער שרעק.

45. ביים קראַנקען קינד

טרויריג איז דער קינדער־חדר,
ס'הערשט אַ טויטע שטילקייט דאָרט;
אַלע צאַצקעס, ווי פער'יתום'ט,
ליעגען שטום אויף זייער אָרט.

אַט די שעהנע, גרויסע קוקלע, —
נינאַ הייסט זי — שטעהט פערקלעמט;
האַלבער טאָג שוין, — איז זי הויל נאָך,
ניט געוואַשען, ניט פערקעמט.

ניט געשפּאַנטע, אין אַ ווינקעל,
שטעהען פויל די ווייסע פערד;
און אַרויף מיט אַלע רעדער
ליעגט דער וואָגען אויסגעקערט.

עפּעס פּיהלען זיך די צאַצקעס
ווי פערשולדיגט, פול מיט זינד,
וואָס מיט זיי זיך שפּילען קאָן ניט
היינט דאָס שלאָפע, קראַנקע קינד.

און זיי שטעהען שטאַרק פערזאָרגטע,
ווי פער׳יתום׳ט — שטיל און שטום —
און אַ גרויסער, טיפער טרויער
טראָגט אין חדר זיך אַרום.

אפרים פוקסאָן.

ח ד ר — צימער. ק ו ק ל ע — ליאַלקע. Doll.

46. צוויי אינגלעך

פון אַן איבערגעבויגען הייזעל געהט ארויס אַ באָרוועס אינגעל, שלעכט געקליידט (די שמאַטעס האַלטען זיך אויף איהם קוים), און געגענאיבער, פון אַ צווייט הויז, כמעט אַ מפולת, קומט אויך אַרויס אַזאַ אינגעל.

ביידע אויסגעדאַרט, ביידע ציטערען פאַר קעלט, אפשר פאַר הונגער אויך.

זיי שמועסען:

— פאַרטיג?

— און דו?

— אויך!

— האָסט געגעסען?

— ניין, דער טאַטע האָט נישט געברענגט.

— מיינער — קראַנק; די מאַמע וויינט...

— געה׳ מיר?

— בעסער לויפען... ס׳אי קאַלט...

— נו!

זיי לויפען פייל פון בויגען אין שטאָדט אַריין.

ביי איינעם פון די שעהנסטע הייזער שטעלען זיי זיך אָפּ.

— זעהסט! מיין פעטער׳ס הויז! — מאַכט איינער שטאָלץ.

דער צוויטער וויזט אויף אַ הויז געגענאיבער:
— דאָס איז מיין פעטער'ס!
— מיין פעטער האָט מען אָבער געברענגט אַן אַראַביש פערדעל פאַר זעכצעהן טויזענט!
— מיינער האָט אַ קאַרעטע מיט פיער פערד ווי די לייבען!
— מיינער האָט אפשר טויזענד דערפער!
— מיינער — אפשר הונדערט שטעדט!
— שוטה! ביי מיין פעטער זיינען די מעבעל פון גאָלד!
— בהמה! ביי מיין פעטער סאַמע בריליאַנטען!
— אָבער מיין מוהמע מיט איהרע פאַרפומען!
— אַ־וואַ! מיין מוהמע געהט אַלע טאָג אין טעאַטער אריין...
— און אַז מיין פעטער שפּילט יעדע נאַכט אין קאָרטען — האַ?

זיי האָבען זיך לאַנג געשפּאַרט און שיער נישט געפאַלען זיך אין די האָר אריין. איינער איז דאָך פריהער אָפּגעשטאַנען.
— קאַלט, — מאַכט ער מיט אַ ציטער.
דער צווייטער שטעהט אויך אָפּ:
— איך בין זעהר הונגעריג, — זאָגט ער, — עס נאָגט מיך! קלינג אָן ביי דיין פעטער...
— ניין, — ענטפערט יענער דערשראָקען, — ער האָט אָנגעזאָגט דעם שווייצער, ער זאָל מיר הענט און פיס צו־ברעכען!
— מיין פעטער — דאָס זעלבע! — ענטפערט דער צווייטער.
זיי לאָזען ביידע טרויעריג אַראָפּ די קעפּ.
— געה' מיר?
— בעסער לויפען!
און אויפ'ן וועג:
— מאָרגען ביינאַכט נאָך אַמאָל...
— יאָ... איבערלויפען... איך וועל געבען אַ סימן. איך וועל אַ קרעה טאָן ווי אַ האָהן.

— איך וועל דיר ענטפערן מיט אַ מיאַוק פון אַ קאַץ.
— גוט...
זיי זיינען פערשוואונדען געוואָרען.

י. ל. פּרץ.

ג ע ג ע נ א י ב ע ר — אויף דער אַנדער זייט פּונקט אנטקעגען. מ פּ ו ל ת (מאַפּוילעס) — חורבה. אַ ־ ו ו אַ — אַן אויסרוף פון בע־וואונדערונג (אין פּוילען). ק אַ ר ע ט ע — Carriage. ש פּ א ר ע ן ז י ך — האַמפּערען זיך. ש ו ו י י צ ע ר — דער דיענער וואָס שטעהט ביים טיער.

47. פון ישעיה

שומר מה מליל.

שומר, שומר אויף דער וואַכט,
זאָג, וואָס הערט זיך מיט דער נאַכט?

זאָגט דער שומר און ער ברומט:
ס'דאַכט — דער טאָג — ער קומט, ער קומט!

ברומט דער שומר אויף דער וואַכט:
דאַכט זיך טאָג און דאַכט זיך נאַכט;

פרעגט ניט בעסער, וואָס און ווען,
ווייס אַליין ניט — כ'קען ניט זעהן!

אברהם רייזען.

ו ו א כ ט — וואַך.

48. אַלבערט'ס פסק

אַלבערט איז ניין יאָהר אַלט. ער איז קליין־געוואוקסיג, דאַר און בלאַס. אין סקול איז איהם פאַר קיין אָרט ניט אויס־געקומען, איז ער פערבליבען אין הויז.

אַלבערט'ס טאַטע איז אַ קנאָפּ־לאָך־מאַכער, אָבער ער וועט שוין זיין מלאכה באַלד איבגאַנצען פאַרגעסען, וואָרים שוין זעהר, זעהר לאַנג, אַז ער געהט אַרום לעדיג.

טאָג אין טאָג געהט ער אַרום זוכען אַרבייט, ער שלעפּט זיך אַרום פון פריהמאָרגען ביז נאַכט, אָבער — ניט פאַר אייך געדאַכט — קיין אַרבייט הערט זיך ניט. ער איז שוין שוואַרץ ווי אַ קויהל, איהם איז שוין דאָס לעבען ניט ניחא.

אַלבערט'ס מאַמע איז אַ פערדיענערין: זי וואַשט וועש, זי קריגט עפּעס הויזלעך אַרויסצופערטיגען, אָבער, — וואָס זאָל איך אַ סך רעדען? — עס קלעקט ניט אויף טרוקען ברויט.

אַלבערט האָט נאָך אַ קליין שוועסטערל, עמעלע. זי איז נאָך קיין יאָהר ניט אַלט, און ווען איהר ווילט זיך עסען, אָדער ווען איהר איז קאַלט, מאַכט זי קולות אונטער'ן הימעל. אַלבערט האָט זעהר ליב זיין קליין שוועסטערל, און ווען ער האָט נאָר אַ פרייע מינוט, שפּילט ער זיך מיט איהר, קושט זי און וואַרעמט איהר מיט'ן מויל איהרע קליינע הענטלעך, וואָס זיינען אימער בלוי און קאַלט.

פאַרנאַכט פעדעלט אַלבערט מיט צייטונגען, און אין דער־פריה קריגט ער פאַר דער פאַמיליע קויהלען און האָלץ. יע־דען פריהמאָרגען, זינט עס האָט זיך געשטעלט דער קאַלטער ווינטער, געהט אַלבערט אַרויס מיט אַ קערבעלע אין די הענט. ער געהט אַרום איבער די גאַסען, האַלט די אויגען צו דר'ערד, און ווען ער געפינט אַ קויהל אָדער אַ שטיקעל האָלץ, קלייבט ער עס אויף. אָפט, זעהר אָפט פריהרט די קליינע עמעלע, וואַרטענדיג אויף אַלבערט'ס קערבעלע.

ווען אַלבערט טרעפט אָן אין גאַס אויף אַ וואָגען קויהלען, וואָס מען האַלט אין אַראָפּשיטען, האַלט ער עס פאַר זיין מזל. ער וואַרט איבער ביז מען ענדיגט דאָס אַראָפּשיטען, דערנאָך געהט ער צו מיט זיין קערבעלע, און דאָס־רוב קלייבט ער דאָ אויף עטליכע קויהלען מיט אַמאָל.

אַלבערט קומט אַהיים אַ צוברא͏ָכענער אויף ברעקלעך. אָבער די מאַמע קושט איהם אָן און הייצט איין אין שטוב. דעמאָלט זעצט זיך אַלבערט אַוועק מיט דער קליינער עמעלע'ן ביים אויווען, און ער איז גליקליך.

די לעצטע נסיעה האָט אָבער אַלבערט'ן זעהר און זעהר ניט אָפּגעגאָלטען.

דאָס איז געווען אַ קאַלטער, קאַלטער ווינטער־טאָג. די זון האָט אפילו געשיינט, אָבער דער פראָסט האָט זיך פון איהר אויסגעלאַכט — ער האָט געקיניגט. ער האָט געביסען און געביסען אויף טויט.

די מאַמע וואָלט אפשר אַלבערט'ן אין אַזאַ פראָסט גאָר ניט אַרויסגעלאָזט קלייבען קויהלען, אָבער די קליינע עמעלע איז עפּעס געווען קראַנק. זי האָט געשלוקערצט און געציטערט ווי אַ בלאַט. האָט די אָרימע מאַמע אָנגעטאָן איהר גוטען זוהנעלע אין אַ באַרג מיט שמאַטעס און איהם אויסגעריכט מיט זיין קערבעלע.

אַלבערט איז אַרויס דרויסען. די ביטערע קעלט האָט זיך דורכגעקליבען דורך די שמאַטעס, און האָט איהם צערטליך אַרומגענומען, אַזוי, אַז עס האָבען איהם גענומען ציטערען אַלע אברים. אָבער איהם האָט דערפאַר אויך גענומען גליקען: ער האָט עטליכע מאָל נאָכאַנאַנד בעגעגענט וועגען וואָס האָבען אַראָפּגעשאָטען קויהלען און יעדעס מאָל האָט ער אויסגעמאַכט ניט שלעכט.

עס האָט איהם גענומען זעהר שטעכען אין די פינגער פון די הענט און פון די פיס, און ער האָט זיך שוין געלאָזט לויפען אַהיים, טראָגענדיג מיט זיך אַ „שעהן ביסעל" קויהלען. אַך, ווי קאַלט ס'איז איהם געווען! ער האָט געפיהלט, אַז ער ווערט פערפרוירען. אָבער אָט אָט פאַר זיינע אויגען נאָך אַ וואָגען; די קויהלען האָט מען שוין באַלד אַראָפּגעשאָטען און ער דאַרף לאַנג ניט וואַרטען.

אַלבערט האָט זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט גענומען קלאַפּען אַ פוס אָן אַ פוס.

און אָט זיינען די קויהלען שוין אַראָפּגעשאָטען; אַלבערט געהט צו מיט זיין קערבעלע און נעהמט אויפקלייבען די שטיקלעך איבערגעלאָזטע קויהלען. פּלוצלינג קריגט ער אַ שטאַרקען שטויס מיט אַ פוס...

דאָס דערשראָקענע אינגעל שפּרינגט אויף פערציטערט.

לעבען איהם שטעהט אַ גרויסער, פערשוואַרצטער קויהלמאַן און שרייט.

אַלבערט האָט געוואָלט נעהמען לויפען, אָבער דער קויהל־מאַן חאַפּט איהם אָן, רייסט אַרויס דאָס קערבעלע פון זיין האַנט, שיט אַרויס די גאַנצע קויהלען און פערשליידערט דאָס קערבעלע אויף אַ האַלבע גאַס ווייט.

ביים קינד פערקלעמט דאָס האַרץ פאַר וועהטאָג, די אויגען ווערן מיט טרערען פערלאָפען. ער הייבט אויף דאָס קערבעלע, גיט זיך פון ווייטען אַ קרים אויפ׳ן צורייצטען קויהל־מאַן, און וויינענדיג שלעפט ער זיך אַוועק אַהיים.

אָי, וועט דאָרט די קליינע עמעלע היינט פריהרען!...

ז. ליבין.

פּסק — אומגליק, אָפּשניט, שטראָף. ניחא — ליב. נסיעה — רייזע. אָפּגילטען — אָפּגליקען, איינגעבען זיך.

49. די לעצטע שניי־פליטערלעך

ווייסע שטיקלעך וואַטע,
גרינג ווי פוך און ווייך,
ברענגט דער ווינט צושלעפּען
ערגעץ פון דער הויך.
לעצטע שנייען
גרינג צוגעהען,
און פון בלויען קלאָרען הימעל
גיט אַ העלער שטראַל אַ בלישטשע,
און פון וואַלד דער ערשטער פויגעל
טוט פאַר שמחה ווילד אַ סווישטשע —
אוים, אַן עק!
פעטער שנייער פאָהרט אַוועק.

פעטער שנייער פּאַקט זיך,
פּאַקט זיך אָהן לצנות.

שפּאַנט זשע איין איהר, קינדער,
שוואַרצע פּיער וואָראָנעס
און אַ סאָרע
שטיקעל המאָרע,
און אַ יעדערער בעזונדער
טשעפּעט אָן אַ ליליען־גלעקעל.
לײַצעס — גאָלדנע זונען־שטראַלען —
און אַ בײַטש — אַ פֿײַלכען־שטעקעל,
און אַן עק!
פּעטער שנײַער
פֿאָהרט אַוועק.

קײך־הוסט, סקאַרלאַטינע —
גיט איהם מיט די פּעקלעך!
היידאַ! — — — הערט, ווי ס׳קלינגען
שעהן די ליליען־גלעקלעך?
ווי זײ קלינגען,
ווי זײ זינגען,
ווי דער ריטוואָגען דאָרט הודיעט
פּײַער־פּלאַם!... אַזש פֿונקען שפּריצען!
מאַכט זשע, קינדערלעך, אַ ברכה:
ערשטע דונערן און בליצען.
אוים, אַן עק!
פּעטער שנײַער
איז אַוועק.

ה. רויזענבלאַט.

וואַטע — Wadding. בלישטשען — שײַנען. סוויסטשען — פּײַפֿען. אָהן לצנות — אָהן אַ געלעכ־טער, אויף אַן אמת. וואַראָנע — ראָב, — Raven. סאָרע — גרוי. פֿײַלכען Violet. קײך־הוסט — Hooping-cough. הודיען — זשומען, שטאַרק בלאָזען. מאַכען אַ ברכה — זאָגען אַ קורצע תפלה איבער שפּייזען, געטראַנקען, נײַע זאַכען און נאַטור־ערשײַנונגען, ווי צב״ש א בליץ, אַ דונער.

50. דער וואַלד

ערגעץ ווײַט־ווײַט, הינטער בערג און טאָלען, איז גע־שטאַנען אַ געדיכטער וואַלד.

ווינטער־צײַט האָט ער זיך אײַנגענורעט אונטער אַ ווײַ־סען קיטעל, און איז געווען אַזוי ווי אָפּגעשטאָרבען. מיט זײַנע מיליאָנען וואָרצלען אָבער האָט ער דערווײַל פון די טיפענישען געצויגען און געזויגען און אָנגעגרײַט זאַפטען.

ווען דער פריהלינג האָט אַ הויך געטהאָן, האָט ער דעם שניי־קיטעל פון זיך אַראָפּגעטרייסעלט, האָט זיך אויפגע־טשוכעט ווי פון אַ היהנער־פּלעט, און זײַנע זאַפטען האָבען אָנגעהויבען אַרויסקוקען אויף דער ווײַסער וועלט מיט קלײנע ליבע אויגעלעך... דאָס זײַנען געווען קנאָספּען.

פון זיי זײַנען געוואָרען זײַדענע קווײַטען און סאַמעטענע בלעטער, און דער וואַלד איז געוואָרען איין גרינער ים פון עק ביז עק.

אַ גאַנצען טאָג איז ער געשטאַנען און מיט זײַנע העכסטע שפּיצען געקוקט אין בלויען הימעל אַרײַן און אויף די לופטיגע וואָלקענדלעך, און בײַנאַכט האָט ער געזעהן, ווי די שטערען פינטלען און פינקלען פון גאָט ווײַסט ווי ווײַט.

יהואָש.

אײַנגענורען זיך — אײַנגראָבען זיך, אײַנטוליען זיך. הויך — אַ לײַכטער בלאָז. אַ הויך טאָן — זאַנפט (לײַכט) אַ בלאָז געבען. זיך אויפטשוכען — זיך אויפכאַפּען (פון שלאָף). היהנער־פּלעט — אַן אומבעוואוסטער צושטאַנד, Trance, state of coma. קווײַטען — בלומען.

51. אַ פריהלינג־ליד

עס וואַרימט זיך, עס פּיעסטעט זיך
דאָס גרינע אַקער־פעלד.
עס שפּראָצט אַרום דאָס קערענדעל,
דערזעהט די ליבע וועלט.

דערפיהלט די זון די ליכטיגע,
דעם פרישען פרייען ווינט,
עס ציהט זיך צו דעם הימעל־שיין
און קוויקט זיך ווי אַ קינד.

גענוג געלעגען טיף אין דר'ערד
פון ליכט און לעבען ווייט,
די גראָהע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער־צייט!

שפּראָצט אויף, איהר, זאַנגען גאָלדענע,
און פילט זיך אָן מיט זאַפט!
פערגיס, פערפלייץ דאָס פרייע פעלד!
אָ, יונגע, פרישע קראַפט!

דער פריהלינג געהט! עס בליצט, עס רוישט!
פערשוואונדען ווערען ווייט
די גראָהע טעג, די שוואַרצע נעכט,
די לאַנגע ווינטער־צייט!

ש. פרוג.

פ י ע ס ט י ע ן ז י ך — צערטלען זיך, איבערנעהמען זיך ווי אַ נאָכגעגעבען קינד.

52. שלמה המלך און דער אשמדאי

א.

זיבען יאָהר האָט שלמה המלך געבויט דעם בית המקדש אויפ'ן שעהנסטען באַרג פון ירושלים, אויפ'ן באַרג מוריה. פון געזעגטע שטיינער האָט ער אויסגעמויערט די ווענט און אינוועניג בעשלאָגען מיט געשניצטען צעדער־האָלץ און דורכאויס בעדעקט מיט לויטער גינגאָלד. און די גאַנצע צייט האָט ביים געביי קיין זעג ניט געזעגט, קיין האַק ניט געהאַקט און קיין האַמער ניט געקלאַפּט, און מען האָט ניט געהערט פון הר־הבית קיין שום גערויש פון אייזערנע געצייג, ווייל אייזען

פערקירצט דעם מענשען'ס יאָהרען, און גאָט'ס הויז פער־לענגערט די יאָהרען.

ווי זשע האָט מען געזעגט די שטיינער אָהן אייזערנע געצייג?

אַ טייערער ברילִיאַנט איז דאָ אויף דער וועלט, וואָס הייסט שמיר. ער איז האַרטער פון שטאָל און שאַרפער פון דימענט: מיט אַ דימענט שניידט מען דינע בויגענס גלאָז, און מיט'ן שמיר קען מען צושניידען די שטאַרקסטע שטיינער און צושפּאַלטען גאַנצע בערג.

האָט שלמה המלך צונויפגערופען די חכמים און אַלטע לייט פון אַלע זיינע מדינות און שטעדט און זיי געפרעגט: צי ווייסט איהר ניט וואו געפינט זיך דער שמיר?

ענטפערען זיי איהם:

— אדוני קעניג, מיר ווייסען וואויל, אַז גאָט האָט בעשאַ־פען די וועלט אין זעקס טעג, האָט ער צולעצט, פרייטאָג פאַרנאַכט, בעשאַפען נאָך צעהן וואונדערליכע זאַכען, איינס פון די וואונדערליכע זאַכען איז דער שמיר. מיט'ן שמיר זיינען אויסגעקריצט געוואָרען די צעהן געבאָט אויף די צוויי לוחות וואָס משה רבינו האָט בעקומען פון גאָט אויפ'ן באַרג סיני. און אַז די אידען האָבען געזינדיגט, איז דער שמיר פון זיי בעהאַלטען געוואָרען, און איצט ווייסען פון איהם נאָר שדים און רוחות.

רופט שלמה אַרויס די שדים און פרעגט זיי.

ענטפערען זיי איהם: מיר ווייסען נישט, נאָר אשמדאי, אונזער גרויסער הערשער, ער ווייסט אפשר יאָ.

פרעגט ער זיי: וואו האַלט זיך אייער אַשמדאי אויף?

זאָגען זיי: אויף יענעם און יענעם באַרג. דאָרט האָט ער אַ ברונים פול מיט וואַסער, פערדעקט מיט אַ שטיין און פער־זיגעלט מיט זיין זיגעל. אַלע טאָג הויבט ער זיך אויף אין דער הויך און פאָרשט אויס דעם הימעל. לאָזט זיך אַראָפּ און פאָרשט אויס די ערד. קומט צו זיין ברונים און קוקט אַרום דעם זיגעל, צי איז ער גאַנץ, עפענט אויף, און נאָכדעם ווען ער טרינקט זיך אָן, פערזיגעלט ער איהם צוריק און געהט אַוועק.

רופט שלמה זיין פעלד־מאַרשאַל בניהו בן יהוידע, גיט איהם מיט אַ קייט מיט אַ רינג, אויף וועלכען דער שם־המפורש איז אויסגעקריצט, בינטלעך וואָל און לאָגלען וויין, און שיקט איהם ער זאָל ברענגען דעם אשמדאי אַ געפאַנגענעם.

געקומען אויף יענעם באַרג, האָט בניהו אויסגעגראָבען אַ גרוב אונטער דעם אשמדאי׳ם ברונים, אָפּגעצאַפּט אַהין דאָס וואַסער און פערשטאָפּט דאָס לאָך מיט די בינטלעך וואָל. דערנאָך האָט ער אויסגעגראָבען נאָך אַ גרוב, העכער פון אשמדאי׳ם ברונים, אַריינגעלאָזט אַהין דורך דער גרוב וויין, און דאָס לאָך אויך פערשטאָפּט מיט וואָל. פערשאָטען ביידע פרישע גריבער מיט ערד, האָט בניהו אַרויפגעקלעטערט אויף אַ הויכען בוים צו זעהן פון דאָרט, וואָס דאָ וועט פאַר־קומען.

קומט דער אשמדאי, בעקוקט די חתימה, און זעהט, אַז זי איז גאַנץ, — הויבט ער אויף דעם שווערען שטיין און טרינקט אוים דעם גאַנצען וויין. פערדרעהט זיך איהם דער קאָפּ און ער ווערט באַלד אַנשלאָפען טויט־שיכור.

ווי בניהו בן יהוידע האָט דאָס דערזעהן, שפּרינגט ער באַלד אַראָפּ פון בוים, וואַרפט אויף דעם אשמדאי אַרויף די קייט, שמידט איהם הענט און פיס און האַלט צו פעסט דעם רינג מיט׳ן שם המפורש.

אַז דער אשמדאי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און דערזעהן, וואָס בניהו האָט מיט איהם געטאָן, האָט ער אָנ־געהויבען שרייען מיט אַ ווילדען קול און גענומען וואַרפען זיך און רייסען די קייט. האָט בניהו איהם געוויזען דעם רינג מיט׳ן שם־המפורש און געזאָגט: אומזיסט דיין פילדערן, עס וועט דיר גאָרניט העלפען — דיין האַר׳ס נאָמען איז אויף דיר!

איז דער אשמדאי באַלד אַנשוויגען געוואָרען און אַראָפּגע־לאָזט דעם קאָפּ.

זאָגט צו איהם בניהו בן יהוידע: קום, איך וועל דיך פיהרען צו שלמה המלך, מיין האַר.

זיינען זיי אויפגעשטאַנען און אַוועקגעגאַנגען. בניהו געהט פאָראויס און שלעפּט איהם פאַר׳ן קייט, און דער אשמדאי געהט נאָך און זאָגט אויף זיך דאָס שפּריכוואָרט:

דער ווײַן איז אַ שפּעטער,
געטראַנק בערוישט —
לאָזט זיך ווער אין איהם אַרײַן
קען ער קלוג נישט זײַן.

אזוי זײַנען זיי געגאַנגען און געגאַנגען, וואַלד־אײַן — וואַלד־אויס, באַרג־אויף — באַרג־אַפּ, זיבען טעג און זיבען נעכט, ביז זיי זײַנען אָנגעקומען קיין ירושלים.

ב.

דריי טעג האָט מען דעם אשמדאי ניט גערופען צו שלמה המלך. אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען איהם אַרײַנגעפיהרט צום קעניג. נעהמט ער אַ שטעקען, מעסט אָפּ פיער איילען און גיט איהם אַ וואַרף צו שלמה'ן און זאָגט: נאָכ'ן טויט וועט דיר זײַן גענוג פיער איילען ערד, איצט איז דיר די גאַנצע וועלט קאַרג, אפילו מיך ווילסטו אויך בעהערשען.

ענטפערט איהם שלמה: איך פערלאַנג פון דיר גאָרנישט, זאָג מיר נאָר, וואו איז דער שמיר בעהאַלטען? ווען איך בעקום דעם שמיר און בוי אוים דעם בית־המקדש, — לאָז איך דיך שוין פריי.

ענטפערט איהם דער אשמדאי: נישט מיר אין האַנט איז דער שמיר פערטרויט, ער געפינט זיך אין רשות פון שר של ים און ער האָט איהם פערטרויט נאָר דעם אויער־האָהן.

האָט שלמה ווידער געשיקט בניהו בן יהוידע און איהם בעפוילען: געה אוועק און געפין דאָס נעסט פונ'ם אויער־האָהן. דאָרט זאָלסטו בעקומען דעם שמיר און איהם מיר ברענגען.

האָט בניהו מיטגענומען מיט זיך מענשען מיט נויטיגע געצייג דערצו און ווידער זיך געלאָזט אין וועג.

געקומען צו יענעם אָרט, וואָס דער אשמדאי האָט אויסגעמאָלט, האָט ער נאָך לאַנגען זוכען געפונען דאָס נעסט פונ'ם אויער־האָהן פול מיט יונגע פייגעלעך, נאָר־וואָס זיך אויסגעפיקט פון די אייער. און דער אַלטער אויער־האָהן אַליין איז אין נעסט דעמאָלט נישט געווען: ער איז אַוועקגעפלויגען זוכען שפּייז פאַר זײַנע קליינע קינדערלעך. נעהמט בניהו בן

יהוידע און דעקט צו דאָס נעסט מיט אַ בויגען גלאָז און אַליין בעהאַלט ער זיך אונטער אַ געדיכטען צווייג.

קומט דער אויער־האָהן צופליהען מיט אַ פולען שנאָבעל שפּייז פאַר זיינע יונגע קינדער. זעהן זעהט ער זיי דורכ׳ן גלאָז, נאָר דערלאַנגען קען ער ניט. פּיקט ער דאָס גלאָז מיט׳ן שנאָבעל, דאָס גלאָז איז דיק, געווען און אייזען שטאַרק, ניט דורכצופּיקען. נעהמט איהם אָן אַ גרויס רחמנות אויף זיינע הונגעריגע קינדערלעך, ער קען אָבער גאָרנישט העלפען. ווי אַ פערצווייפעלטער בלייבט ער אַ ווייל שטעהן אָפּהענטיג מיט אַראָפּגעלאָזטע פליגעל. פּלוצים — אַ הויב זיך אין דער הויך, אַוועק און פון אויג פערשוואונדען.

דויערט ניט לאַנג, זעהט בניהו: דער אויער־האָהן קומט צוריק צופליהען, פאַכט פרעהליך מיט די פליגעל און טראָגט עפּעס אַזוינס אין שנאָבעל. אָט דאָס איז געווען דער שמיר.

אַראָפּגעלאָזט זיך ווידער אויף זיין נעסט, האָט דער פויגעל אָנגעהויבען פיהרען מיט׳ן שמיר איבער׳ן גלאָז, און דאָס גלאָז הויבט זיך אָן שפּאַלטען. חאַפּט בניהו אַ גרויסען שטיין און וואַרפט דעם פויגעל אין קאָפּ. דערשרעקט ער זיך און לאָזט פון שנאָבעל אַרויס דעם שמיר. לויפען צו בניהו׳ס לייט און חאַפּען עם געשווינד אויף, און פרעהליך אַוועק מיט זייער טייערען רויב צוריק אַהיים.

ג.

זיבען יאָהר האָט געדויערט ביז דער בית־המקדש איז אויסגעבויט געוואָרען. די גאַנצע צייט האָט שלמה נישט אָפּ־געלאָזט דעם אשמדאי און געהאַלטען איהם געשמידט אין קייטען.

אַז דער בנין איז שוין פאַרטיג געוואָרען, שיקט שלמה רופען צו זיך דעם אשמדאי און זאָגט איהם:

— באַלד וועסטו שוין פריי, נאָר וויז מיר פריהער דיין בריה׳שקייט, מיט וואָס איז גרויס דיין טייוועלשער כח.

ענטפערט איהם דער אשמדאי: נעהם אַראָפּ פון מיר די קייט, שמיד מיר פאַנאַנדער הענט און פיס און גיב מיר דעם רינג מיט׳ן שם־המפורש, — וועל איך דיר ווייזען מיין

בריה׳שקייט. האָט שלמה געטאָן ווי ער האָט געזאָגט. נעהמט דער אשמדאי און צולאָזט זיינע פליגעל, האָט איין פליגעל דערגרייכט צו דער ערד און דאָס צווייטע — ביז׳ן הימעל. און אויפגעעפענט האָט דער אשמדאי זיין מויל און שלמה׳ן איינגעשלונגען, און באַלד איהם צוריק אויסגעשפּיגען און פערשליידערט איהם איבער פוסטע וועלדער, איבער וויסטע פעלדער, פיער הונדערט מייל ווייט פון ירושלים.

און אַליין האָט דער אשמדאי אָנגעטאָן די בגדי־מלכות און געזעצט זיך אויפ׳ן קעניג׳ס שטול פון עלפענביין און אָנ־גענומען שלמה המלך׳ס געשטאַלט, קיינער זאָל איהם ניט דערקענען.

נאָר איין זאַך האָט ער ניט געקענט ענדערען: די פיס זיינען ביי איהם געבליבען הינערשע, ווי ביי אַלע שדים. האָט ער אָנגעטאָן אַ פּאָר לאַנגע זאָקען און זיי געטראָגען אַ גאַנצען טאָג.

אַזוי האָט ער געקיניגט אַ לאַנגע צייט און קיינער האָט ניט בעמערקט, וואָס פאַר אַן איבערקעהרעניש עס איז דאָ פאָרגעקומען.

ד.

און שלמה האָט זיך אויפגעחאַפּט אין אַ פרעמדען לאַנד, ווייט פיער הונדערט מייל פון ירושלים. פרעמד און עלענד איז ער אומעטום געוועזען, אַרומגעגאַנגען איבער די הייזער און געבעטעלט ברויט, און וואוהין ער איז געקומען און גע־שריען: אני שלמה — איך בין שלמה המלך! — האָט איהם קיינער ניט געגלויבט. אַלע האָבען פון איהם געלאַכט און גע־מיינט, אַז נישט אַנדערש, ער איז משוגע. און פערשייטע יונגען זיינען איהם נאָכגעלאָפען אין די גאַסען, פערוואָרפען איהם מיט שטיינער און נאָכגעשריען: אָט געהט דער משוגע׳נער, וואָס זאָגט אויף זיך, אז ער איז שלמה המלך.

אַזוי האָט שלמה המלך געוואָגעלט און געוואַנדערט פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דאָרף צו דאָרף, ביז ער האָט זיך דערשלאָגען צוריק קיין ירושלים. געקומען צו די סנהדרין און אויסגעשריען: אני שלמה! האָבען זיי איהם געזאָגט: נאָר

איינער! שלמה זיצט אין קעניגליכען פּאַלאַץ אויף זיין שטול, און דו האָסט זיך איינגערעדט אַ משוגעת אין קאָפּ.

אויף מאָרגען איז ער ווידער געקומען און געשריען: אני שלמה! און זיי האָבען איהם ווידער ניט געגלויבט. אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען האָבען זיי צו זיך געזאָגט: ער ווייזט אוים ווי אַ קלאָרער מענש און רעדט אַלץ צו דער זאַך, נאָר איין נאַרישקייט האָט ער זיך אַריינגעשלאָגען אין קאָפּ, — דאַרף מען די זאַך אויספאָרשען.

אויסגעהערט פון שלמה'ן די גאַנצע מעשה מיט'ן אשמדאי, זיינען די סנהדרין אַוועק אין קעניגליכען פּאַלאַץ און אויס־געפרעגט די הויף־לייט צי האָבען זיי זיך נישט צוגעקוקט ווי דעם קעניג'ס פים זעהען אוים. ענטפערען יענע, אַז קיינער האָט איהם ניט געזעהן באָרוועסערהייד: ביי טאָג טראָגט ער לאַנגע זאָקען און ביי נאַכט שלאָפט ער פערשלאָסען אין אַ בעזונדער חדר.

האָט זיי שלמה געגעבען אַן עצה:

— געהט אריין פאַרנאַכט אין חדר וואו ער שלאָפט און שיט דאָרט אָן דינעם זאַמד.

האָט מען אַזוי געטאָן — און אויף מאָרגען אינדערפריה האָט מען דערזעהן אין זאַמד טריט פון הינערשע פים.

האָבען זיך אויפגעקליבען אַלע גרויסע לייט פון ירושלים און אַוועקגעפיהרט שלמה'ן אין קעניגליכען פּאַלאַץ, און דעם אשמדאי האָבען זיי פערטריבען מיט'ן שם המפורש אין פוסטע וועלדער און וויסטע פעלדער.

און שלמה האָט זיך ווידער געזעצט אויף זיין קעניגליכען שטול פון עלפענביין און געקיניגט אויפ'ן פאָלק ישראל.

פון די „אידישע אַגדות“.

ג י נ ג אָ ל ד — ריינסטער גאָלד. ה ר ־ ה ב י ת — דער באַרג, וואו דער בית־המקדש איז געשטאַנען. ש ם ה מ פ ו ר ש — גאָט'ס נאָמען (יהוה). ל אָ ג ע ל — אַ קריגעל פון פעל. ח ת י מ ה — זיגעל. פ י ל ד ע ר ן — ליאַרעמען, גוואַלדעווען. ש פ ע ט ע ר — אַ ליץ, קונצענמאַכער. ר ש ו ת — מאַכט, Jurisdiction. ש ר ש ל י ם — דער האַר (מלאך) איבער'ן ים. א ו י ע ר ־ ה אָ ה ן — Woodcock. אָפּ־

ה ע נ ט י ג — דערשלאָגען, אָפּגעלאָזען, אָהן מוט. ב ג ד י ־ מ ל כ ו ת — קעניגליכע קליידער. פ ע ר ש י י ט ע — ווילדע, צולאָזענע, שטי־פערישע.

53. פאַטאַ מאָרגאַנאַ

אין זאַהאַראַ ווען מען וואַנדערט,
 אין דעם הייסען מדבר־זאַמד,
ווערט מען פּלוצלונג שטאַרק פערוואונדערט
 זעהענדיג בעוואוינטעם לאַנד.

גאָלד'נע שלעסער, זילבער־טייכען,
 לוסטגערטנער פול גלאַנץ און פּראַכט,
יעדער צווייג איז רייך מיט פּירות
 און יעטווידע פּרי לאַכט.

לעמער שפּרינגען אויף דער וויזע
 און דעם פּאַסטוך זעהט מען קלאָר,
און מען ווערט ענטציקט פאַר תענוג,
 און מען מיינט, אַז אַלץ איז וואָהר.

אָבער אַך! דאָס איז אַ ליגען,
 אַ נאַטור־בלענד און ניט מעהר,
ס'איז אַ וויסטעניש אַ ווילדע,
 און ווי קומט אַ וועלט אַהער?

מאָררים ראָזענפעלד.

ש ל אָ ס (שלעסער) — Castle. ו ו י ז ע — לאָנקע.

54. אַ יתום'ס סדר

דער רעש אין גאַס האָט אויפגעהערט. אַלע געשעפטען זיינען פערמאַכט. אַלע הייזער זיינען בעלויכטען. נאָר נאָך ליכטיגער איז אין די שוהלען.

אידען געהען שוין פון דאַווגען אַהיים פראַווען דעם

מ. טעקטאָר

סדר. חיים׳ל געהט אויך מיט אַלעמען, און אויפ׳ן האַרצען איז איהם טרויעריג: ער דערמאָנט זיך, ווי פאַראַיאָהרען איז ער געגאַנגען, ווי אַלע אינגלעך, מיט׳ן טאַטען אהיים. היי־יאָהר איז דער טאַטע ניטאָ: ער איז געשטאָרבען!

— אַ גוט יום־טוב, מאַמע! — האָט חיים׳ל געזאָגט קו־מענדיג אַהיים.

— אַ גוט יאָהר, מיין קינד! — האָט איהם די מאַמע געענטפערט.

חיים׳ל זעהט, ווי זיין שעהנע מאַמע איז אָנגעטאָן יום־טוב׳דיג. שוין לאַנג, אַז ער האָט זי נישט געזעהן אָנגעטאָן. דער טיש איז גערעקט. אויף דעם טיש שטעהען די זילבערנע לייכטער מיט די בענש־ליכט, פלעשער וויין, כוסות, אליהו הנביא׳ס כוס. זיין אייגען קליין כוס׳על. אויבען־אָן אַ הסב־בעט מיט ווייסע אָנגעצויגענע קישענס. אַלץ, אַלץ, ווי פאַראַ־יאָהרען, נאָר דער טאַטע איז נישטאָ!

חיים׳ל ווערט טרויעריג, נאָר ער האָט מורא צו זאָגען,

די מאַמע זאָל נישט וויינען. שטענדיג ווײנט זי, אַז מען דער־מאָנט דעם טאַטען. חיים'ל שווייגט און לאָזט אַראָפּ די אויגען אויף אליהו הנביא'ס כוס... און עס פאַלט איהם איין אַ גליקליכער געדאַנק, אַז ביים היינטיגען סדר, ווען מען וועט עפענען די טיר, אליהו הנביא זאָל אַריינקומען אויסטרינקען זיין כוס, וועט ער נישט אַראָפּלאָזען די אויגען פון דער טיר און פון אליהו הנביא'ס כוס — ער מוז זעהן, ווי ער טרינקט!

און ווי ער וועט איהם נאָר דערזעהן, וועט ער איהם בעטען, ער זאָל שוין אַראָפּברענגען משיח'ן. דעמאָלט וועלען אַלע מתים לעבעדיג ווערען און זיין טאַטע אויך.

אליהו הנביא וועט איהם נישט אָפּזאָגען. ער איז אַזאַ גוטער! חיים'ל האָט איהם שטענדיג אַזוי ליב, ליבער פון אַלע. ער האָט אַזוי פיעל שעהנע, טייערע מעשיות געהערט דערצעהלען וועגען איהם. ער קאָן אַליין אַ סך מעשיות נאָכדערצעהלען: ווי „אַן אָרימער איד האָט פער־לאָרען אויף דעם יריד פרעמד געלט, האָט איהם אליהו הנביא אונטערגעוואָרפען אַ ביטעלע, און ווען דער איד האָט גענומען איבערצעהלען, האָט ער געצעהלט דריי טעג מיט דריי נעכט — אַזוי פיעל געלט איז דאָרט געווען...“

— ער איז אַזאַ גוטער, אַזאַ גוטער! ער וועט מיר נישט אָפּזאָגען, אַז איך וועל איהם בעטען; איך זאָל איהם נאָר דערזעהן! — האָט חיים'ל געטראַכט אַליין.

חיים'ל האָט גענומען פּראַווען דעם סדר פאַר דער מאַ־מען אַזוי ווי אַ גרויסער. אָפּגעזאָגט די הגדה, האָט די מאַמע דערלאַנגט דאָס עסען: פיש, דערנאָך די קניידלעך מיט יויך און נאָך פסח'דיגע מאכלים. אָבער נאָך די קנייד־לעך איז חיים'ל גלייך איינגעשלאָפען.

און איהם האָט זיך גע'חלומ'ט: עס עפענט זיך די טיר, און עס קומט אַריין אליהו הנביא, אַן אַלטיטשקער, אַ גוטינקער, אַ פרעהליכער, מיט אַ וויים־זילבערנער באָרד און אַ ווייסע זיידענע קאַפּאָטע געשטיקט מיט זילבער. ער געהט צו צו זיין כוס און טרינקט אָפּ אַ ביסעלע, אַז עס איז נים צו דערקענען, דאָס מען האָט גע־טרונקען.

חיים׳ל לאָזט ניט אַראָפּ די אויגען פון איהם, און וויל איהם אָננעהמען ביי זיין אַרבעל און אָנהויבען דערצעהלען זיין בקשה, נאָר ער קאָן ניט רעדען. נאָר אָט זעהט ער צו זיין גרויס וואונדער ווי אליהו הנביא זעצט זיך ביים טיש און זאָגט:

„איך בין שוין היינט געווען אויף דער גאַנצער וועלט, אין אַלע אידישע הייזער האָב איך שוין געטרונקען מיין כוס. איצט וויל איך זיך דאָ אַביסעל אָפּרוהען, ווייל דו, חיים׳ל, האָסט מיך געוואָלט זעהן, און ביי מיר עפּעס בעטען. קום אַהער, שעם זיך ניט!"

און ער זעצט חיים׳לען ביי זיך אויף די קניע, און מיט זיין גלאַטער ווייסער האַנט גלעט ער איהם איבער׳ן פּנים, און עס ווערט איהם אַ מחיה אין יעדען אבר, און ער זאָגט, חיים׳לען, אַז היינטיגס יאָהר וועט משיח קומען, אַלע טויטע וועלען לעבעדיג ווערען און זיין טאַטע אויך...

און חיים׳ל איז אַזוי גליקליך, אַזוי גליקליך, און זיינע ליפּען שעפּטשען קוים וואָס מען הערט: „איך דאַנק דיר, זיידעניו, וואָס דו האָסט פּערנומען מיין בקשה!"

און חיים׳ל איז געשמאַק געשלאָפען מיט זיסע חלומות, ווי אַלע גליקליכע קינדער אין דער סדר־נאַכט.

מ. ספּעקטאָר.

פּ ר אַ ו ו ע ן (אַ סדר) — אָפּריכטען, פיהרען, איינאָרדענען מיט אַ גאַנצער צערעמאָניע. ה ס ב ־ ב ע ט — קישענס אַוועקגעלעגט פאַר דעם וואָס פּראַוועט דעם סדר, ער זאָל זיך אויף זיי אָנלעהנען. י ר י ד — אַ מאַרק. Fair. ג ע ש ט י ק ט — אויסגענעהט.

55. ליל־שמורים

שוין פערזוכט פון אַלע כוסות
האָט דער נביא אליהו;
שטילע רוה־מלאכים פליהען
פון די הימלען פון די בלאָהע,

טראָגען זיך פון הויז צו הייזעל,

שוועבען אום אויף אַלע דעכער,
גנב'ען זיך אַריין אין פֿענסטער,
קריכען דורך די שליסעל־לעכער,

בענשען איטליכען'ס געלעגער,
קושען יעטווידען בעזונדער,
שושקען יעדען אין זיין שלומער
זיסע טרוימען, הימעל־וואונדער.

הייליג איז דאָס קליינע געסעל,
ס'טאָר קיין בייז איהם ניט פּאַסירען:
שניי־געפליגעלטע מלאכים
שטעהען וועכטער ביי די טירען.

יהואָש.

ל י ל ־ ש מ ו ר י ם — די נאַכט פון אָפּהיטונג (די ערשטע נאַכט פון פסח, ווען, מען גלויבט, דער איד איז אָפּגעהיט פון אַלדאָס בייז).
ש ל ו מ ע ר — דרעמעל.

56. פריהלינג

ס'איז אַחרון־של־פסח — אַ שעהנער, אַ וואַרימער וועס־נע־טאָג.

די גילדערנע זון האָט ביים אויפגעהן צוריסען, צוטריבען די גרויע וואָלקענס אין דער לופט און מיט איהר ליכטיג פּנים אַראָפּגעקוקט פונ'ם בלויען הימעל מילד פריינדליך אויף דער ערד. גאָט'ס בעשעפעניש, אַלע פון גרוים ביז קליין, האָבען אויפּחאַפּענדיג זיך פונ'ם לאַנגען ווינטער־שלאָף, לעבעדיג פרעהליך, זיך גענומען איטליכער צו זיין זאַך.

פריש־געלע בלומען שטעקען אַרוים די קעפּלעך פון צווי־שען יונגע גרינע גראָז, קוקען אַרוים און מאַכען חן. ווערבעס ביים טייך חאַפּען זיך אָנטאָן זייער נייע גרינע זופּיצע, שפּיג־לענדיג זיך אין דעם וואַסער ריין קלאָר ווי זילבער.

פון די ווייטע, וואַרימע לענדער, דאָרט אין דער פרעמד, קומען עופות טשאַטעסווייז צוריק אַהער אין זייער רוה אַריין.



מענדעלי מוכר־ספרים (ש. י. אַבראַמאָוויטש)

ווילדע גענז פליעסקען זיך ערגעץ צווישען וויספּעס דאָ אין טייך. ווילדע קאַטשקעס דרעהען זיך אַרום דעם טשערעט, אַרויס, אַריין מיט אַ געהילך, אַ געשווישטש. שוועלבעלעך פלאַטערן, שוועבען אַהין אַהער, אין דער לופט, שטאַרק פער־טראָגען אין דעם בויען, פעררפיכטען נייע און אַלטע נעסטער.

ברוך הבא ! דאָס אַלטע בעקאַנטע פּאָר־פּאָלק בושעלם איז אויך למזל דאָ אין אַ גוטער שעה. זי, די בושעליכע, שטעהט אויף איין פוס, דאָס קעפּעל אין דער זייט ,שטעהט בעטראַכט איהר אַלט נעסט אויבען אויף אַ שפּיץ בוים, און ער אויף די לאַנגע שטעלצען שפּאַצירט זיך האָפּערדיג אויף דער זומפּ דאָרט, צוקוקענדיג זיך צו אַ קאַליזשע, וואו עס שפּרינגען, קוואַקען זשאַבעס, און פלוצים פּיק־פּיק, אַ חאַפּ אין דעם רויטען וויטען פּיסק אַריין...

ס'איז אַ לעבען, אַ פרייד, אַ פליהעניש, אַ זוזשעניש, אַ נעזינגעריי, אַ געשווישטשעריי אומעטום. ס'איז יום־טוב, ס'איז וועסנע־צייט !

מענדעלי מוכר־ספרים.

אַחרון־של־פּסח — דער לעצטער טאָג פּסח. וועסנע — פריהלינג. מאַכען חן — קאָקעטירען, חנ'דלען זיך. ווערבע — Willow. זופּיצע — אַ לאַנגער ראָק. טשאַטע — דאָס זעלבע וואָס טשערעדע, רעדענדיג וועגען עופות. פּליעסקען זיך — קוליען זיך אין וואַסער מיט אַ גערויש. וויספּע — אינזעל. טשערעט — Rushes. געהילך — אַ שאַרפער קלאַנג, וואָס צוטראָגט זיך ווייט. ברוך־הבא — (געבענשט זאָל זיין דער וואָס קומט אָן) Welcome. בושעל — שטאָרך. למזל — מיט גליק. שטעלצע (שטאָלצע) Stilt. האָפּערדיג — מיט גרויסקייט. קאַליזשע — אַ בלאָטע, אַ זומפּ. פּיסק — מויל.

57. אין אַ זומער־נאַכט

און דאָס איז געוועזען
אין אַ זומער־נאַכט.
שטערען און לבנה
פינקלען פולער פּראַכט.

טונקעל־בלוי דער הימעל,
וואַרימליך די לופט,
און די שטילע ווייטקייט
ווינקט אַזוי און רופט.

ס'רוהען שוין די פויגעל,
און קיין ליד מעהר שאַלט.
ס'דרעמלען אויך די בוימער
אין געדיכטען וואַלד.

אָפּטמאָל נאָר אַ ווינטעל
גיט אין וואַלד אַ לאָף,
נעהמט אַרום די צווייגען
קושט זיי אָן אין שלאָף;



יוסף יפה

און מיליאַרדען־בלעטער
וואַכען אויף דערשרעקט :
„וואָס האָט דאָ געטראָפען ?
„ווער האָט אונז געוועקט ?“

ס׳ווערט אַזאַ געהיימע,
שטילע זשוזשעריי
און זיי שלאָפען אַלע
איין באַלד אויף דאָס־ניי.

ווידער איז פון לעבען
מעהר קיין הויך, קיין שפור —
ווידער דרעמעלט רוהיג
זאַנפט איין די נאַטור.

יוסף יפה.

שאַלען — הילכען. דערשרעקט — דערשראָקען. שפור — אַ סימן, אַן איבערבלייבעכץ.

58. מלכת שבא

א.

איינמאָל, ווען דעם מלך שלמה איז געווען גוט אויפ׳ן הארצען נאָך אַ גוטען כוס וויין, האָט ער פאַנאַנדערגעשיקט שלוחים אין אַלע לענדער אַרום ארץ־ישראל און געלאָזט בעטען אַלע מלכים פון מזרח און מערב, זיי זאָלען קומען אין זיין פּאַלאַץ אין ירושלים און זעהן זיין גרויסקייט.

דערנאָך האָט ער בעפוילען, מען זאָל ברענגען דוד המלך׳ס פּידלען און צימבלען, פּויקען און פּלייטען און שפּילען פאַר זיי. און נאָך האָט ער בעפוילען, מען זאָל ברענגען אַלע בהמות און חיות, טייוואָלים און שרעטעלעך, זיי זאָלען פאַר איהם טאַנצען און שפּרינגען. די שרייבער זיצען און לייענען די רייסטער, רופען אויס יעדען ביי זיין נאָמען, און אַלע בעשעפענישען פערזאַמלען זיך און קומען אַלע, ניט געבונדען, ניט געשמידט און נישט געפיהרט פון קיינעם.

האָט מען דורכגעזוכט אַלע פויגעל, און דעם אויער־האָהן צווישען זיי ניט געפונען. ווערט שלמה שטאַרק אויפגעבראַכט און בעפוילט, מען זאָל איהם ברענגען און בעשטראָפען.

קומט דער אויער־האָהן און זאָגט:

— אדוני קעניג! הער נאָר אויס מיינע רעד, און לאָזען מיינע ווערטער דיר אַריין אין אויער. שוין דריי חדשים אַז ס׳איז מיר אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק און האָב אַלץ געוואָלט דערגעהן איין זאַך; קיין ברויט האָב איך ניט געגעסען, קיין וואַסער געטרונקען, און אַלץ ביי זיך געטראַכט: איך וועל פליהען־שוועבען איבער גאָר דער וועלט און זעהן, צי איז פאַראַן אַ לאַנד צי אַ קעניגרייך, וואָס איז דיר ניט אונטערטעניג און פאָלגט ניט דיין געבאָט. האָב איך געפונען אַ ווייטע מדינה מיט דער הויפּט־שטאָדט קיטור אין מזרח־לאַנד. איהר זאַמד איז טייערער פון גאָלד, און זילבער וואַלגערט זיך אין די גאַסען ווי מיסט. און בוימער וואַקסען דאָרט פון אייביגע צייטען, געפלאַנצט נאָך אין די ערשטע טעג, ווען די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, און וואַסער טרינקען זיי פון גן־עדן קוואַל. פאַראַן דאָרט פיעל חילות מיט קרוינען אויף די קעפּ, נאָר אָנציהען אַ בויגען קענען זיי ניט, און ווי

[illegible] פיהרען מלחמות ווייסען זיי ניט. אַ פרוי געוועלטיגט אי־
[illegible]ער זיי און איהר נאָמען איז מלכת־שבא. דעריבער אויב די
זאַך וועט וואויל־געפעלען דעם מלך, מיין האַר, וועל איך זיך
אָנטאָן אַ כח און זיך אַוועקלאָזען אין שטאָדט קיטור, אין
לאַנד שבא. זייערע מלכים וועל איך שמידען אין שלעסער
און זייערע הערשער אין אייזערנע קייטען — און ברענגען זיי
צו דיר, אדוני קעניג.

און די זאַך איז וואויל־געפעלען אין דעם מלך׳ס אויגען.
האָט ער געשיקט רופען די קעניגליכע שרייבער, און מען האָט
אָנגעשריבען אַ בריף און אָנגעבונדען אין אויער־האָהן׳ס
פליגעל.

ב.

איז אויפגעשטאַנען דער אויער־האָהן און אַרויפגע־
שוועבט אין דער הויך, און אַרומגעדרעהט זיך אין דער לופ־
טען אַרום און אַרום, זיינען אַלע פויגעל אַריין צו איהם אין
ראָד און זיך צוצויגען וויט — דער אויער־האָהן פליהט פאָר־
אויס און אַלע ציהען זיך נאָך. אַזוי זיינען זיי געפלויגען און
געפלויגען, ביז זיי זיינען געקומען צו דער שטאָדט קיטור אין
מדינה שבא.

אינדערפריה געהט אַרויס די מלכת־שבא זיך בוקען צו
דער זון, ווייל זי האָט געהאַלטען די זון פאַר אַ גאָט, זעהט
זי, אַז ס׳איז פּלוצלונג געוואָרען פינסטער, ווייל די פויגעל
האָבען מיט זייערע פליגעל פערשטעלט די שיין, — האָט זי
צוריסען איהרע קליידער און געבליבען שטעהן פערוואונדערט
און פערקלעמט.

האָט זיך דער אויער־האָהן אַראָפּגעלאָזען צו איהר, —
דערזעהט זי דעם בריף הענגען אויף זיינע פליגעל, בינדט זי
אָפּ דעם בריף און לייענט:

„פון מיר שלמה המלך.

שלום דיר און פריד צו דיינע האַרען!

זיי ווייסען, אַז דער אויבערשטער האָט מיך געמאַכט קי־
ניגען איבער אַלע חיות פון פעלד און פויגעל אין הימעל און
איבער אַלע שדים, רוחות און טייוואָלים, און אַלע מלכים פון
מזרח און מערב, צפון און דרום קומען געבען מיר שלום.

אַצינד, אויב דו וועסט וועלען און קומען מיך בעגריסען, וועל איך דיר אָנטאָן כבוד מעהר ווי אַלע מלכים, וואָס זיצען ביי מיר, און אויב דו וועסט ניט וועלען און ניט קומען מיך בעגריסען, — וועל איך אויף אייך אָנשיקען מלכים מיט רייטער און לעגיאָנען. וועסטו פרעגען: ווער זיינען עס שלמה'ס מלכים מיט רייטער און לעגיאָנען? די חיות פון פעלד — דאָס זיינען די מלכים, די פויגעל פון הימעל — דאָס זיינען די רייטער, און די שדים, רוחות און טייוואָלים זיינען די לעגיאָנען. זיי וועלען אייך צושטיקען און צוואָווערגען אין אייערע הייזער אויף די בעטען, די חיות וועלען אייך פערצוקען און צורייסען אויפ'ן פרייען פעלד, און די פויגעל וועלען אייער לייב פיקען און אייער פלייש עסען".

אַז די מלכת־שבא האָט איבערגעלייענט שלמה המלך'ס בריף, האָט זי ווידער צוריסען די קליידער און געלאָזט רופען איהרע עלטסטע הארען און ראַטגעבער און געפרעגט:

— צי ווייסט איהר ניט, וואָס פערלאַנגט פון מיר שלמה־המלך?

ענטפערען זיי: מיר ווייסען ניט פון שלמה המלך און שעצען ניט זיין מלוכה.

נאָר זי האָט זייערע רעד ניט געהערט און זייער ראַט ניט געפאָלגט. האָט זי געשיקט רופען אַלע שיפס־קאַפּיטאַנען און זעגעלמייסטער, און געלאָזט אָנלאָדען פולע שיפען מיט פּימסען־האָלץ און קאָראַלען, פּערעל און בריליאַנטען, און געשיקט האָט זי שלמה'ן זעקס טויזענט אינגלעך מיט זעקס טויזענט מיידלעך, אַלע — געבאָרען אין איין טאָג, אין איין שעה, אַלע פון איין הויך, איין וואוקס, און אַלע אָנגעטאָן גלייך אין פּורפּור־וואָל.

און אַ בריף האָט זי זיי מיטגעגעבען צו שלמה'ן:

„פון דער שטאָדט קיטור קיין ארץ־ישראל איז אַ מהלך פון זיבען יאָהר, און איך פערלאַנג צו קומען אין דריי יאָהר צייט".

ג.

אין דריי יאָהר אַרום איז זי געקומען, און שלמה האָט בעפוילען, אַז אַרום אָנטקעגען און בעגעגענען זי זאָל בניהו בן

יהוידע, וועלכער איז גלייך צום מאָרגען־רויט, וואָס שיינט אויף אינדערפריה, און צום שטערען נוגה, וואָס פינקעלט צווישען אַלע שטערען און צו אַ רויז ביים טייך וואַסער.

ווי זי האָט איהם דערזעהן, איז זי אַראָפּ פון איהר רייט־וואָגען, ווייל זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז שלמה אַליין.

זאָגט בניהו : איך בין ניט שלמה, נאָר איינער פון זיינע דיענער.

ווענדעט זי זיך צו איהרע הארען און זאָגט זיי אַ שפּריכ־וואָרט :

„האָט איהר ניט געזעהען דעם לייב, — זעהט זיין אָרט, וואו ער ליעגט, וועט איהר פערשטעהן זיין גרויסקייט ; האָט איהר דעם מלך שלמה ניט געזעהן — קוקט אָן זיין שעהנעם בעדיענער".

און בניהו האָט זי געבראַכט צו שלמה'ן אין גלעזערנעם פּאַלאַץ, האָט זי געמיינט, אַז ער זיצט אין וואַסער און זיך דערשראָקען און אויסגעטאָן די שיך.

דערנאָך פרעגט זי דעם מלך שלמה אַ רעטעניש :
פון דער ערד קריכט ער אַרויס,
ווי וואַסער גיסט ער זיך אויס,
און פילט אָן דאָס גאַנצע הויז.

ענטפערט ער : נאַפט. דען נאַפט נעהמט זיך פון דער ערד און איז אַזוי ווי וואַסער, און ווען מען גיסט עס אַריין אין אַ לאַמפּ און מען צינדט עס אָן, ווערט ליכטיג אין הויז.

פרעגט זי נאָך אַ רעטעניש :
ווי עס גיט אַ בלאָז אַ ווינט,
בויגט ער איין דעם קאָפּ געשווינד,
און יאָמערט מיט אַ קלאָג ;
פאַר רייכע —אַ פּוץ, פאַר אָרימע אַ נוץ ;
פאַר לעבעדיגע — אַ סוף, פאַר טויטע אַ שטראָף ;
פאַר פויגעל — אַ פרייד, פאַר פיש — אַ פּלאָג.

ענטפערט ער : ליין. און אָט פאַרוואָס דאָס איז ליין : אַז דער ליין וואַקסט און דער ווינט בלאָזט — רוישען די שטענגלעך און די קעפּלעך בויגען זיך. פון פלאַקס וועבט מען פיינע ליינען פאַר רייכע און גראָבען שטאַרקען לייווענט

פאַר אָרימע. דער סוף פון יעדן מענשען איז — די תכריכים. אַז מען בעשטראָפט אַ פערברעכער — הענגט מען איהם אויף אַ שטריק פון פלאַקס. די פויגעל פיקען די זאָמען־קערנער און פרעהען זיך, און די פיש פאַנגט מען אין נעצען, געפלאָכטען פון פלאַקס.

אַז די מלכּת שבא האָט דערזעהן, אַז ער טרעפט אַלע רע־טענישען, האָט זי געזאָגט:

— איצט זעה איך מיט מיינע אויגען, ווי גרויס דיין חכמה איז.

און זי האָט געשאָנקען דעם מלך טייערע מתנות און ער האָט איהר אויך געגעבען אַלץ וואָס זי האָט פערלאַנגט.

פון די „אידישע אַגדות“.

צ י מ ב ע ל — Cymbal. פ ל י ו ט — Flute. ש ר צ י ם — קריכעדיגע חיות (שלאַנגען, זשאַבעס א. אַז. וו.) ש ר ע ט ע ל ע — Elf. ר י י ס ט ע ר — Register. א ו נ ט ע ר ט ע נ י ג — וואָס שטעהט אונטער'ן רשות פון אַ קעניג. א ו נ ט ע ר ט אַ ן — Subject. אָ נ ט אָ ן אַ כ ח — אָנשטרענגען זיך. ז ע ג ע ל ־ מ י י ס ט ע ר — דער פיהרער פון אַ זעגעל־שיף. פ י מ ס ע ן ־ ה אָ ל ץ — Cork-tree. נ אַ פ ט — קעראָסין. ז אָ מ ע ן — די קערנער, וואָס מען פערזייט אין דר'ערד.

59. ביינאַכט אין אַ גרויסער שטאָדט

איהר לעמפּעלעך, לאַנטערנעלעך,
דערצעהלט מיר, וואָס ביינאַכט
זיך שטעהענדיג און ברענענדיג,
איהר צייטענוויז בעטראַכט.
דען אַלע נאַכט בעלייכטענדיג
די מויערן, דעם ברוק —
דאַרפט איהר איצט האָבען, רעכען איך,
אַ קלאָרען, שאַרפען קוק.

האָט איהר געזעהן אַ בחור'ל,
פערהונגערט און פערשמאַכט,

720 טינמאן
ניו יארק

מ. ווינטשעווסקי

דאָ געהענדיג און זוכענדיג
די גאַנצע ליבע נאַכט —
זיך זוכענדיג אַ ווינקעלע,
אַ טיר, אַ טרעפּ אין גאַס,
זיך צוצולעגען אויסרוהען? —
ס'איז שרעקליך קאַלט און נאַס!
די לעמפּעלעך זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעס הויז;
צי זעהען זיי, צי הערען זיי —
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.

האָט איהר געזעהן ביים קראַנקענהויז
אַ מיידעלע ביים טיר,
מיט רויטע אויגען, וויינענדיג:
„אוי וועה, אוי וועה צו מיר!“

איהר מאַמע ליעגט אַ גוסס'ער,
פינף קינדער שרייען : „ברויט !"
די מאַמע איז שוין לאַנג ניטאָ :
זי איז שוין דריי יאָהר טויט.
די לעמפּעלעך, זיי ברענען זיך,
בעלייכטען יעדעם הויז ;
צי זעהען זיי, צי הערען זיי —
דאָס זאָגען זיי ניט אויס.

מ. ווינטשעווסקי.

ב ר ו ק — Pavement.

60. אויפ'ן גרינעם גראָז

— קום, מיין פריינד, אַהין אויפ'ן גרינעם גראָז, — זאָג איך, אָננעהמענדיג דאָס קעלבעל ביים שטריקעל.

אַי־אַי, איז עס דאָרט גוט, אַ מחיה ! עס לעבט, עס ריהרט זיך אַרום און אַרום. גאָט'ס בעשעפעניש, וואָס ביז אַהער גאָר ווילד־פרעמדע פאַר מיר, פייגעלעך אַלערליי, מיני זשוק־לעך אַזוינע, היישעריקען, גרילען אַזוינע און אַזוינע, פליהען, שפּרינגען הויך אין דער לופט, אי אונטען צווישען דעם גראָז לעבעדיג־פרעהליך מיט אַ געזינגעריי, אַ זוזשעריי, אַ צימב־לעריי.

עס הערט זיך אַ קאָנצערט, עס פיהלען זיך ריחות פון בשמים, עס שימערט אין די אויגען פון בלומען כל־המיני קאָלירען. עס אָטעמט זיך עפּעס אַזוי גרינג, אַזוי פריי. עפּעס טוט עס מיך אינוועניג אַ בריה. האָפּ־האָפּ־האָפּ ! — טו איך אַ שפּרונג, קוליע מיך פאַר גרויס פערגעניגען עטליכע מאָל איבער און ציה מיך אויס אויף פריש־ווייכע מאָך מיט דעם בויך אַרויף. די ליכטיגע זון קוקט מיר גלייך אין פּנים אַריין, שיינט שמייכעלט, ווי גערעדט : אַיאָ, אינגעלע, גוט ?

מענדעלי מוכר־ספרים.

ה י י ש ע ר י ק — Locust. ז ש ו ק — Beetle. כ ל ה מ י נ י — אַלערליי.

מאַני לייב

61. אליהו הנביא

קאַלט און פינסטער איז די נאַכט.
טיר און טויער צוגעמאַכט,
פענסטער בלינדע אָהן אַ שיין
שטאַרען אין דער נאַכט אַריין.
קאַלט און פינסטער, קאַלט און שפּעט.
שלאָפט זיך יעדער אין זיין בעט.
שלאָפען שלאָפט נאָר ניט דער ווינט
און די בילענדיגע הינט,
און דער פרעמדער שלאָפט נאָך ניט
און מיט וואַקלענדיגע טריט
און אין שמאַטעס שטיק אויף שטיק
און פערגאַרטעלט מיט אַ שטריק,
מיט אַ טאָרבע אויף די הענט,

שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט.
זעהט ער ווייט אַ פּאַלאַץ שטעהן,
לאָזט ער זיך צום פּאַלאַץ געהן.
ביז עס קרעהט דער ערשטער האָהן
קלאַפּט ער אין דעם פּאַלאַץ אָן:
טוק־טוק־טוק. — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענשען, עפענט מיר!
איך בין עלענד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...
— טוק־טוק. פרעמדער, געה אַוועק,
אונזער קליינעס קינד ניט וועק,
זאָט און וואַרים אין ליו־ליו
שלאָפט זיך אונזער קינד אין רוה...
בויגט דער פרעמדער איין דעם קאָפּ,
קעהרט זיך פון דעם פּאַלאַץ אָפּ.
זעהט ער ווייט אַ שטיבעל שטעהן,
לאָזט ער זיך צום שטיבעל געהן.
ביז עס קרעהט דער ערשטער האָהן
קלאַפּט ער אין דעם שטיבעל אָן:
טוק־טוק־טוק. — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענשען, עפענט מיר!
איך בין עלענד אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...
און דער פרעמדער וואַרט ניט פיעל,
עמיץ שאַרט זיך אין דער שטיל
ביי דער טיר און ביי דעם שלאָס.
קומט אַרויס דער בעל־הבית:
— פרעמדער, פרעמדער, קום אַריין,
וועסט מיין גוטער אורח זיין.
און דער פרעמדער בויגט זיך איין,
קריכט אין שטיבעל קוים אַריין,
קומט אַריין און אָטעמט שווער,
קוקט אַהין און קוקט אַהער,
און ער זאָגט אַרויסעט גלייך!

— נו, אַ פינסטערניש ביי אייך !
ענטפערט איהם דער בעל־הבית :
— קויפען נאַפט ניטאָ פאַר וואָס.
— וו־וו־וואו איז ביי'ך און קאַלט,
ממש ווי אין מיטען וואַלד.
ענטפערט איהם דער בעל־הבית :
— קויפען האָלץ ניטאָ פאַר וואָס.
— הייסט עס, ס'איז ניט פרעהליך דאָ.
און קיין ברויט איז אויך ניטאָ ?
ענטפערט איהם דער בעל־הבית :
— קויפען ברויט ניטאָ פאַר וואָס.
אָך און וועה צו מיינע זינד,
אַז מיין הונגעריגעס קינד
האָט געוויינט פערשמאַכטערהייד :
„טאַטע, גיב אַ שטיקעל ברויט !"
און אָהן כחות ליעגט עס שטיל
איצטער אויפ'ן האַרטען דיל...
קראַצט דער פרעמדער זיך דעם קאָפּ,
לאָזט זיך אויפ'ן דיל אַראָפּ,
שפּרייט זיין אַלטע טאָרבע אויס
און ער זאָגט אַזוי אַרויס :
— אַז ס'איז פינסטער דאָ און קאַלט
ממש ווי אין מיטען וואַלד,
אַז קיין ברויט איז אויך ניטאָ,
לעג איך מיר זיך אָט־אָ־דאָ...
איז ווי נאָר ער זאָגט אַזוי,
טוט דער ערשטער האָהן אַ קרעה.
ווי עס קרעהט אַזוי דער האָהן,
צינדט די לאָמפּ אַליין זיך אָן,
און דער אויווען — גוט און פיין —
הייצט מיט האָלץ אַליין זיך איין,
און עס ווערט אַליין דער טיש
פול מיט טעלער פלייש און פיש
און מיט חלות און מיט ברויט,

ווי אויף יום־טוב צוגעגרייט.
און דער פרעמדער — אַט געווען,
אַט געווען און אַט געזעהן —
פלוצלונג טוט אַ זאָג, און לאַכט:
— בעל־הבית, אַ גוטע נאַכט!
און ער פליהט ווי ער איז גרוים
דורך אַ שפּאַלט פון טיר אַרויס.
— אָ, אָ, נסים, אָדער וואָס?
טראַכט ביי זיך דער בעל־הבית.
נאָר ער זעהט: דער אויוועז ברענט,
און די לאָמפּ בעלייכט די ווענט,
און דער טיש אַ פולער שטעהט
מיט מאכלים צוגעגרייט.
טראַכט דער בעל־הבית ניט פיעל,
הויבט ער אויף דאָס קינד פון דיל.
וואַשען זיי זיך, עסען פרום,
זעצען זיך ביים טיש אַרום,
עסען זיי און לויבען גאָט
פאַר זיין חסד און גענאָד.
און אין דרויסען פייפט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ וויינט דאָס קינד.
לויפט מען איבער פּאַלאַץ אום,
און מ'זוכט אַ לאָמפּ אַרום.
זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קיין לאָמפּ איז אַלץ ניטאָ.
און אַלץ שטאַרקער וויינט דאָס קינד,
און אין דרויסען פייפט דער ווינט.
און עס בילען בייז די הינט.
נאָר דעם פרעמדען אַרט עס ניט.
און מיט וואַקלענדיגע טריט,
מיט דער טאָרבע אויף די הענט
שאַרט ער האַרט זיך ביי די ווענט,
שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק
אין דער נאַכט, אין וויטען וועג.

מאָני לייב.

שטאַרען — קוקען בליגד. וואַקלען זיך — געהן ניט זיכער, ווי א שיכור. טאָרבע — אַ בעטלער׳ס לייוועגטענער זאַק. ממש — פונקט. דיל — פּאָדלאָגע, Floor.

שלום אַש

62. אַ מאַי־פּאַרטי

עס איז געוועזן אַ וואַרימער פריהלינג־טאָג. אַ וואַרימער פייכטער ווינט האָט געבלאָזען פון אָפענעם ים און געלעגט זיך ווי אַ טומאַן איבער די נויאָרקער לופט. די פענסטער פון די טענעמענט־הייזער האָבען זיך אויפגעעפענט, און אַלץ, וואָס האָט זיך געשטיקט אין זיי אַ גאַנצען ווינטער, האָט זיך אָנגעהויבען אַרויסצורייסען אין גאַס אַריין.

איבער דער גאַס האָט זיך פּלוצלונג דערהערט אַ קינדישע מוזיק שפּילען. פּייקלעך האָבען געפּויקט און פלייטעלעך האָבען געקוויטשעט אַן אַמעריקאַנער ליד. באַלד דערויף האָט זיך געוויזען אַ שאַר פון קינדער. פערשטעלטע און

אויסגעצירטע אין פערשיידענע קאָלירטע פּאַפּיר־קאָסטיו־מען, זיינען זיי געגאַנגען אונטער די טענער פון אַ קינדער־מוזיק.

דאָס איז געווען אַ מאַי־פּאַרטי. די שולע, אין וועלכער יאָסעלע האָט געלערנט, האָט געפיהרט איהרע קינדער אין פּאַרק צו פערוויילונג.

פריהער איז געגאַנגען די לעהרערין, מיס איזאַבעל. יאָסעלע האָט געזאָלט זיין דער פּאַקעל־טרעגער פאַר דעם „קע־ניגליכען פּאַר", וואָס איז געגאַנגען נאָך איהם אונטער אַ בלויע, שטערען־בעזעצטע חופּה. יאָסעלע האָט געהאַט אויף זיך אַ ווייס העמדעל מיט אַ בלויען לאַמפּאַס און אַ פּאַפּירענעם הוט מיט אַ טראָלט און האָט געהאַלטען אַ שטורקאַץ אין דער האַנט.

נאָך דעם „קעניגליכען פּאַר" איז נאָכגעגאַנגען זייער פעלד־יעגער. דאָס איז געווען דאָס איטאַליענישע אינגעל, קאַטאַ קאָמבאַסאַ, אין אַ רויטען הוט, ווי אַ גלית, האָט ער נאָכגעפיהרט זיין געליבטען הונט, וועלכער איז אויך געווען בעפּוצט פון קאָפּ ביז צום ווידעל אין פערשיידען־קאָלירטע פּאַפּירען. און נאָך איהם די קינדער, אַלס פּאַזשען, גענע־רעלער, וואַלד־גזלנים און שקלאַפען.

די קינדער זיינען געווען אויפגערוימט, די מוזיק האָט געשפּילט פאַראויס פאַר זיי, און זיי האָבען זיך געהאַלטען אין טאַקט. די יונגען זיינען געגאַנגען שטראַנג, געקלאַפּט מיט די פיס זעלנעריש. די מיידלעך האָבען בלומען פער־שפּרייט איבער די טראָטואַרען און געמאַכט פּאַראַד פאַר דעם „קעניגליכען פּאַר". אַ סך מוטערס זיינען נאָכגעגאַנגען נאָך די קינדער, האָבען אין די קינדער־וועגעלעך נאָכגעפיהרט די אינגערע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וועלכע האָבען אויך געוואָלט זיין אין דעם מאַי־פּאַראַד, האָבען אין די קייבערלעך זיי עסען נאָכגעטראָגען.

די מענשען אין גאַס האָבען מיט ליבע נאָכגעקוקט די קינדער. די פּאָליציי־לייט האָבען אָפּגעשטעלט אַלע טראַמ־וויען און וועגען, און די קינדער אַדורכגעלאָזט.

אין דעם שעהנסטען גאַרטען פון נויאָרק, אין סענטראַל

פּאַרק, האָט די שטאָדט דעם שעהנסטען מיט גראָז בעזייטען פּלאַץ פאַר די קינדער אָפּגעגעבען צו שפּילען. דאָס גרויסע אומענדליכע גרינע פעלד, וואָס האָט זיך געצויגען אויף אַ היגעל אַרויף און דאַן זיך אַראָפּגעלאָזט אין אַ גרינעם אויסגעבעטען טאָל, איז געוועזן אויסגעזייט מיט קינדער, וועלכע האָבען אין זייערע בונטע פערשיידען־פאַרביגע פאַפּירענע קאָסטיומען אויסגעזעהן ווי אַ פעלד, וואָס איז בעשאָטען איינגאַנצען מיט פערשיידען־פאַרביגע טוליפּאַנען, וואָס לויפען אַרום איבער אַלע ווינקעלעך פון פעלד.

די קינדער פון פערשיידענע שולעס האָבען זיך באַלד צוזאַמענגעמישט. די לעהרערינס האָבען איינגעאָרדענט פאַר זיי פערשיידענע שפּילען און זיינען אַליין אַרומגעלאָפען מיט די קינדער. די מיס איזאַבעל האָט זיך געיאָגט מיט אייניגע מיידלעך. דערביי זיינען איהרע ווייכע האָר צופאַלען, און זי האָט זיך מיט די קינדער אָנגעהויבען אַרומצוקוילערן איבער דעם גרינעם, ערשט אָפּגעשניטענעם גראָז.

דאָ און דאָרט האָבען זיך קינדער אויסגעזעצט עסען, און אַ קינדער־מוזיק האָט געשפּילט פאַר זיי.

שלום אש.

טומאַן — נעבעל. שאַר — מחנה. פערשטעלט — איבערגעטאָן, פערמאַסקירט. פערוויילונג — שפּיל, פערגעניגען, צייט־פערטרייב. לאַמפּאַס — אַ באַנד, Sash. טראָלט — אַ פראַנז, Crest. שטורקאַץ — פאַקעל. פעלד־יעגער — קוריער. ווידעל — עק. אויפגערוימט — יום־טוב'דיג, פרעהליך. אין טאַקט — נאָך דער מוזיק נאָך. שטראַנג — גלייך, פעסט. זעלנער — סאָלדאַט. טראָטואַר Side-walk. מאַכען פּאַראַד — אָפּגעבען כבוד. היגעל — בערגעל. בונטע — העל קאָלירטע. טוליפּאַן — Tulip. קוילערן זיך — קייקלען זיך.

63. אַ תפלה

אָ, הייליגער בורא, שפּרייט אויס דיינע פליגעל
און שיץ מיט דיין געטליכער מאַכט
די וואַנדערער מידע, וואָס טראָגען זיך, וואַגלען,

אויף אַלערליי ים'ען פערשמאַכט ;
די שוועסטער און ברידער, די עלענדע גרים,
געיאָגט פון אַ מערדערשער האנט,
וואָס שווימען און שווימען אין פרעמדע מדינות,
און זוכען אַ היים און אַ לאַנד.
עס זאָל זיי דער הימעל בעהיטען, בעשיצען
פון אַלע געפאַהרען אין וועג.
מיט זון און מיט בענשונג זאָל זיין זייער שווימען,
מיט גליק זייער קומען צום ברעג.

זעלדע קניזשניק.

ב ו ר א — דער בעשעפער, גאָט. ג ר י ם — פרעמדע. ג ע י אָ ג ט פ ו ן אַ מ ע ר ד ע ר ש ע ר ה אַ נ ט (דאָס געהט אויף די אידען, וואָס ווערען געיאָגט און פערפאָלגט פון דער רוסישער רעגירונג).

64. יעקב ענטלויפט פון לבן'ען

איז יעקב אויפגעשטאַנען און האָט גענומען זיינע קינדער און זיינע ווייבער אויף די קעמלען.

און האָט אַוועקגעפיהרט זיינע אַלע פיה און זיין גאַנץ פערמעגען, וואָס ער האָט אָנגעזאַמעלט, אום צו קומען צו זיין פאָטער יצחק אין לאַנד כנען.

און ער איז ענטלאָפען, ער און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט, און ער איז אויפגעשטאַנען און איז אַריבערגעגאַנגען דעם טייך, און זיך געלאָזט געהן צום באַרג גלעד.

האָט מען אָנגעזאָגט לבן'ען אויפ'ן דריטען טאָג, דאָס יעקב איז ענטלאָפען.

האָט ער מיטגענומען מיט זיך זיינע ברידער און האָט איהם נאָכגעיאָגט אַ מהלך פון זיבען טעג, און האָט איהם דעריאָגט ביים באַרג גלעד.

איז גאָט געקומען צו לבן הארמי ביינאַכט אין חלום און האָט צו איהם געזאָגט : היט זיך, דו זאָלסט נישט רעדען מיט יעקב'ען פון גוט ביז שלעכט.

און לבן האָט דעריאָגט יעקב'ען, און יעקב האָט אויפ-

געשטעלט זיין געצעלט אויפ׳ן באַרג, און לבן מיט זיינע ברי־דער האָבען אויפגעשטעלט זייער געצעלט אויפ׳ן באַרג.

און לבן האָט געזאָגט צו יעקב׳ען: וואָס האָסטו גע־טאָן? דו האָסט אָפּגענאַרט מיין האַרץ און האָסט אַוועק־געפיהרט מיינע טעכטער אַזוי ווי געפאַנגענע פון שווערד?

פאַרוואָס ביסטו ענטלאָפען אַזוי ווי אַ גנב, און האָסט מיר נישט געזאָגט, און איך וואָלט דאָך דיך בעגלייט מיט פרייד און מיט געזאַנג, מיט פויק און מיט פידעל?

איך בין אימשטאַנד צו טאָן אייך שלעכטס, נאָר דער גאָט פון אייער פאָטער האָט נעכטען צו מיר אַזוי געזאָגט: היט זיך, דו זאָלסט ניט רעדען מיט יעקב׳ען פון גוט ביז שלעכט.

האָט עס יעקב׳ען פערדראָסען, און ער האָט זיך געקריגט מיט לבנ׳ען, און יעקב האָט געזאָגט: וואָס איז מיין שולד און וואָס איז מיין זינד, דאָס דו האָסט זיך נאָכגעיאָגט נאָך מיר?

שוין צוואַנציג יאָהר, ווי איך בין ביי דיר; דיינע לע־מער און דיינע ציגען האָבען נישט פערוואָרפען און די באַ־ראַנעס פון דיינע שאָף האָב איך נישט אויפגעגעסען;

די וואָס חיות האָבען צוריסען, האָב איך צו דיר נישט געבראַכט, איך האָב דערפאַר געמוזט בעצאָהלען; פון מיין האַנט האָסטו געפאָדערט פאַר דאָס, וואָס איז גע׳גנב׳עט גע־וואָרען ביי טאָג, און פאַר דאָס, וואָס איז גע׳גנב׳עט געוואָרען ביינאַכט.

ביי טאָג האָט מיך געפרעסען די היץ און ביינאַכט — די קעלט, און עס איז פערוואָגעלט געוואָרען מיין שלאָף פון מיינע אויגען.

אָט אַזוי האָב איך פערבראַכט צוואַנציג יאָהר אין דיין הויז; פערצעהן יאָהר האָב איך דיר געדיענט פאַר דיינע צוויי טעכטער, און זעקס יאָהר — פאַר דיינע שאָף, און דו האָסט אומגעביטען מיין לוין צעהנדליגער מאָל.

ווען נישט דער גאָט פון מיין פאָטער, דער גאָט פון אברהם און די פורכט פון יצחק, וואָלט מיר בייגעשטאַנען, וואָלסטו מיך אַצינד אַוועקגעשיקט מיט גאָרנישט. נאָר גאָט האָט איינגעזעהן מיין אָרימקייט און די מיה פון מיינע הענט, און האָט זיך נעכטען פאַר מיר אָנגענומען.

האָט לבן געענטפערט און געזאָגט צו יעקב׳ען : די טעכטער זיינען מיינע טעכטער און די זיהן זיינען מיינע זיהן און די שאָף זיינען מיינע שאָף, און אַלץ וואָס דו זעהסט איז מיינס. היינט וואָס קאָן איך איצט טאָן די דאָזיגע טעכטער מיינע אָדער זייערע קינדער, וואָס זיי האָבען געבוירען ?

און אַצינד לאָמיר פערשניידען אַ זיכערהייט איך און דו און זאָל דאָס זיין אַן עדות צווישען מיר און צווישען דיר.

האָט יעקב גענומען אַ שטיין און האָט איהם אויפגעשטעלט פאַר אַ דענקמאָל.

און יעקב האָט געזאָגט צו זיינע ברידער : קלייבט אויף שטיינער. האָבען זיי גענומען שטיינער און געמאַכט אַ בערגעל און האָבען געגעסען דאָרט אויפ׳ן בערגעל.

און לבן האָט געזאָגט : דאָס דאָזיגע בערגעל איז אַן עדות היינט צווישען מיר און צווישען דיר ;

אַן עדות איז דאָס דאָזיגע בערגעל און אַן עדות איז דער דענקמאָל, דאָס איך וועל נישט אַריבערגעהן צו דיר איבער דעם דאָזיגען בערגעל און דו וועסט ניט אַריבערגעהן צו מיר איבער דעם דאָזיגען בערגעל און איבער דעם דאָזיגען דענקמאָל שלעכטעס צו טאָן.

און לבן האָט זיך געפעדערט אינדערפריה און האָט געקושט זיינע זיהן און טעכטער און האָט זיי געבענשט און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

און יעקב איז געגאַנגען זיין וועג און עס האָבען איהם בעגעגענט מלאכים פון גאָט.

האָט יעקב געזאָגט, ווי ער האָט זיי דערזעהן : דאָס איז גאָט׳ס מחנה. און ער האָט אָנגערופען דעם נאָמען פון יענעם אָרט : מחנים.

פון חומש (איבערגעזעצט פון א. ל. יאַקובאָוויץ).

ב ר י ד ע ר — משפחה, אייגענע מענשען. מ ה ל ד — ווייטקייט, שטרעקע. פ ע ר ז ו אַ ר פ ע ן (אויף פיה) — געבוירען אַ טויט קינד. ב אַ ר אַ ן — דער „ער“ (זכר) פון די לעמער. פ ו ר כ ט — מורא, שרעק. פ ו ר כ ט פ ו ן י צ ח ק — גאָט, פאַר וועמען יצחק האָט מורא געהאט. ב י י ש ט ע ה ן — העלפען אין נויט. פ ע ר ש נ י י -

דען אַ זיכערהייט — שליסען א בונד, אַן אָפּמאַך. דענקמאָל — אָנדענקונג (מאָנומענט). פעדערן זיך אין דערפריה — אויפשטעהן גאנץ פריה. פעדערן זיך — איילען זיך.

65. חד־גדיא

דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
פון ערגעץ־וואו געברענגט,
פאַר צוויי גילדוין אַ ציגעלע
די קינדערלעך געשענקט.
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין
פאַר צוויי גילדוין אַ ציגעלע.

טאַנצט אַרום דאָס ציגעלע,
ס'ווייסינקע אין הויף.
איז אַ שוואַרצע קאַץ פאַראַן,
חאַפּט זי פּרעסט עס אויף.

אָ, היט זיך, היט זיך, קעצעלע,
דער הונט איז אויפ'ן פּלאַץ !
ער גיט אַ ביל, ער גיט אַ שפּרונג, —
אַן עק שוין פון דער קאַץ !

קומט אַרויס אַ שטעקעלע,
אַ שטעקעלע פון וואַלד,
וואַרפט זיך אויפ'ן הונט אַרויף,
איהם ס'קעפּעלע צושפּאַלט.

פליהט פון ערגעץ־וואו
און בעפאַלט דעם שטאָק
אַ פייערל מיט רויטינקע
צינגעלעך אַ שאָק.

פּליסט זיך אָן אַ וואַסערל,
דעם וואַסערל פערדריסט:
„וואָס ברענט אַזוי דאָס פּייערל?“ —
נעהמט עס שנעל, פערגיסט.

דאָס דערזעהט אַן עקסעלע,
צום וואַסערל אַ שפּרונג!
וויל דער אָקס זיך נוקם זיין,
צי גלאַט ער וויל אַ טרונק?

ווער פערשטעהט, וואָס וואַלגערט זיך
אין מח׳ל ביי אַ רינד?
אַ שפּרונג, אַ זופּ — אַ זופּ, אַ לעק,
און ס׳וואַסערל פערשווינדט!

בעווייזט זיך באַלד אַ שוחט׳ל,
גערעכט, צי נישט גערעכט,
חאַפּט אַרויס דאָס חלפ׳ל,
חאַפּט דעם אָקס און שעכט!

דערזעהט פון טויט דער מלאך דאָס
מיט די טויזענט אויגען!
צושפּרייט ער באַלד די פליגעל שווארץ
קומט ער אָנגעפלויגען.

„אוי, וואָס האָסטו, מענש, געטאָן?“
געוועהרט אַן אויגענבליק,
חאַפּט דעם שוחט ביים גרגרת,
חאַפּט ס׳מעסערעל און — חיק!

ווערט דער כביכול צאָרניג:
„נאַר געראַנגעלט און געפאָכטען!“
און האָט אין זיין גערעכטיגקייט
דעם טויט אַליין אויף טויט געשאָכטען!

און ווי אַלע טויטע טויט
ליעגט דער מלאך אויסגעשפּרייט,
וואָס האָט דעם שוחט'ל געקוילעט,
ווייל ער האָט דעם אָקס געטויט,
וואָס האָט דאָס וואַסער אויסגעטרונקען,
וואָס האָט דאָס פייערל פערלענדט,
ווייל עס האָט מיט רויטע צינגלעך
ס'הילצערן שטעקעלע פערברענט,
ווייל עס האָט דעם קאָפּ געפּלעט
דעם הונט, וואָס האָט די קאַץ דערשטיקט,
די קאַץ, די קאַץ, די שוואַרצע קאַץ,
וואָס האָט דאָס ציעגעלע פערצוקט —
פאַר צוויי גילדוין,
פאַר צוויי גילדוין
פאַר צוויי גילדוין אַ ציעגעלע.

י. ל. פרץ.

גילדוין (מיט'ן אַקצענט אויף דער צווייטער זילבע) גילדען, דרייסיג גראָשען, די קלענסטע מטבע אין רוסלאַנד. אַ שאָק — אַ סך, זעכציג. בוקם זיין זיך — אָפּרעכענען זיך. חלף — אַ שאַרף מעסער (מיט וועלכען דער שוחט קוילעט). געוועהרען — געדויערן. גורגרת — גאָרגעל. כביכול — גאָט. פערלענדען — פערניכטען. פלעטען (אַ קאָפּ) — שפּאַלטען.

66. דער לייב און דער העלפאַנד

אין דעם זאָאָלאָגישען גאָרטען, אויף אַ ווייטען פּלאַץ, אַן אַרויסגעצוימטען מיט אייזערנע שטאַנגען, איז אַרומגעגאַנגען שווער ריהרענדיג זיין אומגעהויערן קערפּער, דער גרויסער אינדישער העלפאַנד.

פאַר די שטאַנגען אַרום און אַרום איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם, אַלט און יונג, מענער, פרויען און קינדער. אַלע האָבען זיך געשטופּט נעהענטער צו די שטאַנגען. די מענשען האָבען זיך געשטופּט צו זעהן, ווי דער געפאַנגענער ריז מאַכט קונצען.



דוד פינסקי

„טו דיך אַ בוק!" האָבען זיי צו איהם געשריען.

און דער גרויסער העלפאַנד האָט אומגעוואָרפען מיט זיין לאַנגער נאָז, געשאָקעלט דעם שווערען קאָפּ, געדרעהט מיט די אויגען, געקלאַפּט מיט די אויערן און געמאַכט זיינע קאָמפּלימענטען מיט זיין ריזען־פוס. די מענשען האָבען געלאַכט, געפרעהט זיך און דערלאַנגט איהם שטיקלעך צוקער און שטיקלעך ברויט. און דער העלפאַנד פלעגט אַריינוואַרפען די אויסגעבעטענע שטיקלעך אין זיין ווייטען האַלז אַריין און בעטען נאָך, בוקענדיג זיך און ברעכענדיג זיך.

ניט ווייט פון דעם גרויסען פּלאַץ, אויף וועלכען דער העלפאַנד האָט לוסטיג געמאַכט די מענשען, איז אַרומגעלאָפען דער לייב אין זיין אייזערנער שטייג. און דער לייב איז שטאַרק צוטראָגען געוועזען: ער האָט דערקאָנט אין דעם זיך בוקענדיגען און קרימענדיגען העלפאַנד זיין בעסטען גוטען פריינד.

זיי זיינען ביידע אויסגעוואַקסען אין איין וואַלד און געוועזען צוערשט גרויסע שונאים; אָבער אַז זיי האָבען איי־

נער דעם אַנדערען נישט געקאָנט בייקומען, ווייל זיי זיינען ביידע געוועזען גלייך שטאַרק און קלוג, האָבען זיי געמאַכט שלום און זיינען געוואָרען ווי אַנדערע צוויי. מען האָט זיי שטענדיג נאָר צוזאַמען געזעהן. איינער אָהן דעם אַנדערן האָט קיין שריט ניט געמאַכט, אַפילו פון דאַנען אַהער. און דער וואַלד האָט געזאָגט, אַז די ביידע מיט זייער כח און מיט זייער שכל וועלען בעהערשען די וועלט.

ויהי היום — און זיי זיינען ביידע געוואָרען געפאַנגענע. דער מענש האָט זיי צושיידט און פערפיהרט אין בעזונדערע לענדער. אין אַ סך מענאַזשעריען איז שוין דער לייב איבער־געוועזען פאַר דער צייט, אַרומגעפאָהרען צוזאַמען מיט העלפאַנדען, אָבער זיין פריינד האָט ער נישט געטראָפען. און איצט, אַז ער האָט איהם דערזעהן, איז איהם דער פריי־דענסאויסגעשריי געבליבען שטעהן אין האַלז.

„איז עס מעגליך, אַז דאָס איז מיין פריינד?" האָט ער געטראַכט. „אָט אָ דער קונצענמאַכער, דער בעטלער, דער פּאַיאַץ?!"

ער האָט זיך אויפגעהויבען אויף ביידע פאָדערשטע פיס, אָנגעשפּאַרט זיך אָן די שטאַנגען און אויסגעברילט זיין פריינד'ס נאָמען. און געוואָלט האָט ער, אַז ער זאָל אַ טעות האָבען, אַז דאָס זאָל זיין אַן אַנדער העלפאַנד, ניט זיין פריינד.

אָבער דער העלפאַנד האָט אַ קוק געטאָן אַהין, פון וואַנען זיין נאָמען האָט זיך געלאָזט הערען, און אָפּגעברילט מיט שמחה: „דו?!" — ער האָט אויך דערקאָנט זיין אַלטען פריינד.

„ביסטו עס טאַקע מיין פריינד, מיין העלפאַנד?" האָט דער לייב געזאָגט מיט אַ טרויעריגען קול. „וועה מיר, וואָס איך זעה דיך אַזוי!"

„יאָ", האָט אָפּגעזיפצט דער העלפאַנד און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. „וועה אונז, וואָס מיר זעהען זיך אַזוי!"

„דו זאָלסט אַזוי טיף פאַלען!"

דער העלפאַנד האָט אָנגעשטעלט אויערן און אויגען.

„וואָס מיינסטו דערמיט?" האָט ער געפרעגט.

„וואָס זאָל איך דערמיט מיינען? דו, דער גרויסער העל־

פּאַנד, מיין חבר — אַ קונצענמאַכער, אַ פּאַיאַץ, אַ בעטלער, אַ טעלער־לעקער...“

„אַך, אַזוי מיינסטו עס?“ — ער האָט זיך אַביסעל בע־לייִדיגט און איז גלייך געוואָרען שטעכעדיג. „יאָ, מיר האָט מען עפּעס דערצעהלט וועגען דיר, אַז דו ביסט געוועזען אין אַ צירק, געשפּרונגען דורך רייפען, געטאַנצט אויף פערד, געבראָכען זיך... מיט איין וואָרט — אַ פּאַיאַץ, אַ קונצענ־מאַכער...“

„דו לייגסט!“ האָט דער לייב אויסגעברילט. „איך בין קיינמאָל נישט געוועזען דאָס, וואָס דו זאָגסט. איך בין גע־שפּרונגען דורך רייפען, געטאַנצט אויף פערד, אָבער מיט בייטשען האָט מען מיך געטריבען און רעוואָלווערען. איך האָב מיך אָבער נישט ערנידעריגט, נישט געבעטעלט קיין ברויט און צוקער און נישט לוסטיג געמאַכט דעם עולם מיט'ן גוטען ווילען. איך האָב מיך אויפגעפיהרט ווי אַ לייב, און צולעצט האָב איך אָפּגעטרייסעלט פון מיר די מורא פאַר'ן רעוואָלווער. דאַן האָט מען מיך פערזעצט אַהער אין שטייג. די אייזערנע שטאַנגען זיינען צו שטאַרק פאַר מיר, אָבער די יעניגע, וועל־כע האַלטען מיך געפאַנגען, ציטערן פאַר מיר. אַ געפאַנגענער קעניג בין איך, אָבער דאָך אַ קעניג!“

„נאַ“, האָט דער העלפאַנד געזאָגט, „איך דענק אַנדערש. איך זאָג מיר: ביסטו געפאַנגען, זיצסטו הינטער אייזערנע שטאַנגען, וואַרטסטו אויף גנאַדען־ברויט, טאָ מאַך זשע נישט ברודערקע, קיין קוראַזש“.

„מיאוס'ער שקלאַף!“ האָט אויסגעברילט דער לייב, „דיינע קייטען זיינען פאַר דיר ווי אָנגעמאָסטען!“

און מיט אַן עקעל האָט זיך דער לייב אָפּגעקעהרט פון זיין אַמאָליגען פריינד, האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און אַרויפגעלעגט זיינע גרויסע לאַפּעס אויף זיין קעניגליכען קאָפּ.

דוד פּינסקי.

אומגעהויער — מורא'דיג, אומגעלומפּערט גרויס. ברע־
בען זיך — מאַכען קונצען ווי אַן אַקראָבאַט. ווי אַנדערע
צוויי — זעהר נאָהענטע פריינד. פּאַיאַץ — אַ קלאָון. טעלער־

לעקער — דער וואָס לעקט אָפּ פרעמדע טעלער, איינער וואָס זוכט צו געפעלן דורך זיסינקע רעד. **מאַכען קוראַזש** — מאַכען זיך פאַר אַ העלד.

67. קאָרן־שוועסטערלעך

א.

קענט איהר, קינדערלעך,
די קאָרן־שוועסטערלעך?
זיי זיינען בלימעלעך
אין פרייען פעלד:
עס גיבען בלאָהינקע,
עס גיבען רויטינקע,
אויך גיבען געלינקע,
ווי אייך געפעלט.
זיי וואַקסען טויזענטער
אין אַלע ווינקעלעך,
וואו זאַנגען וויגען זיך
און תבואה בליהט;
גאָט'ס פעלד בעקרויבען זיי,
זיין ברויט בעשעהנען זיי,
און בליהען לוסטיגע
פון זון געהיט.

ב.

די ערשטע, ווייסט איהר דאָך,
זיי זיינען בלאָהינקע,
מען רופט זיי בלימעלעך
פון קאָרן דאָ,
און ווען דער זאַנג צורייסט
זיין גרינע העמדעלע,
דאַן ווערט דאָס פעלד פון זיי
אינגאַנצען בלאָה:
פול בלאָהע קעפּעלעך

פון גוטע שוועסטערלעך,
וואָס נייגען, גריסען זיך
צו יעדען זאַנג,
און ווינשען שטילערהייד
איהם וואָכען ליכטיגע
און רעגענס זעטיגע
זיין זומער לאַנג.

ג.

די צווייטע זיינען דאָס
די קאָרן־רעדעלעך,
וואָס קומען אָנזאָגען
דעם ערשטען גאָלד,
וואָס נעהמט בעשימערן
ביים זאַנג די הערעלעך,
און גאָלדיג־גריניג ווערט
דאָס פעלד בעמאָלט.
זיי שיסען אויף אין הויך,
ווי פורפור־פלעמעלעך,
די בעכערס אָפענע
פאַר טוי און שיין,
און שלאַנקע שטעהען זיי
אַזוי דעם זומער אָפּ,
ביז וואַן דער שניטער קומט
אין פעלד אַריין.

ד.

די פעלדער שפּרייטען זיך
שוין אָפּגעשניטענע.
עס ליעגט דער קאָרן שוין
און וואַרט אין מיהל;
געבליבען זיינען נאַר
אין פעלד די גערינקע,
די שוועסטער־ברידערלעך,
וואָס וואַקסען שטיל:

דריי געלע פליטערלעך,
צוויי ווייסע פליטערלעך,
פעראייניגט שפּראָצען זיי
צווישען שטרוי,
און וויינען, טרויערן
אויף אַלע בלימעלעך,
און וועלקען שטילינקע
אין קאַלטען טוי.

דוד איינהאָרן.

ש ל אַ נ ק — דין און גלייך (עלעגאנט).

68. שבועות

שבועות!

אַ צווייענדיגער יום טוב: זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ, דער טאָג וואָס משה רבינו האָט אונז די תורה גענעבען, ווי עס דערצעהלט זיך, און חַג הַבִּיכּוּרים, דער יום טוב פון די ערשטע פרוכט פון דער ערד, אין ארץ ישראל.

פסח זיינען די אידען פון מצרים אַרויס, אַ פריי פאָלק געוואָרען, און שבועות האָבען זיי די תורה געקראָגען. משה רבינו האָט זיי דענסטמאָל גענומען לערנען, ווי אַ פריי פאָלק דאַרף לעבען און פיהרען זיך.

אויפ'ן באַרג סיני איז די תורה געגעבען געוואָרען. עס האָט געדונערט און געבליצט, און דער גאַנצער באַרג איז געווען פערדעקט מיט אַ געדיכטען רויך בעת מתן־תורה.

דער שופר האָט געשאַלט און גערופען דאָס פאָלק צו הערען די עשרת הדברות.

און דאָס פאָלק, אונטען ביים באַרג, זעהט די דונערן און די בליצען און ווי דער שופר שאַלט און ווי דער באַרג רויכערט, און אַ שרעק בעפאַלט דאָס גאַנצע פאָלק.

און עס דונערט אַראָפּ גאָט'ס שטימע, און עס צוטראָגען זיך ווייט אַרום די צעהן געבאָט:

א) איך בין גאָט דיין האַר, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגען פון דעם לאַנד מצרים, פון קנעכטשאַפט בעפרייט.

ב) עס זאָל ביי דיר ניט זיין קיין אַנדערע געטער אַחוץ מיר.

ג) זאָלסט ניט שווערן פאַלש אין מיין נאָמען.

ד) געדענק דעם טאָג פון שבת, ער זאָל ביי דיר הייליג זיין; זעקס טעג זאָלסטו אַרבייטען און דיין גאַנצע מלאכה אָפּטאָן, אָבער דער זיבעטער טאָג איז אַ טאָג פון רוה פאַר גאָט דיין האַר, זאָלסט קיין מלאכה ניט טאָן, ניט דו, ניט דיין זוהן, ניט דיין טאָכטער, ניט דיין קנעכט, ניט דיין דיענסט, ניט דיינע פיה און ניט דער פרעמדער, וואָס זיצט אין דיינע טויערען. דען אין זעקס טעג האָט גאָט בעשאַפען הימעל און ערד, דעם ים, און אַלצדינג, וואָס געפינט זיך אויף זיי און אין זיי, און דעם זיבעטען טאָג האָט ער גערוהט.

ה) זאָלסט עהרליך האַלטען דיין פאָטער און דיין מוטער, כדי זאָלסט לאַנג לעבען אויף דער ערד, וואָס גאָט דיין האַר גיט דיר.

ו) זאָלסט ניט מאָרדען.

ז) זאָלסט ניט צולאָזען זיין.

ח) זאָלסט ניט גנב'ענען.

ט) זאָלסט ניט זאָגען קיין פאַלש עדות אויף דעם צווייטען.

י) זאָלסט ניט גלוסטען, וואָס דער צווייטער פערמאָגט.

דאָס זיינען די צעהן געבאָט פון באַרג סיני. משה האָט אָבער מיט די אידען געלערענט נאָך אַ סך אַנדערע געזעצען און גוטע מדות, וואָס זיי זאָלען אָפּהיטען, כדי די אידישע אומה זאָל אַ קיום האָבען. שפּעטער זיינען אויפגעשטאַנען אַנדערע לעהרער וועלכע האָבען וויטער געלערנט די אידען, ווי צו לעבען אויף דער וועלט. די דאָזיגע געלערנטע און קלוגע מענשען האָבען אויסגעטייטשט משה'ס תורה און אַרויסגעדרונגען געזעצען, וואָס זיינען געווען צוגעפּאַסט פאַר דער צייט, אין וועלכער מען האָט געלעבט. און אַזוי איז שפּעטער דער תלמוד בעשאַפען געוואָרען.

דאָס איז מכח שבועות אַלס יום טוב פון מתן תורה. צווייטענס, איז שבועות דער חג־הביכורים.

אַמאָל, ווען די אידען זיינען געזעסען אויף זייער אייגען

לאַנד, אין ארץ ישראל, זיינען זיי אַ פאָלק פון ערד־אַרבייטער געווען. שבועות איז געווען איינער פון זייערע דריי נאַטור יום טובים (פסח, שבועות און סוכּות) ווען די אידען פלעגען עולה־רגל זיין קיין ירושלים אין בית־המקדש אריין. און שבועות פלעגען זיי מיט זיך אַהין ברענגען די ערשט־צייטיגע פרוכט פון זייערע פעלדער און גערטנער.

אַ פרעהליכער זומערדיגער יום טוב!

אָבער ווען די אידען זיינען פערטריבען געוואָרען פון זייער לאַנד האָבען זיי שוין מעהר קיין פעלדער ניט געהאַט, דאָך איז שבועות, צום אָנדענקען פון יענע גליקליכע טעג, נאָך אַלץ געבליבען דער יום טוב פון גרינס. געהט מען ערב שבועות אין וואַלד אריין, אָדער צו די טייכען, וואו עס וואַקסט גרינס, און מען רייסט אָן צווייגען, גרינע בלעטער, בלומען און אנדערע פלאַנצען לכּבוד יום טוב, די הייזער אויסצופוצען. און מען בעצירט די פענסטער מיט רויזלעך, מגן דוד׳ס און אַלערליי צאַצקעס, און די פּאָדלאָגע ווערט מיט גרינס אויסגעשאָטען.

און אזוי הייליג איז דער יום טוב פון מתן תורה, דאָס ביים אידישען פאָלק לעבט אַ וואונדערבאַרע לעגענדע, אַז שבועות ביינאַכט שפּאַלט זיך דער הימעל, און זאָל מען צו־היטען די רגע ווען דער הימעל שפּאַלט זיך, און עפּעס בעטען, אַזוי וועט עס באַלד געשעהן.

ל. ע.

אומה — פאָלק. אַ קיום האָבען — עקזיסטירען, בלייבען לעבען. אויסטייטשען — דערקלערען. אַרויפ־דרינגען — אַרויסנעהמען, אויספיהרען.

69. ביי מתן־תורה

(פון מדרש)

קיין פויגעל האָט ניט געצוויטשערט, קיין פליגעל זיך ניט געריהרט, קיין וועל אין ים זיך ניט בעוועגט; מלאכים אין הימעל האָבען די שירה איבערגעריסען, שרפים דעם „קדוש“ ניט פערענדיגט, די גאַנצע וועלט דעם אָטעם איינ־

געהאַלטען, — אין דער מינוט, ווען גאָט'ס שטימע האָט אַ דונער געטאָן פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען: „אנכי ה' אלהיך", איך בין גאָט, דיין האַר!

* * *

די צעהן געבאָט, ארויסגעהענדיג פון גאָט'ס מויל, האָבען זיך צושפּרייט איבער גאַר דער וועלט און מיט יעדען פון זיי האָט זי זיך אָנגעפילט מיט אַ זיסען ריח פון בשמים, — יעדעס געבאָט מיט זיין בעזונדערען ריח. און פון איין עק וועלט ביז'ן צווייטען האָט געהילכט גאָט'ס שטימע, צוברעקעלט זיך אויף זיבעציג טיילען און אויף אַלע זיבעציג לשונות זיך הערען געלאָזט.

פערציטערט זיינען געוואָרען אַלע אומות פון דער וועלט און ערשטוינט זיינען שטעהן געבליבען די מלכים אין זייערע פּאַלאַצען. און פון אַלע עקען איז מען געקומען צו בלעם'ן, און דערשראָקענע האָט מען געפרעגט: וואָס בעטייט עס, אפשר וויל גאָט ווידער אַ מבול ברענגען אויף דער וועלט?

ענטפערט ער זיי: גאָט האָט שוין איינמאָל געשוואוירען, אַז ער וועט די וועלט מעהר ניט פערפליצען.

— אפשר פערפלייצען — נישט, אָבער אַן אומקומעניש דורך פייער — יאָ?

— ניין, די וועלט ווערט ניט חרוב, — שטאַרקער און מעכטיגער ווערט זי —

„אַ גרויסע מאַכט גיט גאָט צו זיין פאָלק!"

האָבען זיי אַלע געענטפערט: „בענש גאָט זיין פאָלק מיט פרידען!"

* * *

אַז משה האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פון הימעל, איז דער שטן געקומען פאַר גאָט און געפרעגט: האַר פון דער וועלט, וואו איז דיין תורה?

— דער ערד האָב איך זי אָפּגעגעבען — האָט גאָט איהם געענטפערט.

איז דער שטן אַוועק צו דער ערד און געפרעגט ביי איהר: וואו איז די תורה?

— „איין גאָט ווייסט קלאָר איהר וועג".

געהט ער צום ים פרעגען.

— ניטאָ ביי מיר — ענטפערט איהם דער ים.

לאָזט ער זיך צום אָפּגרונד אַראָפּ.

— „ניט ביי מיר איז זי", — ענטפערט דער אָפּגרונד.

קומט דער שטן צוריק פאַר גאָט און זאָגט: רבונו־של־עולם, איך האָב זי אויף דער גאַנצער ערד אויסגעזוכט און נישט געפונען.

— געה צו עמרם'ס זוהן — האָט איהם גאָט געענטפערט.

געהט ער צו משה'ן און פרעגט איהם: די תורה, וואָס גאָט האָט דיר געגעבען, וואו איז זי?

— מיר? — האָט משה געזאָגט — וואָס בין איך דען, אז גאָט זאָל מיר געבען זיין תורה?

— משה — זאָגט גאָט — דו פערלייקענסט גאָר?!

— רבונו־של־עולם — ענטפערט משה — דיין טייערער אוצר, אין וועלכען דו שפּיגעלסט זיך אַלע טאָג, זאָל איך איהם פאַר מיינם רעכענען?

— פאַר אַזאַ עניוות — זאָגט גאָט, — קומט דיר, אַז די מתנה זאָל זיך אָנרופען אויף דיין נאָמען — „תורת משה" וועט זי הייסען ביים גאַנצען פאָלק.

פון די „אידישע אַגדות".

ו ו ע ל — חוואַליע. ש ר פ י ם — פייערדיגע מלאכים. ק ד ו ש — הייליג (קדוש, קדוש, קדוש —דער לויב־געשריי, מיט וועלכען די מלאָכים בעגריסען גאָט). ע ר ש ט ו י נ ט — שטאַרק פערוואונדערט. ר ב ו נ ו ש ל ־ ע ו ל ם — האַר פון דער וועלט (גאָט). ע נ י ו ו ת — דאָס קליין־האַלטען זיך, בעשיידענהייט.

70. דוד'ס האַרף

וועו די וועלט איז אין חלום פערזונקען,
וועו ס'שפּאַלט איבער העלפּט זיך די נאַכט,
שטעהט אויף פון געלעגער דער קעניג,
זיין הייליגע האַרפע ערוואַכט...

מען זעהט ניט קיין פינגער וואָס שפּילען:
עס גיסט זיך מעלאָדיש אַ קלאַנג,
און וועקט אין דער ברוסט פונעם מלך
די סטרונעס פון זיסען געזאַנג.

דורכ'ן פענסטער פון פּאַלאַץ בעקוקט ער
די שטילע בעשטערנטע וועלט,
פערגעסט אָן זיין טראָן און זיין צעפּטער,
מיט נייע געפיהלען בעזעלט.

עס מאָלט זיך איהם אוים פאַר די אויגען,
אַ גרינעס און רוהיגעס פעלד,
און ע ר איז אַ פּאַסטוך פון שעפּסען,
זיין איינציגער פּאַלאַץ — אַ געלט.

זיין איינציגער צעפּטער — אַ פייפעל
געשניטען פון צעדערענהאָלץ,
זיין איינציג עשירות אויף דער־וועלט,
דעם דיכטער'ס בעגייסטערטער שטאָלץ.

דאַן זינגט ער צום טאַקט פון דער האַרפּע,
און דיכטעט אַ מזמור־געבעט,
דער ג ר י י ז ־ ג ר אָ ה ע ר קעניג פון יהודה,
איז ווידער אַ יונגער פּאָעט.

יהואָש.

ב ע ז ע ל ט (פון זעלע—נשמה) — בעגייסטערט. ע ש י ר ו ת — רייכקייט. ד י כ ט ע ן — פערפאַסען (אַ ליד). מ ז מ ו ר — אַ געזאַנג.

71. צום אַרבייטער־פּאָלק

און דו אַקערסט, און דו זייסט,
און דו פיטערסט, און דו נעהסט,
און דו האַמערסט, און דו שפּינסט —
זאָג, מיין פּאָלק, וואָס דו פערדיענסט?

ווּעבּסט דיין ווּעבשטול טאָג און נאַכט,
גראָבּסט אונז אייזען פון דער שאַכט,
ברענגסט די שפע אונז אריין,
פול מיט תבואה און מיט וויין.

נאָר — וואו איז ד י י ן טיש געגרייט?
נאָר — וואו איז ד י י ן יום־טוב קלייד
נאָר — וואו איז ד י י ן שאַרפעס שווערד?
וועלכעס גליק איז ד י ר בעשערט?

שאַפסט אונז אוצרות אָהן א שיעור,
אַלעסדינג, נאָר ניט פאַר דיר,
און פאַר זיך האָסטו אין נויט
נאָר געשמידט אַ שווערע קייט.

מאַן פון אַרבּייט, אויפגעוואַכט,
און דערקען דיין גרויסע מאַכט!
ווען דיין שטאַרקע האַנט נאָר וויל,
שטעהען אַלע רעדער שטיל!...

געאָרג הערוועג, איבערגעזעצט פון בן־אהוד.

ש אָ כ ט — מינע, גרוב (פון קויהלען און מעטאַלען). ש פ ע — רייכקייט, הצלחה.

72. רייזעלע

אַז די אַכט־יעהריגע רייזעלע שטעהט אויף אינדערפריה, רייבּט זי אוים די פערשלאָפענע אויגעלעך, קוקט זיך אום אין אַלע פיער ווינקעלעך פון דעם קליינעם שטיבעלע און זוכט עפּעס.

זי זוכט די מאַמען. נאָר די מאַמע איז שוין לאַנג אַוועקגעגאַנגען אין מאַרק מיט׳ן קויש עפּעל, און רייזעלע זיפצט אָפּ:

— אַזוי גיך איז זי שוין אַוועקגעגאַנגען!

פויל טוט זי אָן דאָס אַלטע צוריסענע קליידעלע, וואַשט

אברהם רייזען

זיך און געפינט עפּעס אַ שמאַטע, עהנליך צו אַ האַנטוך און ווישט זיך אָפּ.

דערמאָנט זי זיך, אַז די מאַמע האָט אַ גאַנצע נאַכט גע־הוסט, געפּאָכט מיט דער נשמה. זי האָט איהר דערלאַנגט קאַלט וואַסער מיט אַ שטיקעל צוקער, נאָר עס האָט ניט גע־האָלפען. די מאַמע האָט אויף איהר עפּעס אַזוי מאָדנע גע־קוקט. „רייזעלע“, האָט זי געזאָגט, „דו האָסט אויף מיר רחמנות?“ זי האָט ניט געענטפערט. זי האָט זיך נאָר פאַ־נאַנדערגעוויינט און איז אַוועקגעלאָפען אין אַ ווינקעלע, שטאַרקער אויסוויינען זיך. מעהר געדענקט זי ניט. זי ווייסט נאָר, אַז איהר האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט גע׳חלום׳ט.

— זי איז שוין געזונד, — טרייסט זיך רייזעלע, — אַזוי וואָלט זי דאָך אין מאַרק ניט געגאַנגען.

זי געהט צו צום טיש און געפינט דאָרט גרייט פאַר איהר אָנבייסען — אַ שטיקעל ברויט און אַ ביסעל מילך אין אַ צובראָכענעם גלאָז.

אַז זי עסט אָפּ דאָס אָנבייסען, ווערט איהר אומעטיג. זי בעט גאָט, עס זאָל פינסטערליך ווערען, און די מאַמע זאָל שוין קומען. זומער קען זי זיך נישט איינהאַלטען און לויפט אין מארק זעהן, וואָס מאַכט דאָרט די מאַמע, און חאַטש די מאַמע פלעגט זיך שטענדיג קלאָגען, אַז זי האָט גאַרנישט געלייזט, פלעגט דאָך רייזעלע קליבען נחת שטעהענדיג נאָהענט לעבען דער מאַמען. איהר נחת פלעגט זי דייטליך אויסדריקען, ווען אַ קונה פלעגט אונטערקומען צום קאָשיק עפּעל און געבען עפּעס צו לייזען. זי פלעגט פרעהליך אויסרופען:

— מאַמעלע, דו לייזט!

נאָר די מאַמע פלעגט דאָס רוב טרויעריג ענטפערן:

— אַז אָך און וועה, מיין טאָכטער, צום לייזונג!

ווינטער אָבער פלעגט רייזעלע דעם פערגניגען אויך נישט האָבען. קיין שיך האָט זי קיינמאָל נישט געהאַט, און לויפען אין מארק אַ באָרוועסע, איז קאַלט. די מאַמע זאָגט, מען קען זיך פערקיהלען און חלילה שטאַרבען. און שטאַרבען האָט זי געוואוסט, איז זעהר אַ ביטערע זאַך. ווען איהר טאַטע איז געשטאָרבען, געדענקט זי נישט, נאָר זי ווייסט, אַז ער ליעגט דאָרט וויט אונטער דער שטאָדט אויפ'ן בית־עולם אין אַ טיפער גרוב און קען פון דאָרט קיינמאָל נישט אַרויס, אפילו זומער אויך נישט... קיינמאָל נישט! דעריבער היט זי זיך, און זי זיצט ווינטער אַ גאַנצען טאָג אין שטוב, און וואַרט ביז וואַנען עס ווערט פינסטער, ווען די מאַמע דאַרף קומען.

— שוין פינסטער! — געהט זי צו אַלע ווייַלע צום פענסטער, — באַלד, באַלד קומט זי.

נאָר עס קומט איהר אויס נאָך פיעל צו וואַרטען. אין דעם קליינעם שטיבעל מיט די פערפרוירענע קליינע שייבעלעך ווערט פינסטער בשעת אויפ'ן גאַס איז נאָך גוט ליכטיג, און עס ציהט זיך רייזעלע'ן אַזוי לאַנג די צייט.

— עס איז דאָך שוין פינסטער, פאַרוואָס קומט זי נישט? — זיפצט זי מיט אומגעדולד.

און אַז אין קליינעם שטיבעלע ווערט שוין די פינסטער־

ניש געדיכט און רייזעלע קען שוין ניט זעהן, וואָס אַרום איהר געפינט זיך, דאַמאָלס דערהערט זי אַ קלאַפּ אין טיר. איהר קליין הערצעלע שפּרינגט שיער נישט אַרויס פאַר שמחה, און זי צוזינגט זיך:

— די מאַמע געהט, די מאַמע געהט!

עס קומט צו געהן די מאַמע, אַ פערפרוירענע, שטעלט אַוועק דעם קאָשיק לעבען טיר, און רופט אויס:

— וואו ביסטו, רייזעלע?

— אָט בין איך, מאַמע, דאָ לעבען בעט — צינד אָן פייער!

די מוטער רייבט אָן אַ שוועבעלע, און צינדט אָן דאָס לעמפּעלע. אַ שוואַכער שיין בעלייכט דאָס שטיבעלע. נאָר פאַר רייזעלע'ן איז גענוג — זי דאַרף נאָר דערזעהן די מאַ־מע, און זי זעהט זי פאַר'ן רויכיגען פייער גאַנץ גוט, און זי ווערט פרעהליך.

אברהם רייזען.

ק ו י ש, ק אָ ש י ק — אַ קאָרב. פ אָ כ ע ן מ י ט ד ע ר נ ש מ ה — אָטעמען מיט גרויס אָנשטרענגונג אַזוי ווי אַ שווערער חולה.
ק ו נ ה — קויפער, קונד.

73. אויפ'ן ים

אָנגעברוגז'ט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט —
פּלוצים האָט ער זיך צובייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפען שוין אַנקעגען
ווילד און בייז מיט ווייסען שוים,
חוואַליעס־לייבען, חוואַליעס־שלאַנגען,
אויסגעוואַקסען פון דעם תהום.

אָט האָט זיך אַ טאָל געעפענט,
אָט שטעהט אויף אַ הויכער באַרג —

פלאַטער, זעגעל! בויג זיך מאַסטבוים
דו, מיין האַרץ, בלייבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסען גאָט אין הימעל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגעל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבען לאַנד.

(נאָך ר' יהודה הלוי) ח. נ. ביאַליק.

תהום — אָפּגרונד. צום ליבען לאַנד — ארץ ישראל. וואוהין דער דיכטער איז געפאָהרען.

74. פון ירמיה

הוי בונה ביתו.

וועה איז יענעם אויף דער וועלט,
ווער זיין הויז אָהן משפּט שטעלט,
און דעם חבר אויסגענוצט
און די צימערן פערפּוצט.

און די ווענט געפּאַרבט פערשידען
מיט דער אַרבייט פון דעם מידען;
ניט קיין פאַרב איז דאָס, נאָר בלוט!
וועה איז יענעם, ווער דאָס טוט!

אברהם רייזען.

אָהן משפּט — אָהן גערעכטיגקייט, אָהן יושר, אויף גזלה.

75. אָיאַמאַ

(אַ מעשה מיט אַ הינטעל)

א.

געשעהן איז דאָס אין ברוקלין.
עס איז געווען נאַכט. אין אַ וואַרימען ליכטיגען צימער
זיינען געזעסען די קינדער. ווילי, אַ אינגעלע פון אַ יאָהר

יעקב גאָרדין

אַכט, האָט געבויט אַ הייזעלע פון אַלטע קאָרטען; העלען, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר פינף, האָט זיך געשפּילט מיט איהר ליאַלקע — אַ שעהנע קוקלע מיט בלאָנדע, אַ ביסעל שוין שמוציגע האָר, מיט גרויסע בלויע אויגען, וועלכע מען האָט גערופען פּרינצעסע. זי, די פּרינצעסע, איז געוועזן איינגעוויקעלט אין אַ שעהנער קאָלדרע, געמאַכט פון שעהנע קאָלירטע זייד. און העלען האָט איהר גאַנץ ערנסט גערעאַטען צו געהן שלאָפען, וואָרים עס איז שוין געוועזן אַכט אַ זייגער. דער עלטערער ברודער, דייווי, איז געזעסען און האָט געלעזען אַ בוך. און די מאַמע האָט עפּעס גענעהט.

פּלוצלונג האָט עמיצער אַ קלאַפּ געגעבען מיט דער דרויסענדיגער טיר, און אַלע האָבען דערהערט ווי עני, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר זיבען, שרייט מיט גרויס שמחה: „מאַמאַ, זעה, וואָס איך האָב געבראַכט! זעה, מאַמאַ טייערע!"

אַלע קינדער האָבען זיך אויפגעהאַפּט פון זייערע פּלע־

צער, און אין שטוב איז אַריינגעלאָפען ענִי מיט פערפלאָמ־
טע בעקעלעך. אין די הענט האָט זי געהאַלטען אַ קליין
שוואַרץ הינטעלע מיט גלאַטע האָר ווי סאַמעט, און מיט אַ
פּאָר שעהנע קלוגע אויגען. ווילי האָט געגעבען אַ שפּרונג
און האָט איבערגעקעהרט זיין קאַרטען־הויז. הערען האָט
שוין פערגעסען איהר געליבטע פּרינצעסע און האָט געטאַנצט
לעבען הינטעלע מיט פרייד. די מאַמע האָט אָבער געמאַכט
אַ בייזען פּנים און געהייסען באַלד דאָס הינטעל אַוועקטראָגען
צוריק. עס איז דאָ גענוג צו ראַמען און צו אַרבייטען אָהן אַ
הינטעל אין שטוב.

ענִי האָט אָנגעהויבען בעטען, הערען האָט זיך צוואויינט,
ווילי האָט צוגעזאָגט אַליין אַכטונג צו געבען אויפ׳ן נייעם
פריינד, און די גוטע מאַמאַ האָט ענדליך ניט געקענט ענט־
זאָגען — דאָס הינטעלע איז געבליבען אין שטוב.

שפּעטער ווי אַלע מאָל זיינען אין דער נאַכט די קינדער
געגאַנגען שלאָפען. מען האָט דעם גאַסט געקעמט, גע־
וואַשען, געגעבען מילך, געגעבען צוקער, געשפּילט זיך מיט
איהם, געטראָגען איהם אויף די הענט, געקושט, געקוואַ־
לען פון זיינע חכמות און געקריעגט זיך איבער איהם.

ענדליך האָט מען איהם אָנגעהויבען צוקלייבען אַ נאָמען.
הערען האָט פאָרגעלעגט פּרינץ. דער קליינער מיוחס איז
געלעגען אויף דער זיידענער קאָלדרע לעבען דער פּרינצע־
סע. ווילי האָט געזאָגט: „קוראָפּאַטקין!“ דער גאַסט האָט
זיך ניט געריהרט פון אָרט. האָט ענִי אַ געשריי געטאָן:
„אָיאַמאַ!“ דאָ האָט זיך דער שטיפער אַ חאַפּ געטאָן פון
אָרט, געגעבען אַ שלעפּ מיט זיינע קליינע ציינדלעך דעם
זיידענעם צודעק און האָט אָנגעהויבען מאַכען קונצען. הע־
לען האָט זיך געהאַלטען ביי די זייטען לאַכענדיג. ווילי
האָט געטאָפּעט מיט די פיס פון פרייד, און ענִי האָט גע־
פּאַטשט: בראַוואָ! און אַלע האָבען געשריען: אָיאַמאַ!
אָיאַמאַ! אָיאַמאַ!

דער זייגער שלאָגט ניין. אָיאַמאַ שלאָפט ווי אַ פּרינץ
אויף דער זיידענער קאָלדרע. די פּרינצעסין קוקט אויף

איהם מיט איהרע צוויי קאַלטע גלעזערנע אויגען. און די קינדער זאָגען שטיל: „גוט־נאַכט, אָיאַמאַ, גוט־נאַכט!“

ב.

עס איז אַוועק דריי וואָכען.

אָיאַמאַ לעבט אין נחת און אין פריידען. עס איז איהם ווארים און גוט. ער עסט פון דאָס בעסטע און טרינקט פון דאָס שעהנסטע. ער איז געוואָרען פעט און קיילעכדיג. ער האָט קיין זאָרג און איז אַ גוטער ברודער מיט אַלע קינדער, און איז זייער ליבלינג.

נאָר די מאַמע איז מיט אָיאַמאַ ניט צופרידען. ער פלאָנטערט זיך איהר אונטער די פיס, חאַפּט זיך אָן מיט די צייהן און שלעפּט זיך נאָך, ווען עס ליעגט גאָרניט אין זינען מיט איהם צו שטיפען. ער שלעפּט דאָס טישטוך אַראָפּ פון טיש און ברעכט גלעזער און שאָלען.

איינמאָל ביינאכט זאָגט די מאַמע צום עלטערען זוהן: „דייווי, נעהם די קאַר און פערפיהר אָיאַמאַ'ן אַזוי וויט, אַז ער זאָל ניט קענען קומען צוריק.“

עני בעט, ווילי טענה'ט, העלען וויינט — עס העלפט קיין זאַך ניט. דייווי טוט אָן זיין אויבער־ראָק, וויקעלט איין אָיאַמאַ'ן אין אַ שוואַרצען טיכעל און געהט... אָיאַמאַ פיהלט קיין זאַך, פרעהליך און זאָרגלאָז שפּילט ער זיך מיט זיין אַלטען בעקאַנטען דייווי.

די קינדער זעהען, אַז די מאַמע האַלט זיך ביי איהר וואָרט, און אַז די שטונדע פון צושיידען זיך איז געקומען. זיצען זיי שטיל און טרויעריג און בעטראַכטען זייער גע־ליבטען אָיאַמאַ צום לעצטען מאָל. ווען אָבער דייווי געהט ־רויס, און די טיר גיט אַ קלאַפּ נאָך איהם, צוואויינט זיך עני אויפ'ן קול, ווילי מאַכט אַ בייז פּנים, און העלען דריקט צו זיך די פּרינצעסע, און פון איהר אויג פאַלט אַראָפּ אַ גרויסע, קלאָרע טרער.

ג.

„איסטערן פּאַרקוועי“ האָט זיך גערופען די גאַס, אויף וועלכער דייווי האָט אַרויסגעוואָרפען אָיאַמאַ'ן און איז ענט־

לאָפּען. עס איז אַ ברייטע גאַס מיט גרויסע בוימער פון ביי־דע זייטען, און אין מיטען שטעהט אויף אַ הויכען פונדאַ־מענט אַ מאָנומענט פון גענעראַל סלאָקום: אַ בעגולדעטער גענעראַל אויף אַ בעגולדעטען פערד.

עס איז געווען אַ פינסטערע קאַלטע נאַכט. אַ שטאַר־קער ווינט האָט געבלאָזען, און שווערע שווארצע וואָלקענס האָבען בעדעקט די הימלען. איאַמאַ איז געבליבען אַליין... אַ דערשראָקענער, אַ דערפראָרענער איז ער געלאָפען אין אַלע זייטען. ער האָט אָנגעשמעקט דייווי׳ס טריט, און האָט זיך געלאָזט לויפען. ווען ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, אַז אַלע זיינע האָפנונגען זיינען אומזיסטע, האָט ער אָנגעהויבען וויינען אַזוי ווי אַ קינד. נאָכדעם האָט ער בעשלאָסען צו זוכען זיך נייע פריינד, און ווער עס פלעגט פאַרבייגעהן, פלעגט ער נאָכלויפען, וויינען און בעטען. אָבער ער האָט עטליכע מאָל געקראָגען אַ בריק מיט׳ן פוס.

לאַנג האָט איאַמאַ אומגעוואַנדערט אין דער פינסטער־ענדליך, אַ פערפרוירענער, אַ הונגעריגער, אַ דערשראָקענער איז ער צוגעקראָכען צו די טרעפּ, אויף וועלכע עס איז גע־שטאַנען דער בעגולדעטער גענעראַל מיט׳ן פערד, האָט אַני־דערגעלעגט זיין קעפּעל אויפ׳ן קאַלטען שטיין און צוגעמאַכט זיינע אויגען. זיין יונג קערפּערל האָט יעדע ווילע געגע־בען אַ ציטער, און זיינע אויגען זיינען געווען פול מיט טרע־רען.

שפּעט ביינאַכט איז אַ שיכור׳ער טרעמפּ געגאַנגען מיט איסטערן פּאַרקוועי צו פּראָספּעקט פּאַרק, וואו ער האָט גע־האָפט צו געפינען פּאַר זיך אַ לעדיגע באַנק צו שלאָפען. זיי־נע קליידער זיינען געווען אַלט און צוריסען, זיינע שטיוועל אויסגעטראָטען, און ער האָט געציטערט פאַר קעלט.

לעבען גענעראַל׳ס מאָנומענט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, האָט זיך אָנגעבויגען און בעמערקט דעם עלענדען איאַמאַ. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזען צו איהם, האָט איהם צוגעדריקט צו זיך, און איז געבליבען שטיל אויף די טרעפּ פון דעם מאָ־נומענט.

די בוימער האָבען גערוישט. דער שטאַרקער ווינט האָט

דורכגעריסען די וואָלקענס, און די לבנה האָט בעלויכטען די ביידע היימלאָזע אַרויסגעוואָרפענע טרעמפּס, וועלכע האָבען געשלאָפען אונטער דעם בעגולדטען מאָנומענט מיט אַ שווע־רען אומרוהיגען שלאָף...

יעקב גאָרדין.

אָ י אַ מ אַ א ו ן ק ו ר אָ פּ אַ ט ק י ן — דאָס דאָזיגע מעשה'לע איז געשריבען גלייך נאָכ'ן רוסיש־יאַפּאַנעזישען קריעג. אָיאַמאַ איז גע־ווען דער יאַפּאַנעזישער העלד און קוראָפּאַטקין — דער רוסישער. ק אָ ל ד־ ר ע — דעקע. מ י ו ח ס — אַ פּריווילעגירטע פּערזאָן, דער שטאָלץ פון זיין קרייז; איינער וואָס קומט אַרויס פון אַ געהויבענע משפּחה. ש אָ ל .Saucer

76. אַ גלות־מאַרש

מיט דעם וואַנדערשטאַב אין האַנט,
אָהן אַ היים און אָהן אַ לאַנד;
אָהן אַ גואל, אָהן אַ פריינד,
אָהן אַ מאָרגען, אָהן אַ היינט, —
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט,
וואו גענעכטיגט, ניט געטאָגט,
אימער וועה, וועה, וועה,
אימער געה, געה, געה,
אימער שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן,
כל־זמן כח איז פאַראַן.

און אַזוי, אַ, יאָהר נאָך יאָהר,
און אַזוי, אַ, דור נאָך דור,
אָהן אַ האָפנונג, אָהן אַ צוועק,
איינגעהילט אין גרויל און שרעק,
וואַנדלען מיר ווילד־אויס, ווילד־איין
פון יסורים נאָר צו פּיין.
אימער טרעט, טרעט, טרעט,
אימער בעט, בעט, בעט,

אימער נויט, נויט, נויט,
און קיין גליק זאָגאָר צום טויט.

מאָררים ראָזענפעלד.

ש ט אָ ב — שטעקען. ג ו א ל — אַ בעשיצער, אויסלייזער. אָ ה ן אַ ג ו א ל, אָ ה ן אַ פ ר י י נ ד — גאַנץ עלענד, אָהן שוץ, ניט האָבענדיג, וועמ עס זאָל זיך אָננעהמען. ד ו ל ד ע ן — אַריבערטראָגען עמיצען געגען דעם אייגענעם ווילען. כ ל ־ ז מ ן — אַזוי לאַנג ווי. ג ר ו י ל — שרעק. ו ו י ל ד ־ א ו י ס ו ו י ל ד ־ א י י ן — פון איין וויסטעניש אין דער צווייטער.

77. דער בית־המקדש

ווער ס׳האָט ניט געזעהן ירושלים אין איהר גלאַנץ — האָט אויף זיין לעבען קיין פּראַכטפולע שטאָדט ניט געזעהן. ווער ס׳האָט נישט געזעהן דעם בית־המקדש אויף זיין פּלאַץ — האָט אויף זיין לעבען קיין וואונדער־שעהנע געביידע ניט געזעהן.

פון הינטען שמאָל און פון פאָרענט ברייט — האָט דער טעמפּעל אויף דעם באַרג מוריה פון ווייטען אויסגעזעהן ווי אַ לייב וואָס האָט זיך מאַיעסטעטיש צולעגט אויף זיין לאַגער־פּלאַץ. אינ׳ם גאָלד פון די טיר און טויערען האָבען זיך אָפּגעשפּיגעלט די זונען־שטראַלען, און זייער הייליגער גלאַנץ האָט געוואָרפען אַן אָפּשיין איבער דער גאַנצער שטאָדט.

אַלע טויערען פון בית־המקדש, וואָס זיינען לכתחילה געמאַכט געוועזען פון קופּער, זיינען שפּעטער איבערגעמאַכט געוואָרען אויף גאָלדענע, חוץ נקנור׳ם טויערען ווייל מיט זיי איז אַ נס געשעהן:

נקנור, דער גריכישער קריעגס־העלד, מיט וועמען די אידען האָבען מלחמה געהאַלטען און איהם בייגעקומען, האָט בעשטעלט די טויערען אין אַלכסנדריה של מצרים, און אַז ער האָט זיי פון דאָרט געפיהרט, איז אויפגעשטאַנען אַ שרעקליכער שטורעם־ווינט אויף צו דערטרונקען ווערען. האָט מען איין טויער אַריינגעוואָרפען אין ים — און דער שטורעם איז ניט געשטילט געוואָרען, האָט מען געוואָלט דעם אַנדערען

אריינוואַרפֿען — האָט נקנור זיך אָנגעהאַנגען אָן טויער און געזאָגט: וואַרפֿט מיך אַריין מיט איהם אינאיינעם — איז באַלד דער שטורעם געשטילט געוואָרען. האָט איהם אָבער נאָך באַנג געטאָן אויף יענעם טויער וואָס איז פֿערלוירען געגאַנגען. נאָר ווי מען איז געקומען צום האַפֿען פֿון עכו, האָט מען דערזעהן, ווי דער אַרויסגעוואָרפֿענער טויער שווימט אַרויס פֿון אונטער׳ן שיף.

די דאָזיגע פּאָר טויערען זיינען געווען אויסגעגאָסען פֿון איין שטיק קופּער און בלאַנק געשליפֿען און אַז די זון האָט אָנטקעגען זיי געשיינט, האָבען זיי געגלאַנצט ווי גאָלד.

ביים טיר פֿון היכל, איז געשטאַנען אַ גאָלדענער וויינשטאָק, און ווער ס׳האָט געוואָלט, פֿלעגט שענקען אַ גאָלדען בלאַט, אַ טרויב אָדער אַ הענגעל און אָנהענגען אויפ׳ן וויינשטאָק.

איינמאָל האָט מען גדאַרפֿט אַפּרוימען דעם פּלאַץ, זענען זיך צונויפֿגעקומען דריי הונדערט כהנים, און זיי האָבען קוים דעם וויינשטאָק פֿון אָרט גערירט.

דער פּרוכת האָט געהאַלטען פֿערציג איילען די לענג, צוואַנציג איילען די ברייט און אַ טפח די דיק. געוועבט האָט מען איהם אויף אַ וועב־שטול פֿון צוויי־און־זיבעציג פֿאַכען. יעדער פֿאָדים געדרעהט פֿון פֿיער־און־צוואַנציג שטיק דינע גאָרען. אַזעלכע פּרוכת׳ען פֿלעגט מען מאַכען צו צוויי יאָהר, און אַז מען פֿלעגט זיי דאַרפֿען טובל זיין אין וואַסער, פֿלעגען זיי דריי הונדערט כהנים דאַרפֿען טראָגען.

אַ פֿלייט איז געווען אין בית־המקדש נאָך פֿון משה רבינו׳ס צייטען, גלאַט און דין, אויסגעשניצט פֿון רעהר־האָלץ.

איינמאָל האָט דער מלך געהייסען, מען זאָל זי בעדעקען מיט גאָלד, האָט זי פֿערלאָזען איהר זיס קול. האָט מען דאָס גאָלד אַראָפּגענומען — איז דאָס קול געוואָרען ווידער זיס ווי פֿריהער.

אָן אָרגעל איז געווען אין בית־המקדש מיט צעהן לעכלעך, יעדע לאָך האָט אַרויסגעלאָזען צעהן נגונים, צוזאַמען — הונדערט לידער.

אַ קוואַל איז אַרויסגעגאַנגען פֿון אונטער׳ן טעמפּעל,

פונ׳ם קדשי־קדשים. ביים אָנהויב האָט ער אויסגעזעהן ווי די דינע הערנערלעך פון אַ היישעריק, ביי דער טיר פונ׳ם אינוועניגסטען טעמפּעל־צימער האָט ער שוין אויסגעזעהן ווי דער אויפצוג־פאָדים אין געוועב, ווייטער, ביי דער טיר פון פאָרצימער, עטוואָס דיקער, ווי דער אַנשום־פאָדים, נאָך ווייטער, ביי דער טיר פונ׳ם הייליגען הויף, האָט דער שטראָם זיך שוין געשנירעלט ווי פון אַ העלזעל פון אַ פלאַש אַרויס. וואָס ווייטער האָט ער אַלץ שטאַרקער און ברייטער געשטראָמט, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער טיר פון בית־דוד און דאָרט זיך שוין פערוואַנדעלט אין אַ פליסענדיגען טייך, אין וועלכען דער עולם פלעגט געהן זיך טובל זיין.

פון די „אידישע אַגדות“.

מאַיעסטעטיש — קעניגליך. **לכתחילה** — פון אָנפאַנג, צוערשט. **באַנג טאָן** — פערדריסען. **היכל** — דער הויפּט־זאַל פון בית־המקדש. **פרוכת** — דער פאָרהאַנג איבער׳ן אָרון־קודש. **טפח** — פיער פינגער (די דיק). **פאַד** — אָפּטיילונג. **גאָרען** (גאַרן) — פאָדים. **קדשי־קדשים** — דאָס הייליגסטע צימער אין דעם בית־המקדש. **אויפצוג און אַנשום** — די לענג און די ברייט אין אַ געוועב.

78. צום מלוה

אם כסף תלוה.

ווען דיין ברודער, אַ געדריקטער,
איינגעהויקערט, איינגעבויגען ;
מיט אַ דאַרען, בלאַסען פנים,
מיט פערוויינטע, רויטע אויגען,

קומט צו דיר אָן עפּעס לייהען
פאַר זיין הויזגעזינד אויף ברויט :
זיי זשע, מלוה, ניט קיין מערדער,
שינד פון איהם ניט אָפּ די הויט !

װען עס װעט די נויט איהם צװינגען,
װי עס טרעפט אין בייזען לעבען,
דיר, אַ מלוה, אַלס אַ משכון
ס׳לעצטע בגד אַװעקגעבען, —

זאָלסטו נאָר דאָס בגד האַלטען
ביז די זון װעט אונטערקומען,
דען דאָס בגד איז זיין קאָלדרע,
און דו האָסט עס צוגענומען.

אָ, זיין איינציג לעצטען בגד,
זאָלסט איהם, מלוה, װידערקעהרען;
ביינאַכט װעט ער צו מיר װיינען,
כ׳װעל ניט שװייגען זיינע טרערען...

(פון חומש) אברהם רייזען.

משכון — אַ זאַך (חפץ), װאָס דער מלוה נעהמט, אום זיכער צו זיין מיט זיין געלט.

79. נויאָרק שטעהט אויף

גאַנץ פריה.

דער גרויסער ריז נויאָרק האָט זיך דורכגעװאָרפען אין שלאָף און האָט געמיינט, אַז עס איז נאָך צו פריה, און געװאָלט צוריק איינשלאָפען. האָט זיך אָבער באַלד דערהערט אַ פייפען, אַ ברומען, װי עס װאָלטען אויף די דעכער, אויף די טורעמס װילד־צורייצטע לייבען אָנגעלאָפען, — האָט דער ריז אַ ברייטען געגעץ געגעבען און זיך אויפגעכאַפּט.

אין מזרח־זייט האָט זיך דער מאָרגען אין רויטען געצונדען, און אַ יונגער, אַ צופרידענער האָט דער מאָרגען גענומען פראַלען איבער נויאָרק.

די גאַסען זיינען נאָך געװען אין האַלב־פערשלאָפענע שאָטענס פערזונקען. נאָר די טויזענטער דעכער און די אויבערשטע עטאַזשען, װאָס אונטער די דעכער פון די ריזיגע הויכע געביידעס, האָבען שוין מיט ליכט געשיינט און זייערע

דוד איגנאַטאָוו

הונדערטער פּענסטער האָבען זיך שוין מיט זון־פלאַם געשפּיגעלט.

פון די הויכע קוימענס האָבען זיך גענומען שפּאַרען דיקע, שוואַרצע זיילען רויך, און אַ לייכט ווינטעל האָט זיי גענומען בויגען און ציהען איבער די לאַנגע הימעל־לאָנקעס, וואָס שפּרייטען זיך איבער די הויכע, לאַנגע גאַסען.

דוד איגנאַטאָוו.

פּראַלען — שפּאַנען, רייסען זיך. עטאַזש — שטאָק, גאָרען.

80. דער געטאָ־בוים

אין האַרץ פון נויאָרק'ס געטאָ,
אין ענגשאַפט און אין קאָך,
דאָרט שטעהט אַ בוים אַן אַלטער,
און זיפצעט וועה און אָך.

ער קוקט זיך אום פערוואונדערט
און רעדט אַליין צו זיך:
ווי עלענד און פערלאָזען,
ווי אומגליקליך בין איך!

נאָר מוטנע גאַסען זעה איך
און הער אַ מאָדנעם גוואַלד, —
וואו זייט איהר, אַלטע פייגעל?
וואו ביסטו אַלטער וואַלד?

וואו זייט איהר, ווינטלעך פרישע?
אָ, קומט, דערלאַנגט אַ שטיף!
וואו ביסטו, ריינער הימעל,
פערקלערט און בלוי, און טיף?

וואו זייט איהר, שטאַרקע ריזען?
וואָס יאָגט איהר ניט פאַרביי
אויף איי'רע פערד די פלינקע
מיט מונט'רע פייפערייי?

מאָררים ראָזענפעלד.

ג ע ט אָ — דער אידישער קוואַרטאַל (אַן אָפּגעצאַמטער פּלאַץ פאַר די אידען אַמאָל אין איטאַליען, אויסער וועלכען זיי האָבען ניט געטאָרט וואוינען). מ ו ט נ ע — אומעטיג, טריב; ניט ריין. פ ע ר ק ל ע ר ט — פערטראַכט.

81. ירמיהו הנביא

אַז ירמיהו הנביא איז אין ירושלים געקומען און האָט דערזעהן, אַז דער בית־המקדש איז חרוב, און די אידען זיינען אין גלות פערטריבען געוואָרען, האָט ער פאַר צער די האָר פון קאָפּ געריסען און אויסגערופען: „מיט וואָס פאַר אַ וועג זיינען די אומגליקליכע אַוועק, כ'וועל מיט זיי אין גלות געהן און צוזאַמען טיילען זייער ביטערען גורל!"

ירמיהו איז געגאַנגען זוכען זיינע פערוואָגעלטע ברי־

ירמיהו הנביא אויף די חורבות פון ירושלים — עד. בענדעמאַן

דער. די וועגען זיינען ווײסט געווען און מיט דאָס בלוט פֿון די געטויטעטע אידען פֿאַרגאָסען.

אַז ירמיהו האָט אויפ'ן וועג דערקענט די טריט פֿון די יונגע קינדער, וואָס זיינען אין גלות געפֿיהרט געוואָרען, איז ער צו דער ערד געפֿאַלען, געקושט זייערע טריט און בעגאָסען עם מיט טרערען. אַז ער האָט זיי דערזעהן, איז ער זיי אויפ'ן האַלז געפֿאַלען, געקושט און אויסגערופֿען: „טייערע ציונ'ס קינדער, אויפ'ן וואָג פֿון גינגאָלד געוואויגענע, ווי אַזוי זענט איהר צו ליימענע שערבלעך געוואָרען?"

פֿאַרביי האָט מען געפֿיהרט פֿיעל אידען, אַלטע און יונגע, געשמידט אין אייזערנע קייטען. ירמיהו האָט זיין גרויען קאָפּ געבויגען און די קייטען זיך אויפ'ן האַלז געלעגט. נבוזראַדן, דער שעכטמייסטער ביים מלך בבל, האָט איהם אָבער פֿון די קייטען בעפֿרייט. אַזוי איז ירמיהו מיט די אידען אין גלות געגאַנגען. אַז זיי זיינען צוגעקומען צו דעם טייך פרת, האָט ירמיהו געזאָגט: „אַז איך וועל מיט זיי אין גלות געהן, ווער וועט טרייסטען מיינע ברידער, וואָס זיינען אויף די חורבות פֿון ירושלים געבליבען?" האָט ער זיך פֿון זיי אָפּגעשיידט און געלאָזט זיך צוריק אין ירושלים געהן.

פֿון מדרש („אונזער נייע שול")

ג ו ר ל — שיקזאַל, לאָגע.

82. דער למדן־װאָנ'יק

אין דער באָד־גאָס עק פֿון שטעדטעל,
אין אַ קעלער־שטוב אַ נאַסער,
האָט געוואוינט אַ איד אַן אַלטער,
און געלעבט פֿון טראָגען וואַסער.

פֿלעג זיין ברויט בזעת־אַפּו
און מיט שווערער מיה פֿערדיענען,
שלעפּענדיג די פֿולע עמערס
שפּעט אין נאַכט און פֿריה בעגינען.

איז געגאַנגען קרוע־בלוע,
ניט געהאַט אַ גאַנצען פּאָדים,
און די נאַקעט־דאַרע ביינער
פלעגען סטאַרטשען דורך די בגדים.

און געוועזען קראַנק, אַ חלוש,
קוים געקענט די נאַסטשעס טראָגען —
דאָך אַ קוויקונג איז געוועזען
הערען איהם „גוט־מאָרגען“ זאָגען.

אַזאַ זיסקייט, אַזאַ מילדקייט,
אַזאַ פרעהליכער בטחון,
אַזאַ שבת־אויפגעראַמטקייט
אין אַ מיטען אינדערוואָכען.

קיינער ניט געוואוסט אין שטעדטעל
האָט דעם וואַסער־טרעגער׳ס יחוס,
קיינער ניט די מיה גענומען,
רעדען ווען מיט איהם באַריכות.

איין פריהמאָרגען אין זיין קעלער,
אויף אַ שטיינערנעם געלעגער
איינגעקאָרטשעט, האָבען שכנים,
טויט דערוויסט דעם וואַסער־טרעגער.

בלויז אַ הויפען דאַרע ביינער,
צוגעדעקט מיט שמאַטעס אַלטע...
דאָך דער זיסער צדיק־שמייכעל
אויף די ליפּען אויף די קאַלטע.

זיך צואווינט אין מיטען שיעור
האָט דער גרויסער רב הושיע,
האָט בעפוילען די תלמידים,
נאָך דעם טויטען רייסען קריעה.

דען ענטפּלעקט געוואָרען פּלוצלונג
אין געהיים דעם אַלטען רב איז,
אַז געוועזן דער וואַסער־טרעגער
איינער פון די למד־וואָו איז.

יהואָש.

ל מ ד ־ ו א ו — די זעקס־און־דרייסיג צדיקים, אויף וועלכע די וועלט האַלט זיך (אַ אידישע לעגענדע דערצעהלט, אַז אַזעלכע פרומע לייט געפינען זיך אין יעדען דור, נאָר זיי לאָזען זיך ניט דערקענען). ב אָ ד ־ ג אַ ס — דאָס געסעל אין אידישע שטעדטלעך, וואו די באָד (מרחץ) געפינט זיך. ב ז ע ת ־ אַ פּ ו — מיט׳ן שווייס פון זיין פּנים. ב ע ג י נ ע ן — זעהר פריה, ווען עס הויבט אָן צו שיינען אויף טאָג. ק ו ו ע ־ ב ל ו ע — אָפּגעריסען אָפּגעשליסען. ס ט אַ ר ט ־ ש ע ן — אַרויסקוקען, אַרויסשטעקען. ח ל ו ש — אַ שוואַכער אין געזונד. נ אַ ס ט ש ע ס — אַ פ ל אָ ק ע ן (Beam) וואָס מען טראָגט אויף דער פּלייצע און פון ביידע זייטען טשעפּעט־מען אויף איהם אָן צו עמער וואַסער. ב ט ח ו ן — די זאָרגלאָזיגקייט וואָס קומט פון פערלאָזען זיך אויף גאָט. י ח ו ס — אָפּשטאַמונג. ב א ר י כ ו ת — לאַנג, מיט מעהר איינצעלהייטען. ש י ע ו ר — אַ לעקציע, אַ בעשטימטער טייל אין תלמוד, וואָס ווערט געזאָגט (פאָר־געטראָגען) יעדען טאָג פאַר תלמידים. ר י י ס ע ן ק ר י ע ה — צורייסען די קליידער אַלס צייכען פון טרויער נאָך אַ טויטען. ע נ ט ־ פּ ל ע ק ע ן — לאָזען וויסען, אויפדעקען (אַ סוד).

83. צו סליחות

עס געהט דער אַלטער שמש פון׳ם אַלטען בית־מדרש אין די פינסטערע נאַכט אַרויס, האַלט די אָנגעצונדענע לאַנטערנע גענגען פּנים, וועלכע בעלייכט זיין לאַנגע, ווייסע באָרד, און ער זוכט דעם וועג צו די אידישע הייזער.

אַן אומעטיגער רוישען פון די בוימער טראָגט זיך פון׳ם וואַלד דורך דער פינסטערניש. דער שמש שטעלט זיך אָפּ לעבען אַ הויז, קלאַפּט אָן אין די לאָדענס און שרייט אויס מיט אַ קול, ווי פון יענער וועלט :

לעאָן קאָברין

„שטעהט אויף צו סלי־חות! שטעהט אויף צו סלי־חות!"

געהט פון דעם הויז צו אַ צווייטען, צו אַ דריטען, קלאַפּט און רופט צו גאָט מיט זיין אומהיימליך קול אין דער פינסטערער נאַכט.

און עס בעווייזען זיך פייערלעך אין די פינסטערע פענסטער, און אַ שליאָפּען פון באָרוועסע פיס דערהערט זיך פון די הייזער, און אַ הוסטען. און שפּעטער אַ וויילע, ווען דעם שמש'ס קול טראָגט זיך אויף אַ צווייטער גאַס, טרעטען אַרויס פון די אידישע הייזער טונקעלע שאָטענס, אי גרעסערע, אי קלענערע, מיט לאַנטערנעס און בעוועגען זיך מיט פערשלאָפענע טריט, מיט אַ הוסטען און זיפצען, צום בית מדרש, וועלכער שטעהט איצט אין גאַנצען בעלויכטען מיט אַ מין הייליגען שיין אין מיטען דער אַרומיגער פינסטערניש.

און אָט הילכט די פינסטערע נאַכט מיט איין צונויפּ־

געגאָסענעם געשריי פון אידישע טאַטעס און קינדער, וואָס רייסט זיך פונ׳ם בית־מדרש אַרוים מיט אַ זיפצען און קרעכצען.

לעאָן קאָברין.

לאָדען — Shutters. אומהיימליך — וואָס וואַרפט אָן אַ שטילע מורא.

84. אַן אלול־טאָג

אַ טאָג איז געווען זעהר אַ שעהנער, ווי עס גיט זיך אוים אַמאָל אין אלול, איינער פון די געשענקטע טעג.

נאָך גאַנץ פריה האָט פון איהר געצעלט דאָרט ביים עק הימעל אַרויסגעשיינט די זון מיט איהר ליכטיג פנים, און צוטרייבענדיג ביסלעכווייז דעם פריש־קיהלבליכען טומאַן, זיך געשפּיגעלט אין טוי־טראָפּענס, וואָס האָבען געפינקעלט, געשפּילט אין אַלערליי קאָלירען ווי די בריליאַנטען. די שאָטענס רוקען זיך מיט דרך־ארץ טריט־ביי־טריט אַלץ צוריק, און וואָס ווייטער, ווייטער ווערט העלער און העלער.

פרעהליך סווישטשען די וואָראָביטשיקעס, אונטערשפּרינגענדיג מיט די דינע פיסלעך אויף די דעכער, אויף די פּליימען. דאָם — צונויפלויפען זיי זיך פּעקלעכווייז אינאיינעם; עפּעס אַמפּערט מען זיך איבער אַ קערענדעל; עפּעס שמועסט דאָ קהל איבער וועגען זייערם אַ וויכטיגע זאַך; און דאָס צולויפען זיי זיך אין בעזונדערע פּאָרלעך, טאַנצענדיג איטליכער אַקעגען זיין בעשערטער, וויטען זיך, האַלזען זיך, ליובען זיך, פלאַטערן מיט די פליגעלעך — און פּיק, פּיק אין קעפּעל.

מענדעלי מוכר־ספרים.

קיהלבליך — עטוואָס קיהל. דרך־ארץ — רעספּעקט, אַכטונג. מיט דרך־ארץ — געלאַסען, רוהיג, ערנסט. וואָראָביטשיק — שפּערלינג. פּליוט — צאָם, פּאַרקאַן. קהל — געמיינדע, Community. בעשערטע — ווייב. וויטען זיך — גריסען זיך מיט דרך־ארץ. ליובען זיך — צערטלען זיך.

85. אלול־ליד

דער בעל־תקיעה גיט אַ בלאָז ;
עס פֿאַלט אַ טריבעס וועטער,
עס וועלקט אין פֿעלד דאָס יונגע גראָז,
דער בוים פֿערלירט די בלעטער.

די ערד שטעהט הויל און נאַקעט באַלד,
אַ סוף איז צו איהר יחוס ;
דער פֿויגעל זינגט אין גרויסען וואַלד
און וועקט און רופֿט צו סליחות.

ער זינגט אי אומעטיג, אי זיס :
אַ ג'זעגען־ליעד מסתמא ;
דאָס גיט אַ נעהם, דאָס גיט אַ ריס,
אַ ריס ביי דער נשמה !

עס רוישט דער וואַלד, עס וועהט דער ווינט,
די האַק קוקט אָן דעם שומר ;
דאָס קומט אַ יום־הדין אַצינד
אויף ביימלעך און אויף ביימער.

מאָררים ראָזענפֿעלד.

ב ע ל ־ ת ק י ע ה — דער וואָס בלאָזט שופֿר ראש השנה אין שוהל. י ח ו ס — שטאַלץ, גרויסקייט. י ו ם ־ ה ד י ן — דער טאָג פֿון הימלישען געריכט ; ראש השנה.

86. ימים־נוראים

די עלטערע אינגלעך זיינען פֿרימער געוואָרען אין דער דאָזיגער צייט, האָבען געדאַווענט מיט מעהר כונה און זיך געהיט פֿאַר עבירות. בעזונדערס האָבען זיי זיך אָפּגעהיט פֿאַר אַזוינע עבירות, וואָס פֿאַר זיי האָט כרת־יאָהרען געקומט.

שטעהט אַ אינגעלע און דאַווענט. דאָס אינגעלע איז אַ יאָהר צעהן אַלט, בלייך און מאָגער, אין פֿערלאָטעטע הויזען.

ער האַלט אַ סידור אין די הענט און דאַווענט מיט כונה הויך אויפ׳ן קול.

קומט אַריין זיין מאַמע פון דרויסען, פערהאַוועט, מיט אַ קערבעלע אין די הענט, מיט אַ פאַטשיילע איבער די אַקס־לען און אַ טיכעל אויפ׳ן קאָפּ. זי טוט אַ שטעל דאָס קערבעלע אויפ׳ן טיש און הויבט אָן אַרויסצולעגען פון דאָרט לעקעכ־לעך, צעהלט זיי מיט אַ שעפּטשען. איבערגעצעהלט, לעגט זי זיי צוריק אוים אין דאָס קערבעלע און קוקט זיך אומרוהיג אַרום אויף איהרע קלענערע קינדער, וואָס שלאָפען נאָך: איינס אין אַ וויגעל און צוויי אויף אַ קאַנאַפּע. זי דאַרף לויפען אויפ׳ן מאַרק, אַרויסשטעלען איהר טישעל.

זי געהט צו צו די שלאָפעדיגע קינדער, גלעט זיי און וועקט זיי:

— קינדערלעך, שטעהט אויף! אַ גוטינקען, גוטינקען יאָהר זאָלט איהר האָבען, פייגעלעך מיינע, איך פערשפּעטיג איבער אייך...

און בעת זי איז דאָרט פערנומען מיט די קלענערע קינ־דער, דאַווענט דערווייל דאָס עלטסטע אינגעל פון דעם סידור און חאַפּט יעדע ווײַלע אַ קוק אויף די לעקעכלעך אין דעם קער־בעל... זיי ציהען איהם צו זיך און טומלען זיין מוח.

אין זיין קליין הערצעלע שלאָגען זיך אַרום דער יצר הרע און דער יצר טוב. „אַזוי געשמאַק! נעהם!“ — טענה׳ט דער יצר הרע. „מען טאָר ניט, דאָס איז גנבה. אַזאַ׳נ׳עבירה פאַר ראש השנה און יום־כיפור!“ — ענטפערט דער יצר טוב. און דאָס אינגעל שטעלט זיך מיט׳ן רוקען צום קערבעלע, מאַכט צו די אויגען און דאַווענט העכער. „דו וועסט דער־נאָך זאָגען דער מאַמען, וועסט ביי איהר מחילה בעטען. אַזוי געשמאַק, אַזוי זיס!“ — לאָזט איהם ניט אָפּ דער יצר הרע.

ער גנב׳עט זיך צו הינטערווײַלעכס צום טיש, די אויגען אויף דער מאַמען אויסגעשטעלט מיט מורא, טאַפּט אָן פון הינטען אַרום אַ לעקעכעל אין קערבעלע, שלעפּט עס פאַרזיכ־טיג אַרויס און בעהאַלט עס פלינק אונטער׳ן אַרבע־כנפות. ער דאַווענט ווײַטער, אָבער שוין צוטומעלט, נישט מיט אַזאַ כונה ווי פריהער.

די מאַמע מיט'ן קערבעל איז אַוועק. דאָס אינגעל האָט אָפּגעדאַוונט, איז אַרויס מיט'ן לעקעכעל אויף דער גאַס. ער געהט אין חדר. ער געהט און טראַכט. עסען, צי ניט? יאָ עסען! נישט עסען! אַזוי געשמאַק! אָבער אַזאַ'נ־עבירה! צו־להכעיס דעם יצר הרע וועט ער נישט עסען, אָט דוקא ניט! אַזוי געשמאַק, אַזוי זיס! איך'ל דערצעהלען דער מאַמען: „מאַמע, איך האָב אַ לעקעכעל גענומען...״ גע־נומען? גע'גנב'עט! גע'גנב'עט! — האָט ער זיך גענומען בייזערן אויף זיך אַליין אין די מחשבות. — דאָס איז גנבה! פאַר ראש השנה און יום כיפור!...

ער דערזעהט פלוצים זיינעם אַ חבר, וואָס געהט מיט איהם אין איין חדר — שלמה'קעלע די ווילדע בריאה. דער דאָזיגער שלמה'קעלע איז טאַקע אַ ווילדע בריאה. וואו אַ פאַרקאַן, דאָרט קריכט ער. דערזעהט ער אַ ציעג, מוז ער אויף איהר פאָהרען רייטענדיג. אויף אַ וואָגען מוז ער זיך אָנהענגען. אין בית־מדרש שלאָגט ער זיך תמיד מיט די אַנדערע קינדער און געהט שטענדיג אַרום מיט אַ צוריסען היטעל און צוקראַצט פנים. אָבער איצט, פאַר ימים נוראים, האַלט זיך שלמה'קעלע אויך גאָר אַנדערש, שטיל געוואָרען ווי אַ טויב.

— שלמה'קעלע, איך האָב אַ לעקעכעל!

— וואו?

—אָט דאָ!

— גיב אַ שטיקעלע!

— מען טאָר נישט...

— פאַרוואָס?

— מען טאָר נישט... איך האָב גענומען שטילינקערהייד...

— אוי! — טוט זיך שלמה'קעלע אַ חאַפּ — פאַר ראש השנה? גנב!

— נישט ביי אַ פרעמדען, ביי מיין מאַמען.

— אַלץ איינס אַ גנב... מען טאָר נישט. כרת־יאָהרען קומט דערפאַר, פרעג אַפּילו דעם רבי'ן. געה, גיב אַוועק צוריק!

— איך האָב אַליין געוואָלט געהן און אָפּגעבען צוריק. דערפאַר האָב איך דאָך דיר געזאָגט, אַז מען טאָר נישט...

— עפּעס אַ גוט לעקעכעל? — פרעגט מיט אַמאָל שלמה'קעלע — עס קאַרטשעט דיר עפּעס אויפצועסען איהם, חאַ? גיב אַ קוק טאָן!

— מען טאָר נישט! — טוט יענער אַ שאָקעל דעם קאָפּ, און לאָזט זיך שנעל לויפען צום מאַרק צו.

דאָרט שטעהט זיין מאַמע ביי איהר טישעל מיט לעקעכלעך, קאָנפעקטען און קוואַס. צוגעלאָפען צו איהר, שטעלט ער זיך אָפּ, שלעפּט אַרויס פון אונטער'ן ארבע־כנפות דאָס לעקעכעל, דערלאַנגט זיין מאַמען און קוקט נישט אויף איהר.

— וואו האָסט עס גענומען? — פרעגט זי איהם.

— גענומען... — שטאַמעלט ער, ציהט אויס דעם מאַגערן אָרים איבער'ן פּנים, רייבט די נאָז אָן איהם און חליפעט.

— וואָס וויינסטו?

— איך האָב גענומען פון דיין קאַשאָלקע — חליפּעט ער ווייטער, און זיין אויסגעצויגענער אָרים איז שוין געגען זיין שטערן, און ער קוקט פון אונטער איהם אויף זיין מאַמען מיט אַ פערקרימט פּנים און וואַרט אויף אַ פּאַטש.

די מאַמע אָבער פּאַטשט איהם נִיט. זי האָט איהם נאָר אויסגערעדט:

— נישט שעהן, זוהן מיינער, אַן עבירה, ערב ראש השנה.. איך וואָלט דיר אַליין געגעבען...

און די דאָזיגע גוטע רעד אָנשטאָט דעם פּאַטש, וואָס ער האָט ערוואַרט, האָבען איהם גאָר אינגאַנצען צונומען, און ער האָט זיך נאָך העכער צוואויינט, רחמנות'דיגער, מיט אמת'ער חרטה אין הארצען.

דאַן האָט איהם די מאַמע ביידע באַקען אַ גלעט געטאָן: „שאַ, שאַ, דו וועסט שוין דאָס ווייטער ניט טאָן“, אַריינגעשפּאַרט איהם דאָס לעקעכעל אין הענטעל און געזאָגט:

— נו, געה אין חדר, אַ זים יאָהר זאָלסטו האָבען!

און ער איז אַוועק פון איהר מיט שיינענדיגע אויגלעך. פאַר שמחה האָט ער אַזש גענומען פאַבריקעווען, ווי אַ יונג קעלבעל.

לעאָן קאָברין.

ימים־נוראים — די טעג פון שרעק; ראש־השנה און יום־כפור (און אויך די טעג פאַר דעם). כונה — פערטיפטקייט, ערנסטקייט. כרת־יאָהרען — (אָפּגעשניטענע) קורצע יאָהר, פריהצייטיגער טויט. פערהאַוועט — שטאַרק בעשעפטיגט. פאַטשיילע — אַ שאַל, אַ גרויסע טוך. קאַנאַפּע — סאָפע. יצר־הרע און יצר טוב — דער שלעכטער און גוטער מלאך (געדאַנק), וואָס לויט דער לעגענדע געפינען זיי זיך ביים מענשען אין האַרצען און רעדען איהם צו — דער ערשטער צו עבירות, דער צווייטער צו מצוות. מחילה — פערגעבונג. הינטערוויילעכס — אַהינטער. ארבע כנפות — אַ קליין טלית'ל, וואָס אַ אידיש קינד (אַ זכר) טראָגט שטענדיג אויפ'ן האַרצען. צו־להכעיס — ניט פאָלגענדיג, שטעלענדיג זיך אַנטקעגען. מחשבות — געדאַנקען. עס קאַרטשעט — עס גלוסט זיך, עס לאָזט ניט רוהען. קוואַס — אַ געטראַנק געמאַכט פון וואַסער און ברויט אָדער פון וואַסער און עפּעל, איינגעזויערט. חרטה — אַ געפיהל פון פערדרוס איבער עפּעס שלעכטס וואָס מען האָט געטאָן. — פּאַבריקעווען — לויפען לוסטיג, אונטערשפּרינגענדיג.

87. רחל'ס קבר

אויף די פעלדער פון בית לחם,
וואו דער וועג אין אפרת געהט,
שוין פון יאָהרען און פון דורות,
אויפגעבויט אַ קבר שטעהט.

און ווען אַלץ אַרום איז רוהיג,
און עס קומט אָן האַלבע נאַכט,
קומט אַרויס אַ פרויענצימער
פון דער קבר־גרוב פערטראַכט.

צו דעם טייך פון ירדן געהט זי,
קוקט זיך אויף די וועלען איין,



רחל'ס קבר

און פון איהרע שעהנע אויגען
דאָרטען פאַלט אַ טרער אַריין.

שטיל פליסט איין טרער נאָך דער צווייטער
אָהן אַ קרעכץ, אָהן יאָמערשטים,
פאַלט אַראָפּ אין ירדן־וואַסער
און צומישט זיך שטיל מיט איהם.

(פון העברעאיש) יהואָש.

88. סוכות־געדאַנקען מלחמה־צייט

סכות־צייט. קיהלע טעג. שטילע נעכט. קלאָרע, טיפע, בלויע הימלען!

עס וויל ניט אַרויס פון מיין מח דאָס קליינע היימישע שטעדטעל.

די זון שיינט, אָבער זי בריהט ניט. די לופט איז ריין, ווי אָפּגעוואַשען. די הייזער שטעהען אַרום גרויסען מאַרק און וואַרטען עפּעס אויף אַ גוטע בשורה. שפּינוועבס ציהט זיך צווישען בוימלעך אין די גערטנער און פלאַטערט מיט זיל־בערנע פעדים. יונגוואַרג געהט שפּאַצירען באַרג־אַרויף, אויף יענער זייט בריק, וואו עס שפּרייטען זיך די געלע בע־רוהיגטע פעלדער. און קומט די נאַכט, ווערט די גאַנצע וועלט פערוויקעלט אין אַ מילך־ווייסען גלאַנציגען שלייער. פון די סוכות לייכטען פלעמעלעך און עס הערען זיך לעבעדיגע שטימען.

די ליבע היים, די אַלטע היים! וואָס איז איצט פון איהר געוואָרען אין די טעג פון שרעק!

שטיל מוז זיין מיין שטעדטעל, איינזאַם און פערלאָזען. די גרויסע בהלה האָט פעריאָגט אַלע מענשען.

טויט מוז זיין מיין שטעדטעל. ביי טאָג קראַכען קאַנאָנען. ביי נאַכט הויבען זיך פייער־צונגען און לעקען דעם הימעל. און דער שרעק שפּאַנט אַרום איבער די לעדיגע פעלדער...

אַלגין.

די דאָזיגע געדאַנקען זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען אונטער דעם

איינדרוק פון דער גרויסער וועלט־מלחמה, וואָס האָט אָנגעמאַכט אַזעל־כע מורא'דיגע חורבונות אין די אידישע שטעדט און שטעדטלעך אין דער אַלטער וועלט. דער שרייבער איז געווען איינער פון די פיעלע וועמען די מלחמה האָט פערטריבען אין דער נייער וועלט.

ב ש ו ר ה — אָנזאָג. ב ה ל ה — שרעק און צומישונג.

89. דער קאַנאַריק

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין פרייען וואַלד אַליין ;
ווער קען זיין שמחה פיהלען ?
ווער קען זיין פרייד פערשטעהן ?

עס טרילערט דער קאַנאַריק
אין רייכסטען פאַלאַץ שעהן ;
ווער קען זיין וועהטאָג פיהלען ?
ווער קען זיין שמערץ פערשטעהן ?

מאָררים ראָזענפעלד.

90. דעם זיידעןס שמחת־תורה

די הייזער, די גאַסען, די שטיינער פון די גאַסען — אַלעס, אַלעס האָט געזונגען, געפליעסקעט, געטאַנצט און געפרעהט זיך. נישט נאָר עלטערע אידען — אינגלעך זיינען געווען שכור, געוואַלגערט זיך פון די פיס. מען דאַרף נישט מעהר ווי דער פעטער איצי, אַ איד אַ שטילער, אַ ווילדער בעל־מרה־שחורה, — איז ער אויך געווען בגילופין, פערלעגט די פאות אויף יענער זייט אויערען, פערקאַטשעט די פאַלעס און גע־גאַנגען אַ דייטש !

נאָר דאָס אַלץ איז געווען אַ גאָרנישט אַקעגען דעם, וואָס האָט אַרויסבעוויזען אין יענעם טאָג דער זיידע משה־יאָסי. אויסגעטרונקען האָט ער בסך־הכל איין גלעזעל בראָנפען מיט אַ האַלב גלעזעל וויין, נאָר שכור איז ער געווען ווי אַכציג שכורים מיט אַמאָל קאָנען אַזוי ניט זיין שכור, און אַרויסבע־

שלום עליכם

וויזען אַזעלכע גבורות, אַז די גאַנצע שטאָדט האָט מיט איהם געקלונגען :

— וואָס זאָגט איהר צו משה־יאָסי דעם האַמאַרניקס !

— געהט, ווער איהר זעהן, וואָס משה־יאָסי דעם האַמאַרניקס טוט !

און משה־יאָסי דעם האַמאַרניקס האָט נישט געטאָן גאָרנישט. ער איז נאָר אַרומגעגאַנגען אין די גאַסען און געטאַנצט. און נאָך ווי אַזוי געטאַנצט ! געטאַנצט און געשפּרונגען, געפּליעסקעט און געזונגען. און נישט אַליין האָט ער געטאַנצט, נאָר אינצווייען — מיט דער שכינה, מיט הקדוש־ברוך־הוא... צונומען אַ פאַטשיילע און געהאַלטען ביי איין עק — ביים אַנדערן עק האָט בעדאַרפט האַלטען די שכינה — און געדרעהט זיך, ווי מען דרעהט זיך מיט אַ כלה, געמאַכט פערשיידענע טריט : אַהין און צוריק, רעכטס און לינקס, און ווידער אַהין און צוריק, און ווידער רעכטס און לינקס. און אַזוי כסדר, דעם קאָפּ פעררינסען אַרויף, די אויי־

געז געהאַלטעז צו, אויפ׳ן פּנים אויסגעגאָסעז אַ גליקליך שמייכעל, צוגעקנאַקט זיך מיט די פינגער, געהעפּעט און געזונגען אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער:

מ שה שמח בשמחת תורה —
לאַמטעדרידאָם, היי־דאַ!
שישו ושמחו בשמחת תורה —
לאַמטעדרידאָם, דאָם־דאָם־דאָם!
היי־דאַ, דריי־דאַ־דאַ!
תורת־משה, האַ!"

וואָס ווייטער איז דער עולם געוואָרען אַלץ גרעסער און ענגער. וויפיעל אינגלעך ס׳איז געווען אין שטאָדט, זיינען זיי אַרוים אויף דער גאַס מקבל פּנים זיין משה־יאָסי דעם האַמאַרניקס, זעהן ווי ער טאַנצט און דרעהט זיך, זינגט און פליעסקעט. אינגלעך שקצים האָבען איהם געמאַכט אַ הוראַ, געהאָלפען איהם זינגען זיין שמחת־תורה׳דיגען ניגון. און ער, דער זיידע משה־יאָסי, זאָל דאָס אויף עמיצען אַפילו אַ קוק טאָן! ער טוט זיך זיינס: ער געהט מיט זיין געליבטער שכינה אַ פרעהליכס. איין עק פּאַטשיילע האַלט ער, דעם אַנדערן האַלט הקדוש־ברוך־הוא, און ער שמייכעלט און קנאַקט מיט די פינגער, טאַנצט און העפּעט און זינגט שטאַרקער און שטאַרקער:

משה שמח בשמחת תורה —
לאַמטעדרידאָם, היי־דאַ!
שישו ושמחו בשמחת־תורה —
לאַמטעדרידאָם, דאָם־דאָם־דאָם!
היי־דאַ, דריי־דאַ־דאַ!
תורת משה, האַ!

שלום־עליכם.

פ ל י ע ס ק ע ן — פּאַטשען מיט די הענט. מ ר ה ־ ש ח ו ר ה — (אַ שוואַרצע גאַל) מעלאַנכאָליע. ב ע ל ־ מ ר ה ־ ש ח ו ר ה — מרה־שחורה׳ניק, מעלאַנכאָליקער. ב ג י ל ו פ י ן — לייכט שיכור, בערוישט, לוסטיג. ג ע ה ן (טאַנצען) אַ ד י י ט ש, אַ פ ר ע ה־

ליכּפּ (די נעמען פון צוויי אידישע טענץ). סוד־הכל, בסוד־הכל — אַלעס צוזאַמען, אינגאַנצען. הקדוש ברוך הוא — (דער הייליגער געבענשט זאָל ער זיין) גאָט. כסדר — איינס נאָכ׳ן צווייטען, נאָכאַנאַנד. העפּען (האָפּען) — אונטער־שפּרינגען. משה שמח בשמחת תורה — משה האָט זיך געפרעהט די פרייד פון דער תורה. ישישו וישמחו בשמחת תורה — פרעהט זיך די פרייד פון דער תורה. שקצים (שקאָץ) — שטיפער.

91. שמחת־תורה ליד

קינדער, מיר האָבען שמחת־תורה,
שמחת־תורה אויף דער גאַנצער וועלט.
תורה איז די בעסטע סחורה —
אַזוי האָט דער רבי מיט אונז געקנעלט.
אוי ווערה ! אוי־אוי־ אוי !
פרעהליך, קינדער, אָט אַזוי !
רענדלעך שיטען זיך פון די זעק !
פרעהליך — אָהן אַן עק !

חאָטש איך בין מיר אַן אָרים אידעל,
און עס דאַרט מיר גוט דער מוח,
שמחת־תורה זינג איך אַ לידעל,
און מאַך אַ גוטע כוס׳ע אויך !

(צושפּיל)

ווער סע קען ניט מיינע צרות,
זאָל זיי ניט קענען — זאָג איך אייך !
נאָר טאַקע גלייך מיט אַלע שררות
בין איך אום שמחת־תורה רייך !

(צושפּיל)

דבורה, גיב מיר די נייע קאַפּאָטע,
איך וועל זי אָנטאָן טאַקע אַצינד.

מ. מ. וואַרשאַווסקי

איך וועל דיר זאָגן, אַלצדינג איז בלאָטע,
אַבי מען איז ברוך־השם געזונד !

(צושפּיל)

וואו איז בעריל, און וואו איז דוואָסי ?
רוף זיי אַלע אין שטוב אַריין !
די מוהמע סאָסי, דעם פעטער יאָסי —
זאָלען זיי אַלע פרעהליך זיין !

(צושפּיל)

אוי וועה, דבורה, וואָס האָסטו מורא,
כ׳בין אַ ביסעל פרעהליך, כ׳קען ניט שטעהן ?
דבורה־לעבען, אום שמחת־תורה
ווער איז ניט פרעהליך ? זאָג אַליין !

(צושפּיל)

קינדער, מיר האָבען שמחת־תורה,
שמחת־תורה אויף דער גאַנצער וועלט !
תורה איז די בעסטע סחורה —
אַזוי האָט דער רבי מיט אונז געקנעלט.
אוי וועה ! אוי־אוי־אוי !
פרעהליך, קינדער, אָט אַזוי !
רענדלעך שיטען זיך פון די זעק —
פרעהליך אָהן אַן עק !

מ. מ. וואַרשאַווסקי.

קנעלען — לערנען, איינלערנען מיט מאַטערניש. רענדעל — אַ גאָלדענע מטבע, אַ דוקאַט. סחורה — אַ מאַגנאַט, אַ פריץ. ברוך־השם — געלויבט איז גאָט, דאַנקען גאָט.

92. דער בן־מלך און דער צדיק

(אַ חסידיש מעשה'לע)

אַמאָל איז געווען אַ בן־מלך, איז ער געווען אָנגעזאַפּט מיט מרה־שחורה. די דאָקטוירים האָבען געוואָלט דערקלערען, פון וואַנען די מרה־שחורה נעהמט זיך ; האָבען טייל געזאָגט, אַז ער האָט שלעכטע אויגען ; אַז אַלץ, אויף וואָס זיי קוקען, קומט אַרויס געל, גרין און געל. מען האָט אָבער געזוכט אַלערליי ברילען צו די אויגען, און קיין איינציגע האָט נישט געהאָלפען.

אַנדערע האָבען דערקלערט, אַז ער האָט עפּעס געמוזט יונגערהייד איינשלינגען, עפּעס אַ טמא חיה'לע, און עס האַלט זיך אין דער נשמה, און פער'מיאוס'ט איהר דאָס לעבען. האָט מען צו דעם אויך קיין רפואה נישט !

ווי עס איז, דער מלך האָט איהם געוואָלט ראַטעווען, פרעהליך מאַכען, משמח זיין. ער האָט איהם געקויפט כלי־כסף וכלי־זהב ; פון דער גאַנצער וועלט האָט מען איהם צו־נויפגעפיהרט אַלערליי בשמים, אַלערליי קריסטאַלען און אַזוי טייערע חפצים — עס האָט נישט געהאָלפען !

מען האָט איהם געשטעלט אַ פּאַלאַץ אין אַ גאָרטען, און אין דעם גאָרטען האָט מען געפלאַנצט אַלערליי בוימער, אַלער־

לײַ געוויקסען און בלומען; מען האָט אויסגעשיט די וועגען מיט גאָלדיגען זאַמד; מען האָט אויסגעגראָבען אַ טײַך און פערגאָסען מיט פריש קוואַל־וואַסער, לעבעדיג וואַסער, און אויפ׳ן וואַסער האָבען געשוואומען די ווײַסע גענז מיט די לאַנגע ווײַסע העלזער, וואָס וויגען זיך אויפ׳ן וואַסער אַזוי רוהיג, אַזוי שעהן, ווי די נשמות אין גן־עדן — עס האָט אַלץ נישט געהאָלפען.

און אויף אַלעם, — זאָגט דער בן־מלך, — ליעגט אַ מרה־שחורה. דער בוים וואַקסט, זאָגט ער, מיט מרה־שחורה, די בלומען בליהען מיט מרה־שחורה. דאָס וואַסער, זאָגט ער, וויינט אין דער שטיל, גלײַך עס וואָלט אויף עפּעס געטרויערט, און די ווײַסע גענז דערמאָנען איהם נאָר אין תכריכים.

און די זיסע פּירות, די ווײַנעפּעל, די גראַנאַטען, די ווײַנ־טרויבען, אַלץ, — זאָגט ער, — איז ביטער, ביטערליך און נודנע.

דאָס ערגסטע איז געווען, אַז דער בן־מלך האָט אין גאָרטען אין וואַסער, אָדער אין פּאַלאַץ, אין אַ שפּיגעל זײַן אייגען פּנים דערזעהן.

— איך בין טויט, — פלעגט ער שרייען, — אויף מײַן פּנים ליעגט נישט קיין שײַן פון לעבען!

און איינמאָל האָט זיך פּלוצלונג אַלץ פערענדערט! דער בן־מלך האָט זיך פּלוצים צולאַכט! פּלוצים איז אַלץ אין גאָרטען געוואָרען גרין און לעבעדיג און שעהן — אַלץ האָט אָנגעהויבען לעבען, און ער אויך.

און וואָס, מיינט איהר, איז געשעהן? אַ קליינינקייט!

אויפ׳ן וועג, פאַרביי דעם גאָרטען, איז געגאַנגען אַ צדיק. און פערשמאַכט איז ער געגאַנגען, געליטען הונגער און דאָרשט; אָט, אָט וועט דער צדיק חלש׳ען, ער וועט פאַלען! דאָס וויל מען אָבער אין הימעל נישט דערלאָזען.

רייסט זיך אָפּ אַן עפּעל פון אַ בוים און פאַלט דעם צדיק צו די פיס. הויבט ער אויף דעם עפּעל, מאַכט אַ ברכה, בײַסט אַרײַן — און שוין!

באותו הרגע איז פון אַלעם אַראָפּ די מרה־שחורה, פער־שוואונדען דער כשוף, אַלץ איז געוואָרען מלא־שמחה!

י. ל. פּרץ.

בן־מלך — פּרינץ. אָנגעזאַפּט — דורכגעווייקט. טמאַ חיה׳לע — אַן אומריין חיה׳לע (וואָס מען טאָר ניט עסען). כּלי־כּסף וכלי־זהב — זילבערנע און גילדערנע זאַכען. חפץ (חפצים) — זאַכען. אויסגעשיט — אויסגעשאָטען. נודנע — עקעלדיג; קעהרט צום ברעכען. באותו הרגע — אין דער סעקונדע (רגע), אין זעלבען אויגענבליק. מלא־שמחה — לוסטיג, פרעהליך.

93. אַמעריקע

ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פעט און פרוכטבאַר
אוצרות טראָגט עס אין איהר שויס;
ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פריש און יוגענד,
ס׳איז דאָס לאַנד דאָ רייך און גרויס.

ס׳איז דאָס לאַנד דאָ פול מיט אוצרות
אייזען, קופּער, גאָלד און שטאָל;
ס׳פאַלען זילבער־וואַסערפאַלען
פון די בערג אַראָפּ אין טאָל.

אונזער לאַנד האָט טיפע טייכען,
קלאָרע טייכען פול מיט פיש;
איהרע בערג דערגרייכען הימלען,
איהרע טאָלען זיינען פריש.

ס׳איז מיט זון דאָס לאַנד בעגאָסען —
איהרע פעלדער זיינען גרין.
פלינקע, שטאַרקע — איהרע טעכטער,
שטאָלץ און מוטיג — איהרע זיהן.

אין די פּריירים — בופעל־אָקסען
און טאַבונעס ווילדע פערד,
און מיט וייץ, מאַאיס און גערשטען
איז בעדעקט די גאַנצע ערד.

י. י. שוואַרץ

ס׳גיט ווירדזשיניא איהר טאַבעקע,
קאַליפאָרניא — איהר וויין,
און אין פלאָרידא מאַראַנצען
גליהען רויט אין זונען־שיין.

אין די האַפענס דאַמפען שיפען —
ס׳בליהט איהר האַנדעל גרויס און ווייט,
און מיליאָנען מענשען קומען,
שטראָמען דאָ פון יעדער זייט.

איהרע שטעדט זיי זיינען ריזען,
וואַקסען אוים מיט צויבער־מאַכט;
אונטער דר׳ערד און אין דער לופטען
פליהען באַהנען טאָג און נאַכט.

איהרע ריזיגע פאַבריקען
ווערען קיינמאָל גאָרניט מיד,

פון אַטלאַנטיק צום פּאַסיפיק
קלינגט איין גרויסעם ריזען־ליד.

י. י. שוואַרץ.

טאַבון — סטאַדע (פערד). מאַראַנץ (פּאָמעראַנץ) — אָראַנזש. דאַמף — Steam. דאַמפען — רויכערען מיט דאַמף.

94. דער פּאָדים און די שער

אַ פּאָדים, וועלכער איז געלעגען
אַקעגען
אַ שאַרפער אויפגעמאַכטער שער —
האָט מעהר,
אַלס רודף־שלום, ניט געקענט פערליידען
צו זעהן וויביידע קלינגען,
בעקוקען זיך איינאַנדער מיט אַ מינע
פון שנאה,
און זיינען גרייט איינאַנדער זיך צושניידען.
און ס'איז געבליבען ביי דעם פּאָדים,
אַריינלעגען זיך צווישען ביידע צדדים
און זיי מיט גוטען איינרעדען, צי צווינגען
זיי זאָלען מאַכען, ווי עס איז,
אַ קאָמפּראָמיס.

און טאַקי באַלד איז ער געווען אין מיטען
פון ביידען,
און האָט גענומען רעדען
בע'טעם'ט און זים
פון אַחדות און פערבאַנד,
פון שלום און פון גוטע זיטען...
דערצו האָט ער מיט פאַקטען אַלערהאַנט
זיי פאַרגעשטעלט,
וויפיעל די וועלט
האָט פון מחלוקת'ן געליטען,
און פיעל זי ליידט נאָך יעצט...

געבליבען, אָבער, איז ער שנעל צו שאַנד,
דעןביידע זייטען, מאַכענדיג איין האַנט,
דעם פרידענמאַכער האָבען דורכגעשניטען,
און זיך אַליין אַפילו ניט פערלעצט...

יהואָש.

רודף־שלום — דער וואָס זוכט צו מאַכען שלום צווישען שונאים. קלינג (פון אַ שער אָדער מעסער) — דער טייל וואָס שנייד. בע׳טעם׳ט (טעם) — געשמאַק, זים. אחדות — איינגיקייט. אַלערהאַנט — אַלערליי. מחלוקת — קריעג, צאַנקעריי. מאַכען איין האַנט (מאַכען יד־אחת) — צוזאַמענגעהמען זיך צוליב אַ געווינען צוועק. פערלעצען — שעדיגען, פערוואונדען.

דריטע אָפּטיילונג.

95. צום אַמעריקאַנער ברעג

עס איז געווען אַ שעהנער טאָג אויפ'ן שיף.

די זון האָט ברייט געשיינט איבער'ן ים, און אַזוי ווי דאָ וואָלט מען זי געלאָזט איין מאָל אין איהר לעבען אויסציהען זיך אין איהר גאַנצער גרויסקייט, אַז עס זאָלען איהר ניט שטעהן אין וועג קיין שפּיצען פון דעכער און קלויסטערס — האָט זי איבער'ן ים געוויזען איהר פּראַכט און שיין. וויפיעל זי האָט נאָר געסטייעט, האָט זי זיך פערשפּרייט איבער דעם ברייטען, אומענדליכען וואַסער, און האָט מיט איהר גלענ־צענדען ליכט, וואָס זי האָט געגאָסען פון זיך, אויפגעקאָכט די קאַלטע גיסענדיגע וועלען פון ים. דער ים האָט געברויזט געגענאיבער איהר שיין — און דאָס וואַסער האָט געשימערט.

איבער דער לענג פון ים, וואו דאָס אויג האָט נאָר גע־קאָנט דערזעהן, האָט זיך געוואָרפען איין גרויסע, לאַנגע שי־מערנדיגע וועל, וואָס האָט געבלישטשעט אַנטקעגען דער זון, און האָט אַזוי געלויכטען, אַז דאָס אויג האָט נישט געקאָנט אַריינקוקען אין איהר ליכט, און איבער דער וועל האָט אַלץ דאָס שיף געשטאַרקט זיך אַדורכצושווימען, און האָט נישט געקאָנט. די לויכטענדיגע וועל איז איהר פאַראויסגעלאָפען דעם גאַנצען וועג, און האָט אויפגעברויזט איהרע וואַסערן הינטער די רעדער פון שיף.

אויף דעם שיף איז היינט געווען יום־טוב. מען האָט זיך

דערנעהענטערט צום ברעג פֿון אַמעריקע ; האָטש מען האָט נאָך דעם ברעג נאָך נישט געזעהן — דאָך האָט מען געפֿיהלט זיין נאָהענטקייט, און מען האָט איהם ערוואַרט יעדען אויגענבליק צו דערזעהן.

נאָך אַ טאָג צו פֿריהער האָבען די מאַטראָסען דאָס גאַנצע גרויסע שיף געוואַשען ; נאָך אַ טאָג צו פֿריהער האָבען זיך די מעוועס פֿון דער אַמעריקאַנער זייט געוויזען און האָבען מיט זייער שרעקענדיג געשריי בעגלייט דאָס שיף איבער אַ גאַנצער נאַכט ; נאָך אַ טאָג צו פֿריהער האָבען זיך אומענדליכע, פֿיעל קליינע שיפֿלעך געוויזען איבער׳ן ים ; נאָך אַ טאָג צו פֿריהער האָט מען איבער די קאַיוטעס איבער׳ן גאַנצען שיף אויסגערופֿען : מאַכט אייך גרייט !

די אַמעריקאַנער פֿאָהן אויפֿ׳ן מאַסטבוים פֿלאַטערט שטאָלץ איבער דעם ברייטען ים. און די פֿעלקער זיינען אַרויס פֿון זייערע געצעלטען אויף דעם אויבערדעק מקבל פּנים צו זיין דעם אַמעריקאַנער באָדען. יעדער איינער האָט דאָס בעסטע אַרויסגענומען פֿון זיין קאַסטען און דערמיט זיך אויסגעצייכענט. און אויסגעפּוצט אין יום־טוב קליידער שטעהען דאָ די פֿעלקער פֿון דער וועלט אויף דעם אויבערדעק פֿון שיף, און זייערע בליקען זיינען געווענדט מיט בענקשאַפֿט און ערוואַרטען מיט קלאַפּענדיגע הערצער דעם אַמעריקאַנער ברעג.

דאָ און דאָרט זעהט מען אַ קליין־רוסישען פּויער מיט זיין רויט העמדעל און שוואַרצען הוט שטעהט און קוקט תּמ׳עוואַטע אויף דאָס וואַסער ; לעבען איהם זיין ווייב דריקט צו מיט שרעק און געבעט דעם מעטאַלענעם צלם פֿון איהר האַרץ צו איהרע ליפּען. אַ פּוילישע פּאַרטיע אין איהר רויטען נאַציאָנאַל־קאָסטיום גרופּירט די קינדער אַרום זיך. אַ הויכער ברייטער איטאַליענער מיט זיין רויטען האַלז־טוך און צוקנייטשטען קאַפּעליוש האַלט זיין מאַנדאָלינע אין דער האַנט : ער האָט גאָרנישט צו ברענגען פֿון זיין רייך לאַנד, נאָר זיין געזאַנג מיט זיין גיטאַרע צום אַמעריקאַנער באָדען. עס וואַרפֿט זיך דאָס קאָלירטע טוך אויף אַ שפּאַניש שוואַרץ־מיידעלשען קאָפּ אין דעם ים פֿון פּאַרבען. עס בלייכט זיך אַרויס צווישען דעם ים מענשען־קעפּ אַ בלייך קריסטוס־פּנים,

אַרומגערינגעלט אין אַ שוואַרצער באָרד, פון אַ פּוילישען אידען.

און די זון בעשימערט דאָס וואַסער, בעגיסט מיט ליכט דאָס שיף, ברענגט צונויף די פאַרבען פון די פערשיידענע פעלקער אין איין גרויסע קאָלירטע פאָהן. די געזאַנגען ווערען אויסגעמישט, די לידער ברומען איבער'ן ים, די וועלען קלאַפּען הינטער די רעדער פון שיף, און עס ווערט איין גרויסעס, גרויסעס לויב־ליד צו דעם ברעג, וועלכען אַלע ערוואַרטען מיט בענקענדיגע בליקען און קלאַפּענדיגע הערצער.

שלום אַש.

ס ט י י ע ן — קלעקען, זיין גענוג. (וויפיעל זי האָט געסטייעט — ווי גרויס זי איז געווען.) ב ר ו י ז ע ן — ברומען, שטורעמען. מ ע ו ו ע — Sea-gull. ק אַ י ו ט ע — Cabin. ב אָ ד ע ן — ערד, לאַנד. ת ם — אַ שוואַכזיניגער, אַ נאַאיווער מענש. תמ'עוואַטע — נאַריש, ניט־פערשטעהענדיג. פּ אַ ר ט י ע — קאָמפּאַניע, גרופּע.

96. די נייע היים

מיר האָבען זיך פון אונזער אַלטער היים געשיידט —
אַ שטורעמווינט האָט אונז אַהער פון ווייט פערוועהט...
ס'האָט איינער וואו אַן אַלטע מאַמע דאָרט געלאָזען,
און איינער האָט אַ טאַטענ'ס קבר צווישען גראָזען.

נאָר איטליך איינעם האָט דאָס האַרץ מיט וועה געדריקט,
און איטליך איינעם האָבען טרערען שטום געשטיקט —
מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, קינדער ביי די זייטען
אין גאַסען פרעמדע, מיט זכרונות פון דער ווייטען.

און עמיץ האָט אַהער געבראַכט אַ בינטעל ערד,
אַן אַלטען ספר, פון זיין זיידען'ס אויג בעטרערט,
אַ שטילען צער, אין בליק אַ טיפען, אַלטען טרויער,
אַ ווידערקול פון שווערען זיפצען אין זייי אויער.

און אָפּגעריסען, ווי אַ צווייג פון אַלטען בוים,
גענומען האָבען מיר זיך בויען אונזער נייע היים;
דער אַלטער שטאַם איז דאָרט, דאָס הארץ פערשניטען —
דער גרויסער, ברייטער ים־אוקינוס אין דער מיטען.

און ווי אַ בוימעלע אַ יונגס, וואָס שפּראָצט אַרויס
פון הארטען, קאַלטען פעלז, אָהן מוטער'ס שוים,
וואָס נעהמט מיט צווייגעלעך פער'חלש'טע זיך ציהען,
אַזוי איז דאָ געוועזען אונזער צייט פון בליהען.

און יאָהרען זיינען זיך געלאָפען, נייע זאַפט
האָט דורכ'ן בוימעלע געשטראָמט מיט לעבענס־קראַפט.
די וואָרצלען האָבען זיך געגראָבען אין דער נידער,
און אויפ'ן קאָפּ געקלונגען האָבען נייע לידער.

י. י. שוואַרץ.

פערוועהען — פערבלאָזען. זכרונות — ערינערונ־גען. ווידערקול — אָפּקלאַנג, עכאָ. אוקינוס — אָקעאַן. Ocean.

97. דער אַקאַציענבוים

ער איז געוועזען דער סאַמע ערשטער תושב פון דער לאַנ־קע, און אויפגעוואַקסען מיט דעם אַנגענעהמען געפיהל, אַז ער איז אַ בן־יחיד, און דאָס שיינדעל פון זיין סביבה. פון יאָהר צו יאָהר האָט ער געשפּרייט זיינע צווייגען, און זיין קוק איז געווען דער הימעל; אויב ניט דערגרייכען, איז האָטש וואָס נעהענטער צו איהם קומען.

אונטען, אַרום זיינע פיס האָבען גראָזען אָהן אַ צאָהל גע־שפּראָצט, און אין דער לופט האָט געזוממט און געזונגען. דאָס אַלץ האָט ער בעטראַכט ווי זיין ממשלה.

איז עמיצער געקומען און האָט איינגעפלאַנצט אַרום איהם רייהען און רייהען פון דינע נידעריגע שטעקלעך. דער אַקאַציענבוים האָט געלאַכט מיט אַ גדלות'דיגען געלעכטער

און זיינע בלעטער האָבן געכיכעט און גערוישט מיט מילדען גוטמוטיגען שפּאָט פון די נאַקעטע שטענגלעך.

ווען די ניי־איינגעפלאַנצטע האָבן אָנגעהויבן צו ווערען גרין, האָט זיך דער בוים לכתחלה געערגערט:

— אַ חוצפּה פון אַזעלכע!

שפּעטער האָט ער זיך אַליין גע׳מוסר׳ט:

— אַ ריז ווי איך, אַ שטאַרקער, אַ הויכער, און דאָס שיינדעל פון דער לאָנקע, דאַרף זיין גרויסמוטיג. און וואָס אין דער אמת געהט דאָס קליינוואַרג מיך אָן? מיינס וועלען זיי ניט אַוועקנעהמען. דער עיקר בין א י ך, און וועל עס תמיד בלייבען.

אָבער די עזות־פּנים׳ער האָבן זיך געהויבען אַלץ מעהר און מעהר, און שוין אויף דעם דריטען זומער האָט דער בוים זיך געחאַפּט, אַז אונטען צו זיין שטאַם קומט אַ קאָפּ זונענשיין ניט צו.

— מען וועט זיך מוזען אַ הויב טאָן העכער, — קלערט דער אַקאַציענבוים, — און לערנען די חברה־לייט דרך־ארץ.

האָט ער זיך נאָך מיט מעהר אימפּעט געצויגען צום הימעל.

— אַזוי הויך וועלען זיי שוין ניט דערגרייכען! — שמייכעלט ער.

איז אַוועק נאָך אַ יאָהר און אַ יאָהר, און אַרום איהם איז שוין געשטאַנען אַ המון פון הויכע בוימער פון אַלערליי מינים. מעהר ווי מיט׳ן שפּיץ האָט ער שוין דעם הימעל ניט געזעהן. און די צווייגען איז געוואָרען קאַלטליך. דער ערב־רב האָט איהם פון אַלע זייטען דאָס ליכט פערשטעלט.

דער אַלטער האָט זיין גדלות פערלאָרען.

— קינדער, איך דאַרף אויך לעבען — פלעגט ער זיך בעטען, — לאָזט מיר אַ ביסעל זונענשיין איבער...

איצט האָבען ז י י שוין געמאַכט חוכא־וטלולא.

און דער ערשטער תושב פון דער לאָנקע האָט געטריקענט. מיט יעדען זומער איז ער געוואָרען שוואַרצער און נאַקעטער און דאַרער, ביז ער איז געבליבען שטעהן צווישען זיי — אַן עראינערונג פון אַמאָל.

פאַרנאַכט פלעגען זיך די שכנים אַרום שושקען און דערצעהלען מעשיות וועגען איהם — דעם אָפּגעלעבטען. געלאַכט האָבען זיי ניט מעהר.

ביי דעם אַקאַציענבוים אונטער דער קאָרע האָט אָבער נאָך געלעבט אַיין פערלאַנג: אויף אַ דונער האָט ער מתפלל געווען; אפשר פאַלענדיג וועט ער אַ פּאָר פון זיינע שכנים מיטברעכען, און דאָס וועט זיין זיין נקמה.

יהואָש.

תושב — אַן אַלט־געזעסענער, אַן אַלטער איינוואוינער. **שווינדעל** — דער יחוס, דער שטאָלץ. **קוק** — ציל, שטרעבונג. **ממשלה** — קעניגרייך, הערשאַפט. **גדלות** — גאוה, גרויסקייט. **כיכען** — לאַכען שטיל. **חוצפה** — פרעכהייט. **מוסר'ן** — שטראָפען, לערנען דרך־ארץ און מאָראַל. **גרויסמוטיג** — גנעדיג, גוט צו קלענערע. **עיקר** — דערהויפּט, דאָס וויכטיגסטע. **עזות־פנים** — אַ פרעכער יונג. **חברה־מאַן** — יונג (מיט פעראַכטונג). **אימפעט** — אַ ווילדע קראַפט. **המון** — מאַסע (מיט פעראַכטונג), אַ סך. **ערב־רב** — Riff-raff. **מאַכען חוכא־וטלולא** — שטאַרק אָפּלאַכען, אָפּשפּעטען. **קאָרע** — די שאָלעכץ פון אַ בוים. **מתפלל זיין** — גאָט בעטען.

98. שבת־חזון

דער שבת־חזון האָט געבראַכט
צוריק דעם פערגעסענעם חלום.
דער חזן זינגט טרוי'ריג און זאַגט
דעם אומ'טיגען „בואי בשלום“.

דער רב שאָקעלט שטיל מיט'ן קאָפּ,
דעם עולם בעפאַלט אַזאַ בענקען.
דער חורבן דער אַלטער לעבט אָפּ
און פאַנגט זיך אָן ווידער געדענקען.

מאָררים ראָעזנפעלד.

שבת־חזון — דער שבת פאַר תשעה באָב, ווען מען לייענט

די הפטרה „חזון ישעיהו". ז אַ כ ט — שטיל. ב ו א י ב ש ל ו ם — קום אין פרידען (אַ פּסוק פון געזאַנג „לכה־דודי", מיט וועלכען מען בעגריסט דעם שבת).

99. נויאָרק געהט צו דער אַרבייט

פון גאַסען און גאַסען שטראָמען אַריין די מענשען־חוואַליעס אויף דער לאַנגער בראָדוויי. דאָרטען גיסען זיי זיך צונויף אין צוויי לאַנגע שטראָמען, וואָס ציהען זיך ביי ביידע זייטען גאַס, און די מענשען־שטראָמען ציהען זיך אַוועק ווי טייכען, איינגעשלאָסען צווישען די ריזיגע, הויכע מויערן.

און די מויערן זיינען בעהאַנגען מיט שילדען און שילדען, מיט גאָלדענע אויפשריפטען, און רייסען זיך העכער און העכער און קוקען מאָדנע יעדער איינער מיט זיינע הונדערטער פענסטער. און עס רייסט זיך אַריין די רויטע מאָרגען־זון, און עס פלאַקערן אויף די טויזענטער פענסטער, און עס צינדען זיך אָן די גאָלדענע אויפשריפטען, און עס צושפּילען זיך שטראַלען, רויטע, גאָלדענע.

און אונטען, אויף די ברייטע טראָטואַרען, חוואַליען זיך די מענשען, שפּרייטען זיך, ווי לאַנגע, ברייטע קרענץ. עס געהען: מענער ערנסטע, פער'דאגה'טע און מענער זיכערע, מיט צופרידענע שמייכלען אויף די ליפּען; מיידלעך בלאַסע, פערביטערטע מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּען, און מיידלעך שטיפעריש, לאַבעדיגע; און קינדער, עלטערע, אינגערע, כמעט אַלע ערנסטע.

עס ציהען זיך לאַנגע, ברייטע קרענץ, און עס דוכט זיך, אַז אַלע געהען ווי אין שפּאַן, אַז ערגעץ דאָרט, וואו די גרויסע גאַס לאָזט זיך אַראָפּ צום ים, שטעהט אַ גרויסער ריז, העכער פון די העכסטע מויערן, געפּאַנצערט אין שטאָל און אייזען. דער ריז האַלט אין זיינע אייזערנע הענט לייצעס פון אָט די טויזענטער מענשען, וואָס זיינען צוטיילט אין צוויי לאַנגע מחנות, און ער טרייבט זיי האַסטיג, כמעט אַלע אין איין וועג: ארויף, אַרויף...

דוד איגנאַטאָוו.

ש י ל ד — Sign. ק ר אַ נ ץ — Wreath. ג ע ה ן א י ן
ש פּ אַ ן — זיין איינגעשפּאַנט, ווי אַ פערד.

א. ליעסין

100. אַ פריהמאָרגען אין נויאָרק

אויף דעם וויסטען בלאַסען הימעל
חאַפּט זיך אויף דער קראַנקער מאָרגען,
און די גרויסע שטאָדט ערוואַכט זיך
אין דעם נעבעל גרוי פערבאָרגען.

איינגעהילט אין גרויען נעבעל
ריהרט זיך אויף דער לעבענס־תהום
און צוגיסט זיך אין די גאַסען
אין אַ חמורנעם מענשען־שטראָם.

חמורנע גיסט און גיסט מיט מענשען,
פוילע, געלע, ווי דער מאָרגען,

פון די טענ׳מענטם צו די שעפּער
אין דעם נעבעל גרוי פערבאַרגען.

א. ליעסין.

ח מ ו ר נ ע — פּראומערט, אַנגעברוגז׳ט; שטאַרק פערוואַלקענט.

101. מנחם

אינ׳ם טאָג פונ׳ם חורבן איז משיח געבוירען געוואָרען.

ערגעץ ווייט פון ירושלים איז געשטאַנען איינער א דאָרפסמאַן אין פעלד און געאַקערט. גיט זיין קוה א ברום. דערהערט עס א פאַרבייגעהענדיגער אַראַבער, שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט דעם דאָרפסמאַן: ווער ביסטו?

— א איד בין איך — ענטפערט יענער.

— העי, דו איד, שפּאַן־אוים דיין אַקער־אייזען.

— וואָס איז דען?

— דער אידישער בית־המקדש איז ערשט חרוב געוואָרען.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? — פרעגט דער איד א דיר־שראַקענער.

— פון דיין קוה׳ם ברום ווייס איך עס.

דערוויל גיט די קוה נאָכאַמאָל א ברום. רופט זיך אָן דער אַראַבער:

— העי, דו איד. שפּאַן־איין צוריק דיין קוה, בינד ווידער צו דיין אַקער־אייזען, ערשט איז דאָך געבוירען געוואָרען משיח, דער אידישער ערלעזער.

— ווי איז זיין נאָמען? — פרעגט דער איד.

— מנחם הייסט ער.

— און זיין פאָטער׳ם נאָמען?

— חזקיהו.

— און וואו געפינט ער זיך?

— אין דאָרף בירת־ערבא, לעבען בית־לחם יהודה.

געהט אַוועק דער איד, פערקויפט זיין קוה, פערקויפט זיין אַקער־אייזען און ווערט א הענדלער פון געוואַנט פאַר קינ־דער. לאָזט ער זיך אין וועג, לאַנד־איין, לאַנד־אוים, שטאָדט־

איין, שטאָדט־אויס, ביז ער קומט אַהין אין יענעם אָרט. קו־מען ווייבער פון אַלע אַרומיגע דערפלעך, איינקויפען ביי איהם געוואַנט פאַר זייערע קינדער, נאָר איין פרוי, מנחם׳ס מוטער, האָט גאָרנישט געקויפט. הערט דער הענדלער ווי ווייבער שרייען אויף אַ קול: מנחם׳ס מוטער, מנחם׳ס מוטער! גער קויף־איין געוואַנט פאַר דיין זוהנדעל.

— הלואי וואָלט ער, שונאי ציון, דערוואָרגען געוואָרען — ענטפערט יענע.

— וואָס האָסטו צו איהם? — פרעגען די ווייבער.

— אינ׳ם טאָג פון זיין געבוירען איז דאָך דער בית־המקדש חרוב געוואָרען.

רופט זיך אָן דער איד:

— גלויב מיר, טאָכטער, מיט איהם איז ער חרוב געוואָ־רען און דורך איהם וועט ער, אם־ירצה־השם, צוריק אויפגע־בויט ווערען. נעהם קויף פאַר איהם.

— איך האָב אָבער קיין געלט נישט — זאָגט די מוטער.

— עס מאַכט נישט אויס, נעהם קויף אויף באָרג; אַן אַנדערש מאָל, ווען איך וועל ווידער קומען, וועסטו מיר בע־צאָהלען.

אין אַ צייט אַרום קומט דער הענדלער ווידער אין יענעם אָרט. קלערט ער זיך: מען דאַרף געהן זעהן, וואָס מאַכט יענעם קינד. קומט ער צו דער מוטער און פרעגט זי: וואָס מאַכט עפּעס דיין קינד?

— ניטאָ איהם — ענטפערט די מוטער — באַלד נאָך דיין אַוועקגעהן זיינען אָנגעקומען אַזעלכע ווינטען און שטו־רעמס, ביי מיר פון די הענט איהם אויסגעכאַפּט און מיט איהם אינאיינעם פערשוואונדען געוואָרען — און ניטאָ איהם!

פון „די אידישע אגדות“.

ג ע ו ו אַ נ ט — טוך, Cloth. ה ל ו א י — איך ווינש אַז; ווי גוט וואָלט געווען ווען. ש ו נ א י צ י ו ן — (די פיינד פון אידען) אַ קללה, וואָס ווערט מייסטענטיילס געברויכט ווען מען שילט אַן אייגענעם און מען האָט מורא אַז זי זאָל ניט מקויים ווערן. א ם י ר צ ה ה ש ם — אויב גאָט׳ס ווילען וועט זיין דערביי, מיט גאָט׳ס הילף. (פערקירצט: אי״ה).

משיח ח. גליצענשטיין

102. משיח

עס קלינגען די קייטען ביים טויער פון רוים —
דאָרט זיצט ער מיט אָפענע וואונדען.
זיי וועהטאָגען, קינד מיינס, מיט אונזערע לייד,
און ווערען נישט קיינמאָל פערבונדען.

און טויזענטער יאָהרען פערגעהען אַזוי
אין שטילע יסורים ביים טויער.
און טיף אין איהם קלייבט זיך דער אייביגער וועה,
און ס'וואַקסט אַלץ דער אייביגער טרויער.

נאָר תשעה־באב, ווען עס קומט האַלבע נאַכט,
און פול ווערט מיט רחמים דער הימעל,
דאַן פאַלען צוויי שטערען אַראָפּ, און ער ווערט
פערוויגט אין אַ הייליגען דרימעל.

דאַן נידערט די שכינה אַראָפּ אויף זיין קאָפּ
און קושט איהם מיט ליבע אין שטערן,
און טרייסט איהם און ווייזט איהם די גאולה אין טרוים,
און וויינט מיט בעהאַלטענע טרערען.

דוד איינהאָרן.

ר ח מ י ם — רחמנות, ליבשאַפט.

103. חצות

נאָך דעם ערשטען משמר, אַרום האַלבע נאַכט — אַזוי שטעהט געשריבען אין די הייליגע ספרים — וועהעט אַ צפון־ווינטעלע, און די וואַכען פון די מלאכים בייטען זיך דאָרט אין הימעל.

עס גיט, אַט דאָס ווינטעלע, דעם מלאך גבריאל אַ ריהר, און ער שרייט אויבען זעקס קולות אוים, לייענט דערנאָך פון אַ בוך אַרוים די מענשענ'ס אַלע מעשים, וואָס ווערען אָפּגע־

טאָן בייטאָג. פון איהם דאָרט גיט עס אַ טאָרע אונטער די פליגעל דעם האָהן דאָ. ער האַפּט זיך אויף און קרעהט הויך אויף אַ קול. אי אויבען, אי אונטען ווערט אַ געטימעל.

דענסטמאָל לאָזט זיך גאָט פון דריי הונדערט און נײַנציג הימלען אַראָפּ אין גן־עדן אַריין. כיתות מלאכים לויפען פאַר־אוים און זאָגען שירה:

עפענט, טויערען, בּרייט זיך אויף,
עפענט הויך זיך ביז אַרויף —
אָ, איהר אייביג פעסטע טירען,
קומען לאָז דאָ גאָט שפּאַצירען!

אָט איז ער שוין אַריין, גאָט דער מלך, מיט זיין כבוד אַליין — שאַ! מלאכים אויף זייערע ערטער שטעהען מיט גרוים דרך־ארץ און שווייגען. פול מיט רחמנות קוקט ער אויף די הייליגע נשמות פון צדיקים און קדושים דאָרט, קוקט און שאָקעלט מיט דעם קאָפּ. פּלוצים לאָזט ער אַרוים אַ גע־שריי, אַ ברומען ווי אַ לייב: דאָס וויינט ער, קלאָגט אויפ'ן חורבן בית־המקדש, אויף ירושלים, די וויסטע שטאָדט, אויף די קינדער ישראל זיינע, וואָס אין גלות — און צוויי הייסע טראָפּענס טרערען פאַלען איהם אוים די אויגען גלייך אין דעם גרויסען ים אַריין.

אזוי וויינט גאָט אַלע נאַכט דאָרט אין זיינע הימלען. ..וטע פרומע אידישע קינדער לאָזט עס נישט איינליעגען. זיי שטעהען אויף בּיינאַכט פון די געלעגערס, ריכטען אָפּ חצות, וויינען זיך אוים פאַר דעם זיסען, באַרמהערציגען פאָטער אין הימעל.

מענדעלי מוכר־ספרים.

ח צ ו ת — האַלבע נאַכט (עס איז אַ מנהג ביי זעהר פרומע ..ידען אויפצושטעהן פון שלאָף אין מיטען נאַכט און זאָגען תהלים און תפלות וועגען דעם חורבן בית המקדש). מ ש מ ר — די נאַכט ווערט צוטיילט אין דריי טיילען אָדער מ ש מ ר ו ת. אַ ט אָ ר ע ג ע ב ע ן — געבען אַ לויכטען שטוים. כ י ת ה — פּאַרטיע, גרופּע. ק ד ו ש י ם — הייליגע, מאַרטירער.

104. שבת נחמו

ווידער בליהט פאַר מיינע אויגען
יענעם בילד, וואָס קינדווייז מאָלען
פלעגט מיין דמיון, ווען כ׳פלעג הערען
שבת־נחמו די הפטורה.

פון דער קינדערשער פאַנטאַזיע
שווימט אַרויס אַ באַרג אַ הויכער,
גרויס און איינזאַם און מיט גאוה
אָנגעלעהנט אַקעגען הימעל.

אויפ׳ן באַרג ביים סאַמע אויבען,
ווי אַ צעדערבוים אַ שטאָלצער,
ווי פון גרויסען באַרג אַ חלק,
שטעהט דער נביא ישעיהו.

גלייך צום שניי, וואָס דעקט די פעלזען,
פאַלט זיין ווייסע באָרד אַרונטער,
און ווי אָדלער־פליגלען פלאַטערן
זיינע לאָקען אין דער לופטען.

פון זיין שטערען שיינט די חכמה,
און די רוהיג גרויסע אויגען
גלאַנצען ווי צוויי העלע זונען,
פול מיט ליבשאַפט, פול מיט גבורה.

און ער רעדט... זיין שטים איז ווייכער
פונעם אָוועט־ווינטעל׳ס אָטעם,
דאָך עס קלינגט און קנאַלט פון וויטען,
ווי אַ וואַסערפאַל אַ שטאַרקער:

„נחמו, נחמו... גאָט בעפוילען
האָט מיר, אייך אַ טרייסט צו ברענגען,

אויף די דורות־אַלטע וואונדען
אייך אַ זיסען באַלזאַם לעגען".

און די פעלזען ווידערהאַלען,
זאָגען נאָך אין ווידערקלאַנגען:
„נחמו, נחמו... גאָט בעפוילען
„האָט מיר אייך אַ טרייסט צו ברענגען".

יהואָש.

ש ב ת ־ נ ח מ ו — דער שבת נאָך תשעה־באב, ווען מען לייענט די הפטורה „נחמו, נחמו עמי" (טרייסט, טרייסט מיין פאָלק). ד מ י ו ן — פאַנטאַזיע. ק נ אַ ל ע ן — דונערען. ב אַ ל ז אַ ם — Balm.

105. סליחות־צייט אין וואַלד

שאַ, שטיל איז סליחות־צייט אין וואַלד. און דאָס שטיל־קייט דאָרט וואַרפט אַ מרה־שחורה.

די ביימער שטעהען פערטראַכט, פערזאָרגט, גאָרנישט דאָס פנים, דאָס געשטאַלט וואָס פריהער. זייער שאָקלען מיט די צווייגען — דאָס איז אַ ברעכען מיט די הענט; זייער זשו־מען — דאָס איז אַ ביטערער יאָמער, אַ זיפצען, אַ קרעכצען פון אַ געטרייער מוטער, וואָס בלייבט איבער אַליין, נאָכדעם ווי איהרע קינדער צופאָהרען זיך אין אַלע זייטען.

דאָרט, וואו עס האָט ערשט געלעבט, זיך גע'רעש'ט, גע־זונגען, געשפרונגען אין איטליכם ווינקעלע, איז אַצינד שטיל רוהיג ווי אויף אַ בית־עולם. אַלצדינג דאָרט דערמאָנט אין דעם צושיידען זיך מיט די ליבע, טיף אין האַרצען איינגע־באַקענע. נישטאָ דאָס פריהערדיגע לעבעדיגקייט, דאָס פרישקייט און אויפגערוימטקייט. אַלצדינג שטעהט עפּעס ווי ברוגז, זעהר אומעטיג. דער הימעל קוקט אויך נישט פריינדליך און איז עפּעס שטאַרק אָנגעבלאָזען. וויסט איז דאָס נעסט —די פויגעלעך זיינען זיך צופלויגען.

פערזאָרגט, פערטראַכט שטעהט דער וואַלד, גלייך ווי ער פיהלט, אַז דאָס אויפהויבען זיך און אוועקפליהען פון זיינע

שפיל־פויגעלעך ווייזט נישט אויף קיין גוטס. ער מעג זיך ריכטען, אַז באַלד־באַלד וועט זיך אָנרוקען אויף איהם אַ חמאַרע — דער ווינטער מיט זיינע ביטערע קעלטען. און ער איז אַצינד דעריבער פעראומערט, שטאַרק בעטריבט.

מענדעלי מוכר־ספרים.

ר י כ ט ע ן ז י ך — ערוואַרטען.

106. צו משיח'ן

אָ, גיכער, משיח, אָ גיכער שוין קום!
עס רינגעלט די גאַנצענע וועלט שוין אַרום,
ווי גיפטיגע שלאַנגען דער הונגער און נויט,
און הפקר, און פחד, און אַנגסטען און טויט.
עס וויל שוין ניט אַלעמען שפייזען די ערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפ'ן ווייסינקען פערד!

אָ, קום שוין, משיח! עס דריקט אומעטום
די קייטען פון קנעכטשאַפט אַרום און אַרום;
עס האָט שוין קיין אָרט דאָס אומשולדיגע בלוט,
וואָס שפּריצט און וואָס גיסט זיך פון אונטער דער רוט.
עס ראָסטעט פון מענשליכע בלוט שוין דאָס שווערד —
אָ, קום שוין, משיח, אויפ'ן ווייסינקען פערד!

אברהם רייזען.

ה פ ק ר — ווילדע, בייזע, אומגעצאַהמטע הערשאַפט; פריי, אָהן אַ בעל־הבית; צולאָזען. אַ נ ג ס ט ע ן — שרעק, צרות.

107. יום־כפור

א.

אין בית־המדרש איז הייס און שטיקענדיג. הונדערטער וועקסענע ליכט ברענען אויף די טישען אין ליימענע טעפּ־לעך, און פון זיי ציהען זיך אין אַלע זייטען לאַנגע, שמאָלע,

ציטערנדיגע, ברענענדיגע צינגעלעך און פילען אן די לופט מיט א ווארימען זיסליכען וואקס־געדוך.

צעהנדליגער ברענענדיגע הענג־לייכטער און לאמפען גי־סען זייער שיין אויף די מענשען אין די ווייסע קיטלען, וואס שאקלען זיך און קרעכצען און יאמערן און שרייען אריבער די יללות, וואס טראגען זיך פון דער ווייבערשער שוהל.

פאר דעם עמוד שטעהט מאטעל חנה־דבורה'ס, ניט מא־טעל דער ארימער קרעמער פון א גאנץ יאהר, וואס שלאגט זיך ארום אויף'ן מ... פאר א קאפיקע לייזונג, נאר אן אנדער מאטעל, דער שליח־צבור, וועלכער וויינט אויס ביי גאט פער־געבונג אויף די זינד פון כלל־ישראל. ער שטעהט פאר'ן עמוד אין דעם ווייסען קיטעל, דער קאפ אונטער'ן טלית אפ־געווארפען אהינטער, דער פנים מיט די פערגלאצטע אויגען פערריסען ארויף, ביידע הענט אויסגעשטעלט געגען די ליכט, וואס ברענען אויפ'ן עמוד, און טענה'ט, און בעט זיך, און וויינט אזוי הארציג:

— א, סלח נא לעון העם הזה — פערגיב, גאט, די זינד פון דעם דאזיגען פאלק, כי גדול חסדך — ווארים גרויס איז דיין גענאד...

און א העכערער קרעכצען ענטפערט איהם אפ, און א העכערער יאמער, און א האקען אין די ווענט, אויף די סטענ־דערס, א זעצען זיך אין דער ברוסט, און א פאטשען אין די הענט, און יללות פון דער ווייבערשער שוהל, און דינע קול'כע־לעך פון די אינגלעך, וואס שטעהען לעבען זייערע טאטעס און זיידעס, קוקען אריין אין די מחזורים און שפירען גאט און די מלאכים, וואס קוקען אויף זיי ארונטער פון דער ווייר־טער הויכקייט. און די דאזיגע אלע קולות ברעכען דורך די ווענט פונ'ם בית־מדרש, רייסען זיך אין דעם טונקעלען דרויסען ארוים און טראגען זיך העט צום הימעל ארויף...

ב.

שטיל איז אין דעם שטעדטעל אין דער נאכט פון יום־כיפור.

און אויף מארגען דעם גאנצען טאג איז אינ'ם שטעדטעל

שטיל. אַלע זיינען אין די בתי־מדרשים. אויפ'ן מאַרק זעהט מען ניט קיין לעבעדיגען מענשען.

און די בתי־מדרשים זיפצען, חליפען, שרייען צום הימעל. אויף די טישען ברענען נאָך פון נעכטען די גרויסע וועקסענע ליכט אין די ליימענע כלים. עס דריקען די אידען אין די קיטלען די ברענענדיגע שטערענס צו די קיהלע ווענט, קלאַפּען זיך אין די הערצער און חליפען שטילערהייד.

עס קלאַפּען די אידען אויף די סטענדערס, פּאַטשען אין די הענט, שאָקלען זיך און שרייען, אַנדערע שוין הייזעריג. עס פאַלען די אידען כורעים, דריקען די שטערענס צו דער פּאָדלאָגע און בעטען, בעטען... עס חאַפּען אונטער די אידען דעם סקאַרבאָווען שטייגער פון דעם בעל־תפלה, צושאָקלען זיך און העלפען איהם אונטער מיט וויינענדיגע טענער:

— אַי־אַי־אַי!...

ג.

מען זאָגט שוין נעילה. באַלד וועלען זיך די טויערן פון געבעט אויפ'ן הימעל פערשליסען, און דער עולם, וואָס האָט זייט נעכטען פאַרנאַכט גאָרנישט אין מויל געהאַט און פיהלט זיך זעהר אָפּגעשוואַכט, נעהמט צונויף זיינע לעצטע כחות, אום צו לאָזען זיך נאָך הערען, כל־זמן די טויערן אויפ'ן הימעל זיינען נאָך אָפען...

מאָטעל חנה־דבורה'ס שטעהט פאַר דעם עמוד, און די פים בויגען זיך ביי איהם אונטער פאַר שוואַכקייט. ער איז הייזעריג, אָבער ער האָט נאָך טרערען און דעם האַרציגען אידישען קרעכץ, טראָגט זיך איצט זיין הייזעריגער קול פול טרערען און געוויין.

שמערעל דער שוסטער, וועלכער קען אַלע מאָטעל'ס „שטיקלעך" און האָט אַ געשמאַקען באַריטאָן, רוקט זיך איצט צו נעהענטער צום עמוד פון הינטער יענער זייט בימה, וואו ער האָט זיין „שטאָדט", און הויבט אָן אונטערצוהעלפען. הודיעט זיין באַריטאָן איבער'ן בית־מדרש ווי אַ גלאָק, און מאָטעל אַליין ווערט אויך לעבעדיגער, און זיין קול, דאַכט זיך ווערט לויטערער.

נאָך דער נעילה'דיגער שמונה־עשרה טוט עפּעס פלוצים

ווי אַ וועה אַ פריש ווינטעלע איבער'ן בית־מדרש — באַלד איז שוין נאָך יום־כיפור. ביי אַ סך ווייזט זיך אַ פרעהליכע מינע אויף די בלייכע פּנים'ער. די אינגלעך הויבען אָן צו שטיפען. ווי די זון פון הינטער אַ וואָלקען טרעט אַרוים פאַר זיי דער פרעהליכער שמחת־תורה מיט די באַנערען און די הקפות און די טענץ.

לעאָן קאָברין.

יללה — אַ קלאָג, אַ יאָמערליך געוויין. שליח ציבור — אַ שליח פון קהל; חזן. סטענדער — אַ געשטעל אויף צו האַלטען דאָס געבעט־בוך, Stand. פאַלען כורעים — פאַלען צו דער ערד מיט'ן פּנים אַראָב (אין יום־כיפור'דיגען דאַווענען). סקאַרבאָווער — אַלטער, אָנגענומענער, טראַדיציאָנעלער. שטייגער — גאַנג (מעלאָדיע). נעילה — (די פערשליסונג פון די הימעלשע טויערען) די לעצטע יום־כפור'דיגע תפלה. „שטי־קעל" — אַ ניגון. „שטאָדט" — אַ פלאַץ אין שוהל פאַר יעדען מתפלל בעזונדער, Seat. באַנער (מיט'ן אַקצענט אויף דער צווייטער זילבע) — אַ שמחת־תורה פאָאָן. הקפות — די שמחת־תורה־דיגע צערעמאָניע פון אַרומגעהן מיט ספר תורות אַרום דער בימה.

108. הערבסט־ליד

מיט התלהבות זינגט דער ווינט
און צוקאַכט איז ער אינגאַנצען,
שוואַכע בלעטלעך פון דער ערד
דרעהען זיך און טאַנצען.

און נאָך העכער גרייפט דער ווינט,
גרייפט דאָס ווילדע זינגען —
שוואַכע בלעטלעך פון דער ערד
דרעהען זיך און שפרינגען.

אָ, דו בייזער, בייזער ווינט!
נאָר דו זוכסט דיר פערגעניגען!

האָסט זיי אָפּגעפּליקט פון בוים,
לאָז זיי איצט שוין רוהיג ליעגען.

אברהם רייזען.

התלהבות — בעגייסטערונג. צוקאָכט — צורייצט, אויפגערעגט. גרייפען — אָננעמען (אַ טאָן אָדער אינסטרומענט).

109. דאָס בוימעל

(אַ חסידיש מעשה׳לע)

זעהסט דאָס בוימעל ? וואָס וואַקסט דערויף ? גאָר נישט ! נאָדלען !

און דאָס בוימעל איז אַמאָל אַן עץ עושה פּרי געווען, אַן עפּעלבוים !

עס איז נישט גרעסער געווען ווי אַצינד, נור אַ קרוין האָט עס געהאַט — זהב טהור ! גאָלדענע עפּעל האָט עס געטראָגען !

זאַפּטיגע, ווייניגע, אין מויל זיינען זיי צוגאַנגען ; און גרויסע ווי די פויסטען !

ער זאָל לעבען האָט זיי ביים טיש געגעסען ; מקורבים פלעגען פון זיי בעקומען אויף שהחיינו ; דעם רבין׳ס אייניקלעך, זאָלען לעבען, פלעגען זיי נעמען שמחת תורה צו די פאָהנען...

דאַכט זיך אַ בוימעל קען דערמיט יוצא זיין ? וואָס ? זענען אָבער די צווייגען אַריבער איבער דעם דאַך אין גאַס — אין רשות הרבים אַריין, און דאָס איז אַ מכשול, אַ גרויס מכשול געווען !

תינוקות של בית רבן — אינגלעך, געהען איבער דער גאַס פון חדרים — רייסט מען, איז מען עובר אויף „לא תגנוב“.

רעדט מען דערפון ביים טיש, אויפ׳ן אויער ; ער, זאָל לעבען, דערהערט עס אָבער, רונצעלט, ער זאָל לעבען, דעם שטערן, הייבט אויף די ברעמען, דער עולם ווערט פערציטערט, מען מיינט, ער וועט שילטען — מעניש זיין !

איז אָבער, זעהט אויס, גובר מדת הרחמים. עפּענט,

ער זאָל לעבען, אָבער די כשר'ע לעפּצען און גיט אַ זאָג: מפקיר!

די קינדער זענען נאָך קיין „בן עונשין“ נישט.

האָט זיך אָבער מיט דעם נישט געענדיגט די זאַך. איינ־מאָל קומט, ער זאָל לעבען, אַרוים אויפ'ן גאַניקעל, קוקט, אפילו עטוואָס מרה־שחורה'דיג, צום הימעל אַרויף — מי יודע, וואָס ער האָט עפּעס געזעהן — דערהערט ער אַ גערויש, גיט, ער זאָל לעבען, אַ קוק איבער'ן גאָרטען, זעהט ער, ווי אַ קליין תינוקת'ל שפּרינגט קעגען בוימעל, און שפּרינגט, און וויל חאַפּען מיט'ן מיילכעל, מיט די הענטלעך, און די תאוה אין די אויגעלעך ברענט — דער יצר הרע פון „לא תחמוד“...

גיט, ער זאָל לעבען, אַ בייזען קוק אויפ'ן בוימעל — און שוין! אַן אילן סרק — אַ נאַדעל בוימעל!

און יעדע האַלבע נאַכט, ווען אַלץ שלאָפט איין, הערט מען, ווי דאָס בוימעל קרעכצט און קלאָגט זיך: „עס מאַכט איבער מיר קיינער קיין ברכה נישט, עס האָט קיינער פון מיר קיין הנאה נישט...“

און עס דאַרט, דאָס בוימעל, פאַר צער, פאַר גרוים בענ־קעניש!

י. ל. פּרץ.

עץ עושה פרי — אַ פרוכט־בוים. זהב טהור — ריין גאָלד. ער זאָל לעבען (מיט דער בעטאָנונג אויפ'ן „ער“) — אַ חסידישער אויסדרוק, געהט אויפ'ן רבי'ן. מקורבים — דעם רבינ'ס נעהענטסטע חסידים. שהחיינו — (וואָס ער (גאָט) האָט געמאַכט, אַז מיר זאָלען דערלעבען), אַ ברכה וואָס מען מאַכט אויף נייע אָדער ערשט צייטיגע פרוכט. יוצא זיין — ערפילען אַ חוב, אָפּ'פטר'ן זיך פון אַ פליכט. רשות הרבים — די גאַס, Public Ground. מכשול — אַ שטרויכלונג, אַ זאַך וואָס ברענגט צו אַן עברה. תינוקות של בית רבן — חדר־קינדער. עובר זיין — איבערטרעטען (אַ געזעץ). לא תגנוב — זאָלסט ניט גנב'ענען, (דאָס אַכטע געבאָט פון די עשרת הדברות). בוים טיש — בוים רבינ'ס טיש. רונצ־לען — קנויטשען. מעניש זיין — בעשטראָפען. גובר זיין — בייקומען. מדת הרחמים — די מאָס, דער

גאַנג פון רחמנות (דאָס געגנטייל פון מדת הדין, וואָס משפט דעם מענשען לויט ווי עס קומט איהם.) ל ע פ צ ע ן — ליפען. מ פ ק י ר ז י י ן — דערקלערען אַלס הפקר, אַז יעדער זאָל עס מעגען נעהמען. ב ן ע ו נ ש י ן — אַלט גענוג אויף צו קריגען אַ שטראָף. מ י י ו ד ע — וועד' ווייס. ת י נ ו ק ת' ל — אַ ברעקעל קינד. ת א ו ה — גלוסטיגקייט, אַ גרויסער אַפּעטיט. ל א ת ח מ ו ד — זאָלסט ניט געלוסטען (דאָס צעהנטע געבאָט פון די עשרת הדברות). א י ל ן ס ר ק — אַ בוים וואָס גיט ניט אַרויס קיין פרוכט.

110. דער בלייכער אַפּריטער

איך זעה דאָרט אַ בלייכען אַפּרייטער
פערקאָכט אין דער אַרבייט, אַ שרעק!
און זייט איך געדענק איהם, אַליץ נעהט ער
און לעגט זיינע קרעפטען אוועק.

איך שטעה און בעטראַכט דאָרט זיין צורה,
זיין צורה פערשמירט און פערשוויצט,
און פיהל, אַז דאָ אַרבייט קיין גבורה,
דער אימפעט נאָר פּראַצעוועט איצט.

עס פאַלען די טראָפּענס כסדר,
פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג שפעט,
און זאַפּען זיך איין אין די קליידער,
און טרינקען זיך איין אין די נעט.

איך בעט איך, ווי לאַנג וועט נאָך יאָגען
דער בלייכער דאָס בלוטיגע ראָד?
אַ, ווער קען זיין ענדע מיר זאָגען?
ווער ווייס יענעם שרעקליכען סוד?

אַ, שווער, זעהר שווער דאָס צו זאָגען!
דאָך איינס איז בעוואוסט און בעשיידט:

ווען איהם וועט די אַרבייט דערשלאָגען,
זיצט תיכף אַ צווייטער און נעהט.

מאָררים ראָזענפעלד.

פ ע ר ק אָ כ ט — אַריינגעטאָן, פערטיפט. צ ו ר ה — פּנים. נאָט (נעט) — Seam. ב ע ש י י ד ט — אויפגעדעקט, קלאָר.

111. חנוכה אויפ׳ן שיף

דאָס שיף איז נאָך נישט געהאַט אַרויסגעפאָהרען. עס איז נאָך געלעגען אין האַפען, און די צווישען־דעקענדיגע האָט מען אַ גאַנצען טאָג צו פריהער אויף דאָס שיף אויפגעפּאַקט. אַ גאַנצען טאָג איז אַ גרוים גערודער געוועזען אויפ׳ן שיף. פער־שיידענע פעלקער זיינען אַרויפגעגאַנגען.

דערווייל האָט זיך איין איד בעקענט מיט׳ן צווייטען. אַלע האָבען גערעדט אינאיינעם, האָבען אויסגעפרעגט אויף בע־קאַנטע פון זייערע שטעדט, און איין איד האָט אַזוי לאַנג גע־פרעגט דעם צווייטען, ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז איי־נער איז מיט׳ן צווייטען משפחה. אַזוי איז אַרומגעגאַנגען דער „ספר־היוחסין“, ביז עס האָט זיך געפונען, אַז אַ האַלב שיף איז משפחה און איין איד מיט׳ן צווייטען אַ שני בשלישי.

— אויב אַזוי, טאָ מעגען מיר דאָך טאַקע מנחה דאַווענען, — האָט זיך אָנגערופען אַ פרעהליך קול.

— נו, אַדרבא, אַדרבא, — האָבען זיך געהערט אַרום קולות.

— אידען, איהר ווייסט, אַז מען צינדט היינט דאָס ערש־טע ליכטעל? — האָט ווער אין אַ ווינקעל דערמאָנט.

— אַ גוטער סימן, אין ערשטען טאָג חנוכה אויף דאָס שיף אַרויפגעגאַנגען.

— ווער איז דאָ פון אונז אַ בעל־מנגן? — פרעגט ווער פון עולם.

— ווי הייסט, מיר האָבען דאָך דעם קעלצער חזן דאָ! — האָט אַ איד געוויזען אויף אַ געלען יונגען־מאַן מיט אַ געל בערדעל, וועלכער האָט זיך געהאַלטען אַ ביסעל אָפּגעזונ־דערט פונ׳ם גאַנצען עולם.

— פון וואַנען ווייסט איהר, אַז דאָס איז דער קעלצער חזן? — פרעגט מען דעם איד.

— מיר דאַרף מען נישט קיין פינגער אין מויל אַריינצו־לעגען, איך ווים שוין, — טענה'ט דאָס אידעל פלינק, און גיט אַ וואונק צום געלען יונגענמאַן, — איך דערקען שוין, אין זיין באַס־שטים דערקענט מען שוין... ווייסט, איך האָב דאָך איהם אַליין דאַוונען געהערט.

עס האָט אַ ביסעל געדויערט, ביז דער געלער יונגער־מאַן האָט זיך געלאָזט צו וויסען געבען פאַר זיינע ברידער, אַז ער איז טאַקע דער קעלצער חזן. דערנאָך האָט עס אַ בי־סעל געדויערט, ביז ער האָט זיך געלאָזט איינרעדען, אַז ער זאָל געהן „פאַר'ן ברעטעל". נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין טאַקע געשטאַנען פאַר צוויי ליכטלעך, וועלכע האָבען זיך געברענט אויף אַ קעסטעל, און דער יונגערמאַן האָט געגאָרגעלט, פאַר'ן עמוד, און אַלע ווייבער און אַלע קינ־דער פון שיף האָבען מיטגעזאָגט קדושה.

אַ מנחה־דאַוונען איז געווען אַ שעהנס און אַ חזנ'יש. נאָך מנחה־דאַוונען האָט מען געפרעגט, ווער האָט חנוכה־ליכטלעך. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַלע האָבען זיך געריכט אויף חנוכה און האָבען אָנגעגרייט חנוכה־ליכטלעך. האָט יעדע משפחה אָנגעצונדען די ליכטלעך אויף איהר קעס־טעל, און דער קעלצער חזן האָט זיך אָוועקגעשטעלט פאַר'ן עמוד, וואָס איז בעשטאַנען פון איין קעסטעל אויף אַ צוויי־טען, דער עולם האָט באַלד געפונען אַ פּאָר קוויטשערלעך פאַר איהם, אַ סאָפּראַנדעל האָט ער אַליין מיטגעפיהרט מיט זיך, זיינס אַ אינגעל, אַ קינד אַ וואונדער אין דער וועלט — אַמע־ריקע וועט אויפ'ן קאָפּ שטעהן — און עס איז געוואָרען אָפּ־געזונגען אַ חנוכה־בענשען מיט אַ מזמור, וואָס אַזעלכעס האָבען נאָך די לייט נישט געהערט.

דאָס געזאַנג איז געגאַנגען וואָס אַ מאָל העכער. דאָס אינגעל, דאָס סאָפּראַנדעל, האָט וואונדער געוויזען, און דאָס גאַנצע שיף אידען האָבען אונטערגעהאָלפען, און דאָס קול איז געגאַנגען וואָס אַ מאָל העכער און פרעהליכער. און אַז דער

חזן האָט געענדיגט צו זינגען, האָט זיך אָנגערופען דאָס פּרעה־ליכע אידעל, הויך אויפ׳ן קול, רייבענדיג זיך די הענט:

— איצט פּאַסט די גוטע לאַטקע און די פעטע גריוועו לכבוד חנוכה.

— גריוועו זיינען דאָ, — רופט זיך אָפּ אַ ווייבעריש קול פון אַ סעניק אַראָפּ, און דערלאַנגט פון אַ גרויסען פּאַק אַרויס אַן איינגעפּאַקטען טאָפּ קאַלטע גריוועו.

— פון וואַנען האָט איהר גענומען גריוועו? — פרעגט אַ אידענע.

— מיין טאָכטער האָט מיר מיטגעגעבען אין וועג אַריין, דאָס האַרץ צו דערהאַפּען, — ענטפערט די אידענע פון די גריוועו.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען שוין געזעסען די אידען פון פערשיידענע געגענדען און לענדער, וועלכע האָבען זיך נאָך נעכטען נישט געקענט, מיט זייערע קינדער אַרום איין טיש, האָבען געגעסען פון איין טעלער, האָבען זיך געטיילט מיט די ביסענס און האָבען זיך געפיהלט צווישען זיך ווי מיט־גלידער פון איין משפּחה, ווי אַלטע, אַלטע פריינד פון אַמאָ־ליגע, אַמאָליגע צייטען, וועלכע האָבען זיך געטראָפען נאָך דאַן, ווען דאָס בית־המקדש איז געשטאַנען, זיינען אינאיינעם אין די פריהערדיגע גלות׳ן געווען, און בעגעגענען זיך ווידער דאָ, אויף דעם וועג קיין גלות־אַמעריקע...

שלום אַש.

צווישעבדעק — די נידעריגסטע קאַיוטע אויף אַ שיף, פאַר אימיגראַנטען. משפּחה זיין (מיט עמיצען) — אַ קרוב זיין. „ספר היוחסין“ — יחוס־בריף, אַן אויסרעכענונג פון אָפּשטאַמונג. שני בשלשי — אַ שוועסטערקינד מיט אַ גליעד־שוועסטערקינד. גליעד־שוועסטערקינד — Second Cousin. בעל מנגן — איינער וואָס קען זינגען. „פּאַרן ברעטעל — פאַר׳ן עמוד. קדושה — אַ הימן אין שמונה־עשרה, וואָס הייליגט גאָט׳ס נאָמען. קוויטשערעל — אַ זינגערעל מיט אַ דינן קולכ׳על. גריוועו (גריבענעס) — Greaves. סעניק — אַ שטרוי־זאַק אויף צום שלאָפען.

112. מזמור שיר ליום השבת

„מזמור שיר ליום השבת !“
ווי עס גיסט זיך דורכען האַרצען,
אַזוי יום־טוב׳דיג און פרעהליך,
אין אַ כאָר פון זיסע קלאַנגען:
„מזמור שיר ליום השבת !“

„מזמור שיר ליום השבת !“ —
ס׳שטאַמט דאָס ליד ניט פון קיין מענשען
נאָר מלאכים ווייסע האָבען
דאָס געזונגען אין גן־עדן
אין דעם ערשטען הויכען שבת
נאָך דער גרויסער וועלט־בעשאַפונג,
און די זונען און די שטערען —
אַלע האָבען מיטגעזונגען:
„מזמור שיר ליום השבת !“

יאָ, די זונען און די שטערען,
וועלכע האָבען נאָך קיין טרערען
ניט געזעהן אויף אונזער וועלטעל
האָבען שטראַלענדיג געזונגען
מיט די שניי־ווייסע מלאכים:
„מזמור שיר ליום השבת !“

און די פויגלעך פון גן־עדן
אינ׳ם כאָר אַריינגעשאָסען
האָבען אַ פאַנטאַן מיט טרעלען,
און געסווישטשעט און געטרילערט:
„מזמור שיר ליום השבת !“

און די בלומען פון גן־עדן
האָבען שעמעדיג געוויגט זיך,

האָבען אויפ'ן פאַרביג־דופטיג
בלומען־לשון מיטגעזונגען:
„מזמור שיר ליום השבת!"

און די גרויסע ריזענבוימער
האָבען צוגעלעגט דאָס אויער,
איינגעבויגען זיך מיט ערנסט,
און געשאָרשקעט און געשושקעט:
„מזמור שיר ליום השבת!"

אויף זיין כסא־כבוד דאַמאָלס
מיט אַ געטליך־גוטען שמייכעל
האָט דער בורא מיטגעזונגען:
„מזמור שיר ליום השבת!"

יהואָש.

מזמור שיר ליום השבת — אַ לויב־געזאַנג פאַר'ן טאָג פון שבת (אַ קאַפּיטעל תהלים, וואָס ווערט געזונגען צו קבלת־שבת, ד. ה. די בעגעגנונג פון שבת). דופטען — וואויל־שמעקען. שושקען — שעפּטשען, סוד'ען זיך.

113. ר' יהודה הלוי

אין שפּאַניען האָט אַמאָל געלעבט אַ גרויסער אידישער פּאָעט און פילאָזאָף, ר' יהודה הלוי.

זאָט מיט כבוד און מיט רייכקייט איז ר' יהודה הלוי געווען, דען ער איז אויך געווען אַ גרויסער דאָקטאָר און אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט זיך געפיהלט העכסט גליקליך, אָבער ניט ער.

ער האָט געזעהן, ווי זיינע ברידער־אידען ליידען אין גלות, איז איהם זיין אייגען לעבען ניט איינגעגאַנגען. וואָס איז די פּעולה, וואָס איהם אַליין איז גוט, אַז די אַנדערע אידען שטעהען אוים אַזעלכע צרות?

און ער האָט גענומען בענקען נאָך דער אַמאָליגער אידי־

שער גרויסקייט, ווען אידען זיינען געווען א פאָלק מיט אַלע פעלקער צוגלייך, און זיינען געזעסען אין זייער אייגען לאַנד, ארץ־ישראל. און עס האָט זיך איהם פערגלוסט צו זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען די אַלטע אידישע היים.

אַ לעבען־לאַנג האָט ער אָפּגעבענקט נאָך אָט דעם זיסען חלום, אָבער ערשט אויף דער עלטער איז זיין חלום מקוים געוואָרען. אַז זיין ווייב איז געשטאָרבען, האָט ער זיך אָפּ־געזעגענט מיט זיין איין־איינציגער טאָכטער, מיט זיין אייניקעל, תלמידים און פריינד, האָט פערלאָזען זיין רייך לעבען, און זיך געלאָזט אין וועג אַריין — קיין ארץ ישראל.

פול מיט פרייד איז ער געווען, ווען ער האָט זיך געזעצט אויפ'ן שיף, און זיין האַרץ האָט אין איהם געזונגען: *)

„כ'האָב פערגעסען אַלע ליבסטע,
כ'האָב פערלאָזט מיין אייגען הויז;
כ'האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבען:
טראָג מיך, ים, צום מוטער'ס שויס!"

דער גרייז־גרויער פּאָעט בעט עס דעם ים, ער זאָל איהם טראָגען צו דער מוטער ציון, די אַמאָליגע אידישע היים.

אויפ'ן ים איז געוואָרען אַ שטורעם. עס האָט גענומען וואַרפען דאָס שיף, אָבער ר' יהודה הלוי האָט זיך ניט דער־שראָקען. זיינע געדאַנקען זיינען געווען פערנומען מיט ארץ־ישראל, און ער האָט געזונגען:

„פלאַטער, זעגעל! בויג זיך, מאַסטבוים! —
דו, מיין האַרץ בלייבסט פעסט און שטאַרק.
האָסט אַ גרויסען גאָט אין הימעל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגעל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבען לאַנד".

נאָך פיעלע וואַנדערונגען און סכנות איז ער אָנגעקומען

---

*) די לידער וואָס ווערען דאָ געבראַכט פון ר' יהודה הלוי זיי־נען פון ח. נ. ביאַליק'ס אידישע איבערזעצונגען.

אין דעם הייס־געגארטען לאנד. ווי ער האט פון ווייטען דערזעהן ירושלים, די אלטע אידישע הויפט־שטאדט, אזוי איז ער פאר גרויס התלהבות צו דער ערד צוגעפאלען, די שטיינער געקושט, און פון זיין טיפען הארצען האט זיך זיין לעצט ליד ארויסגעגאסען. דאס איז דאס יאמער־ליד „ציון הלא תשאלי" וואס ווערט געזונגען אום תשעה באב אין אלע אידישע שוהלען.

דאס ליד קלאגט :

„בענקסטו אויך נאך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צוזייטע און צושפרייטע, בענקען ?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, א ליבען גרוס בעקומען ?
דא האסטו איהם ! א גרוס פון נאהענטע און ווייטע !
אין הארצען דורות־לאנג געווארימט, טראגט איהם
פון אלע עקען וועלט, דורך ימים און מדבריות
צו דיר אין שוים אן עלענד קינד דיינס, איינער
פון די, וואס זאפען אן, ווי טוי, דיין חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיגע טרערען
און שטארבען אין דער פרעמד פערליבטע און פערבענקטע !
איך גאר, אז אויסגיסען זאל זיך מיין זעלע דארטען,
וואו ס'פלעג אמאל גאט'ס גייסט און גאט'ס גענאד זיך גיסען
אויף זיינע אויסדערוועהלטע, מוטער ציון !
וואו נעהמט מען פליגעל ?
שטיקערווייז וואלט איך מיין הארץ
וויט־ווייט צווישען דיינע בערג פערטראגען,
כ'וואלט צוגעפאלען צו דיין ערד, כ'וואלט אויסגעקושט
איהר יעדען פוס־טרעט, יעדעס שטיינדעלע בעזונדער,
און אומגעוואנדערט וואלט איך טאג און נאכט
א נאקעטער, א בארוועסער אויף דיינע חורבות,
כ'וואלט מיט מיין שטעקען אויסגעמאסטען אלע קברים,
מיט דיין נשמה־לופט זיך אנגעאטעמט,
זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב,
ביז צום בלינד ווערען בעוויינט דיין חורבן, ציון...
גענוג, לאז אפ איין ווילע, כוס פון טרויער !
מיין הארץ איז איבערפול מיט דיר פערביטערט,

כ'האָב איינגעזאַפּט אין זיך דיין שוים מיט דיינע הייוועןּ.
גענוג ! איך וויל איין חלום זעהן און שטאַרבען...
כ'וויל זעהן, אַ, גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראַל ליכט פון יענעם מאָרגענשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַמאָל נאָך העל און ליכטיג
זיך אָנצינדען אויף ציון'ס בלויען הימעל,
בענייען און בעפרישען זי מיט יוגענד.
גענוג, איין זיסען חלום לאָז מיך זעהן נאָך
און אויסגעהן מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען...״

און עס איז געשעהן — מיט אַ הייליגען שמייכעל אויף די ליפּען איז ר' יהודה הלוי אויסגעגאַנגען. די לעגענדע דער־צעהלט, אַז אין דעם זעלבען אויגענבליק ווי דער גרויסער פּאָ־עט האָט אַזוי זיין נשמה אין געזאַנג אויסגעגאָסען, איז אָנ־געפּאָהרען אַ ווילדער אַראַבער, און האָט דעם איידעלען זקן מיט זיין פערד צוטראָטען.

ל. ע.

פעולה — נוץ; אויפטו, רעזולטאַט. סכנה — געפאַהר. גאַרען — שטאַרק בענקען. אויסדערוועהלטע — אָפּגעקליבענע, דערהויבענע (אַזוי ווערען מיט ליבשאַפט אָנגערופען די אידען אין דער ביבעל). שוים און הייוועז (אַן אויסדרוק, וואָס ווערט אָפט געברויכט אין דער ביבעל); שוים — דאָס אויבערשטע, וואָס קוועלט אָן אין אַ געטראַנק; הייוועז — דאָס אונטערשטע, וואָס זעצט זיך אָפּ אויפ'ן דעק. אויסטרינקען דעם כוס (פון טרויער) מיט די שוים און הייוועז מיינט אָנזעטיגען זיך מיט יסורים ביז גאָר.

114. דער קוואַל

דער קוואַל זאָגט ביחידות
די „שלוש־עשרה מידות",
צווישען אַ פעלזען פערשטעקט.
די יעגלע הערט און בויגט זיך,
די סאָסנע הערט און נויגט זיך,
די מירטע זי הערט און שרעקט.

און איך ווייס ניט פון וואַנען
בעט עס „אל־רחום וחנון“,
מיט אַ פערשטיקטען קול.
אַט רופט דאָס גאָטעס נאָמען,
אַט מורמעלט „אמן“... „אמן...“
און ס׳שווייגען באַרג און טאָל.

מאָררים ראָזענפעלד.

דער קוואַל און די נאַטור אַרום שטעלט זיך דאָ דעם פּאָעט פאָר אין געשטאַלט פון אַ פרומען אידען ימים־נוראים־צייט, בשעת ער פערטיפט זיך אין ערנסטע תפלות און מחשבות וועגען גאָט.

ב י ח י ד ו ת — איינער אַליין, אָהן קהל. „שלוש עשרה מדות“ — די דרייצעהן אייגענשאַפטען פון גאָט, אַ סליחה, וואָס ווערט געזאָגט אַ טאָג פאַר ערב־יום־כפור. י ע ג ל ע — אַ סכך־בוים. מ י ר ט ע — Myrtle. „אל־רחום וחנון“ — גאָט דער דערבאַרעמדיגער און דער לייטזעליגער (גנעדיגער) — אַ תפילה פון סליחות.

115. אויפ׳ן גליטש

אויפ׳ן אייז־ריף גליטשען זיך שוין חברה, פרישע, יונגע, טומלען, לויפען, שוועבען איבער׳ן אייז. און עס קומען נאָך אָן אַלץ נייע און נייע, זעצען זיך צו אויף די בענק, וואָס אַרום ברעג, און טוען אויף גיך אָן די שטאָלענע גליטשערס, און וואַרפען זיך אויפ׳ן אייז.

אַז מען גליטשט זיך דורך דעם ערשטען ראַנד, ווערט מיט אַמאָל וואַרים. וואַרפט מען פון זיך אַראָפּ די אויבערשטע ווינטער־קליידער און מען דערפילט מיט אַמאָל אַזוי לייכט, אַזוי פערגעניגענדיג גרינג, האָטש פליה!

לאָזט מען זיך פליהען איבער׳ן אייז, אויף די גוט גע־שאַרפטע, בלאַנקע גליטשערס. מען נעהמט זיך טראָגען שנעל און שנעלער, איינע הינטער די אַנדערע, איינע פאַר די אַנדערע, און ווער גאַר צוזאַמען: איינער אָן דעם צווייטען, איינער אָן דעם צווייטען, אין אַ לאַנגער, ריהרעוודיגער קייט, וועלכע טראָגט זיך שנעל און האַסטיג. און ווער עס

גליטשט זיך האַנט אין האַנט אין דער ברייט, ווי אַ לעבעדיגער פּאַרקאַן.

אַט האָט עפּעס איבער'ן אייז לויז אַ קלונג געטאָן. דאָס איז ביי אַ מיידעל, אינמיטען יאָגען זיך מיט איהר חבר'טע, אַרונטערגעפאַלען איין גליטשער. דאָס מיידעל פאַלט. די חבר'טע פּרואווט זי אונטערהאַפּען און גליטשט זיך אַליין אוים, איין מאָל אַ צווייטען מאָל און לאָזט דערביי אַ פּאָר מאָל אַרוים אַ קוויטש, צולאָזט די הענט אין דער לופט און קאָן קוים זיך האַלטען אויף די פיס.

דער פראָסט ברענט. באַלד אָבער נעהמט ציהען אַ ווינט. עס ווערט לינדער, און עס נעהמען פאַלען פּוכקע, ווייסע שנייען: דאָס האָט דער פעטער שנייער זיך גענומען שפּריי־טען זיין נעץ.

די גליטשערס נעהמען זיך יאָגען פלייסיגער און ווערען אַלץ מעהרער פערפּלאָנטערט אין דער ווייסער נעץ. עס ווערט שווער צו זעהן עטוואָס ווייטער פון זיך. לויפסט, לויפסט, און פון דער ווייסער נעץ איז זיך ניט אַרויסצוריי־סען!

שוין צייט אהיים צו געהן. אָבער פאַר'ן אַוועקגעהן ווערט דער גליטש־פלאַץ ליבער, בעט זיך ממש ביי יעדען: —נעהם, חאַפּ אַריין נאָך אַ גליטש! נאָך אַמאָל גליטש זיך דורך דעם גאַנצען ראַנד! גוט? — טו עס נאָך אַמאָל! — קום אַט אין יענער זייט, צו די בוימער — דאָס אייז איז דאָרט אַזוי גלאַט! — ס'איז אַנטקעגען ווינט? נו, איז וואָס? עס איז דאָך נאָך בעסער, העלדישער! און דערפאַר צוריקוועגס טראָגט עס דאָך ווי אויף פליגלען.

דאָך ווערט דער עולם שיטערער: מען מוז מאָרגען פריה אויפשטעהן. עס ווערט אַלץ לעבעדיגער, פוסטער, און דעם ווינט ווערט פון דעם אַלץ גראַמער, היימליכער, און ער נעהמט זיך אָפּקעהרען דעם שניי פון אייז, קעהרט ווי מיט ברייטע, ווייכע בעזימער. עס הויבט זיך אויף אַ שטויב און טראָגט זיך מיט אַ לייכטען בייזער.

און אָט האָט ערגעץ אַ פּאָליסמאַן צוגעלעגט זיין פייפעל צום מויל און אַרויסגעלאָזען אַ לאַנגען פייף. און באַלד האָ־

בען אויך אַלע אַנדערע פּאָליסלייט, וואָס אויף דער וואַך אַרום אייז, גענומען פּייפען. עס האָט זיך צוטראָגען אַ טומעלדיג פּייפען אין דער נאַכט און האָט זיך גענומען ציהען איבער אַלעמען׳ס קעפּ און געשמיסען ווי מיט בייטשען.

— אַהיים! אַהיים! אַ־אַ־היים!

דוד איגנאַטאָוו.

ו י ז — אָפּגעריסען. ל י נ ד — מילד, זאַנפט. פּ ו כ ק ע — אויפגעשוואָלען און ווייך. ה י י מ ל י ך — ליבליך, אָנגענעהם.

116. פון ישעיה

הוי החוקקים —

אָ, איהר קריצער פון געזעצען!
די געזעצען — פאַלש און זינד!
אייער שרייבען, אייער ריכטען
האָט קיין האַפט, ווי רויך און ווינט!

דען דער עלענדער, גערדריקטער,
ווען צום ריכטער־הויז ער קומט,
שפּאָטען אוים איהם אַלע ריכטער,
און גערעכטיגקייט פערשטומט.

און אַלמנות און יתומים
און דאָס אָר׳מע פאָלק דורכאוים
האָט זיך ניט צו ווּעמען ווענדען,
ביז דער צאָרן־טאָג ברעכט אוים!

אָ, ער טראָגט זיך פון דערווייטען
און פול ראַכע קומט ער אָן;
אָ, וואוהין וועט איהר ענטלויפען
און וואָס וועט איהר דעמאָלט טאָן?

אברהם רייזען.

ר י כ ט ע ן — משפט׳ען. ה אָ פּ ט — אמת׳ע עקזיסטענץ, קראַפט, ממשות, Substance. צ אָ ר ן ־ ט אָ ג — דער טאָג פון גאָט׳ס שטראָף.

117. חמשה עשר בשבט

אויפ׳ן לאַנגען, טיף פערשנייטען און מיט רודעס פער־פרוירענעם טראַקט, וואָס ציהט זיך פון חנוכה ביז פורים, פלוצים אַ ליכטיגע, וואַרימע און יום־טוב׳דיגע קרעטשמע — חמשה עשר בשבט.

אזוי ווי דורכ׳ן חלום פינקעלט דאָס בילד פון אידישען קליין־שטעדטעל אין דער אַלטער וועלט. פערשנייטע גאַסען, פערשנייטע דעכער און פּאַרקאַנעס, אַ ווייסטער וויכער טאַנצט דרויסען און אין דער זאַווערוכע לויפען אינגעלעך איינגע־קנורעטע אין זייערע קעצענע פוטערלעך.

מיט פרייד לויפט מען אין חדר, גאָר ניט ווי אַלע טעג. וויל היינט וועט מען ניט לערנען, נאָר מען וועט מאַכען אַ סעודה. און אַרום דעם גרויסען, לאַנגען חדר־טיש וועלען זי־צען אַלע גלייך, אָרים און רייך, סײַ דעם נגיד׳ס זוהן, וואָס האָט געגעבען צושטייער אַ גריוונע, סײַ דעם קאַראָביינִיק׳ס אינגעל, וואָס האָט קוים אויסגעוויינט אַ האַלבען גראָשען, און סײַ דער פעדער־פּליקערין׳ס לעבעדיגער יתום, וואָס האָט גאָר־נישט געבראַכט. קיינער וועט היינט ניט געקריוודעט ווע־רען, וואָרים דער אויפזעהער איבער דער סעודה איז דער רבי אַליין.

און פלוצים, אין מיטען ווינטער, להכעיס דעם בייזען שטורעם־ווינט, וואָס הוילט דרויסען, להכעיס די שניי־גרייפּ־לעך וואָס שמייסען און זעצען אין די שויבען, שיינט אויף אין טונקעלען חדר און אַרום דעם פערשוואַרצטען טיש אַ ליכטי־גער זומער. אין מיטען ווינטער — פּירות: זיסע, זאַפטיגע באָקסער, האָניג פלייצענדיגע פייגען און טייטלען. אָך, איהר ליבע באָקסערן, פייגען און טייטלען! איהר קומט דאָך

עס טאַקע פון ארץ ישראל, פון ווייט־ווייט איבער'ן ים, פון דעם שעהנעם לאַנד, וואו די זון געהט אויף!

* * *

חמשה עשר, ראש השנה ביי די בוימער אין ארץ ישראל, אין דער וואונדערשעהנער ארץ ישראל. הויך־הויך איז איהר הימעל, און לויטער און לאַכעדיג־זואַרים קוקט ער אויף די מענשען אַראָפּ. אין ערגעץ זיינען ניטאָ אַזעלכע קלאָרע נעכט ווי אין ארץ ישראל; אין ערגעץ כישופ'ט ניט אַזוי די נאַכט־לופט ווי איבער די בערג פון יהודה; אין ערגעץ זעהט מען ניט אַזוי בעשיינפערליך יהושע בן נון'ס פּנים אין דער לבנה און אין ערגעץ זיינען די שטערן ניט אַזוי גרויס, און אַזוי רע־דעוודיג ווי דאָרטען.

היינט די טעג! ווי העל און שטיל און זיס שיינט די גינגאָלדענע זון פון לויטערען הימעל אַראָפּ. און ווי לויטער און צאַרט און דורכזיכטיג איז די לופט, וואָס הויערט איבער די בערג און טאָלען, איבער די פּליינען און אָפּגרונטען, איבער די אָזערעס און טייכען, איבער די שומנע הויכע פעלזען און נביאיש'דיג האַרכענדיגע חורבות, איבער די לאָנקעס און פעלדער, איבער די איינזאַם דרעמלענדיגע בוימלעך אויפ'ן מיטען וועג. אַלץ ווי אויף דער האַנט, אַלץ דייטליך איבער־צוצעהלען און אָנצוריהרען אַזוי ווי אין חלום.

און געבענטשט איז דאָס לאַנד, וואָרים קיינמאָל איז אין איהר קיין ווינטער ניטאָ, קיין פרעסט און קיין שנייען. און ווען אומעטום איז ווינטער זיינען דאָ נאָר ימות הגשמים, רעגען־טעג.

און פריה הייבט זיך דאָ די וועסנע אָן, און פריה לאָזט זיך הערען דעם פריהלינג'ס קול־מבשר אין דעם ראש־השנה לאילנות, אינ'ם פופצעהנטען טאָג אין חודש שבט.

דאָס איז דער שקד, דער ליבער ווייסער מאַנדעל־בוים, דער אוראַלטער תושב פון דער ארץ־ישראל'דיגער ערד, דער פאָטער־בעשיצער פון די אוראַלטע נאָמאַדישע שבטים, זייער שפּייזער און דערקוויקער אויפ'ן גרינעם אָאַזיס נאָך די פערשמאַכטע וואַנדערונגען אין דער מדבר! דאָס איז דער איילענדיגער שקד, וואָס הויבט אָן בליהען פריהער פאַר אַלע־

מען, און אַזוי ווי די ערשטע רויז אין די צפון־לענדער, זאָגט ער מיט זיינע ווייסינקע בלימעלעך די בשורה פון אָנקומענדיגען פריהלינג אָן. און גליקליך און פרעהליך פלעגען אונזערע אור־אור־עלטערן ווערען אין דעם פריהמאָרגען פון חמשה עשר בשבט, ווען זיי פלעגען אין זייערע פרדסים אויפ׳ן פריהיגען מאַנדעלבוים זיינע אַרויסשפּראָצענדיגע קנאָספּען דערזעהן, זיינע ווייסינקע בליהונגען דערקענען.

און דאָס איז דאָס בוימערשע ניי־יאָהר געווען, דער ראש השנה לאילנות, וואָס איז אַזוי טייער געווען אונזערע אבות, וואָס האָבען נאָך ווי דורכ׳ן חלום געדענקט די יאָהרען ווען ביידע, סאַי די מענשען, און סאַי די בוימער האָבען פון איין זאַפט געטרונקען, אונטער די זעלבע שטראַלען זיך געוואַרימט.

* * *

וויט זיינען מיר פון ארץ ישראל און לאַנג פון יענע ציי־טען. אָבער מיר טראָגען זיי ביידע טיף אין געדעכניש.

און ווען אין קאַלטען צפון שטעהען די בוימער ערשט אין בליהונג, פייערן מיר שוין דעם חג הביכורים, שבועות. און ווען אַרום אונז שטורעמען ווינטען און דרעהען זאַווערוכעס, בעטען מיר אויף רעגען. און ווען דער בייזער שטורעם־ווינט פייפט און קייכט אונטער אונזער פענסטער און דער פראָסט קנאַקט, און דער שניי־שטורעם שמייסט, מאַכען מיר ברכה אויף ארץ־ישראל׳דיגע פירות און פייערן דאָס ניי־יאָהר, דעם פריהלינג פון בוימער אין ארץ ישראל.

י. ע.

ר ו ד ע ס — שטיקער פערפראָרענע ערד. ט ר אַ ק ט — אַ ברייטער לאַנגער וועג. ק ר ע ט ש מ ע — אַ קליינער אַלטמאָדישער דאָרפסהאָטעל. ו ו י כ ע ר — ווירבעל־ווינט. ז אַ ו ו ע ר ו כ ע — שניי־שטורעם. א י י נ ג ע ק נ ו ר ע ט — איינגעדרעהט, איינגעקאָר־טשעט. נ ג י ד — אַ רייכער בעל־הבית. ג ע ב ע ן צ ו ש ט י י ע ר — געבען אַ חלק אויף—. ג ר י ו ו נ ע — צעהן קאָפּיקעס. ק אָ ר אָ־ב י י נ י ק — דאָרפס־פּעדלער. ק ר י ו ו ד ע ן — בעגעהן אַן אומרעכט געגען עמיצען. ב ע ש י י נ פּ ע ר ל י ך — דייטליך, קלאָר. ה ו י ע ר ן — ליעגען שוואַך און שטום. אָ ז ע ר ע —

Lake. שומנע — מורא׳דיג, אומהיימליך. האָרכען — איינהערען זיך ווי פערנעהמענדיג אַ גרויסען סוד, צוהערען זיך מיט כונה, אויפמערקזאַם. קול מבשר — אַ שטימע, וואָס זאָגט אָן. ראש השנה לאילנות — ניי־יאָהר ביי די בוימער. פרדס — אַ וויינגאָרטען.

118. חמשה עשר ליד

אַ גרוס דיר, אַלטער טונקעלער וואַלד!
אַ גרוס דיר, גרינער פירות־גאָרטען!
אין ווייטען לאַנד, אויף יענער זייט
פון ברעג און ימים, ערגעץ דאָרטען,

פון וואַן ס׳געהט אויף צו אונז די זון
און שמעלצט אין גאָלד דעם הייסען זומער,
איז יום־טוב — ניי־יאָהר היינט ביי אייך...
אוועק פון מיר, מיין פיין, מיין קומער!

עס ברענט דער פראָסט, די גאַנצע גאַס
איז ביז די קניע מיט שניי פערשאָטען;
און ס׳פיהלט זיך דאָך אַ זיסער שיין,
וואָס גיסט זיך דורך דעם ווינטער־שאָטען...

אַ זיסע וואַרימקייט פילט אָן
די יונגע הערצעלעך... מיר לויפען,
מיר פליהען, פול מיט זאָרג און פרייד,
חמשה־עשר־כיבוד קויפען.

ש. פרוג.

כיבוד — גוטע זאַכען (שפייזען און געטראַנקען) מיט וועלכע מען איז מכבד אַ גאַסט.

ש. אנ—סקי

119. דער מהרי״ל מפראג און זיין גולם

א.

דאָס רוב אַלטע אידישע מעשות וועגען עלילת־דם איז פער־בונדען מיט דער אַלטער בעהמישער שטאָדט פּראָג און מיט איהר אַלטער שוהל און מיט דעם נאָמען פון דעם מהרי״ל. אָט דער מהרי״ל. האָט דאָס בעשאַפען דעם גולם, וועלכען ער האָט, נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעפיהרט זיינע שליחות׳ען, צוריק פערוואַנדעלט אין אַ שטיק ליים.

אין יענער צייט (דעם ערשטען פערטעל פון דעם זעכצעהנטען יאָהרהונדערט) האָבען די אידען פון בעהמען, אונגאַרן און שפּאַ־ניען געהאַט אויסצושטעהן אַ סך רדיפות: עס פלעגט ניט אַריבער־געהן קיין פסח, אין וועלכען מען זאָל ניט האָבען אונטערגעוואָר־פען אין אַ אידישער שטוב אַ טויט אָדער דער׳הרג׳עט קינד.

דער מהרי״ל איז געווען אַ „פערבאָרגענער בעל־יועץ“ פון דעם

מלך ; דערפאר איז איהם געווען גרינגער צו קעמפען אנטקעגען דעם עלילת־דם און דערווייזען וואס פאר א שקר דאס איז.

עס איז אָבער געווען איינער א כומר מיט דעם נאָמען טאַ־דעאוש, א גרויסער מכשף און א פערביסענער פיינד פון דעם אידי־שען פאָלק, וואס האָט ניט אויפגעהערט צו מאכען בלבולים. אט פאר דעם כומר האט דער מהרי״ל שטארק מורא געהאט. דעריבער האט דער מהרי״ל אפגעמאכט ביי זיך, ארויסצורופען עפעס א שטארקע קראפט, וואס זאל זיך קאָנען ראנגלען מיט׳ן כומר.

האט דער מהרי״ל אנגעפרעגט אין חלום: מיט וואס פאר א כח זאל ער קעמפען אנטקעגען דעם כומר? האט ער בעקומען אן ענטפער נאָכ׳ן אלף־בית אין לשון־קודש, וואס זיין טייטש איז גע־ווען: „בעשאף א גולם פון ליים, וועסטו אויסראָטען די שונאים און פערצוקער פון דעם אָרימען ישראל״. יעמאָלט האט דער מהרי״ל צוגערופען זיין אידים, יצחק בן שמשון הכהן, און זיין בעסטען תלמיד, יעקב בן חיים שושן הלוי, און האט זיי בסוד דער־צעהלט דעם ענטפער, וואס ער האט געהאט אין חלום, און האט גע־זאָגט, אז אין די צעהן ווערטער פון דעם ענטפער זענען פערבאָר־גען אזעלכע צירופים פון שמות, וואס מיט זיי קאָן מען אלע מאָל בעשאפען א לעבעדיגען מענשען פון שטויב. און ער האט זיי אי־בערגעגעבען דעם סוד, ווי מען בעשאפט א גולם, און האט זיי פער־זאָגט, זיי זאָלען צו קיין מענשען דעם סוד ניט דערצעהלען. און ער האט זיי איבערגעגעבען, וואס פאר א הכנות זיי זאָלען מאכען גאנצע זיבען טעג.

אין דעם יאָהר פינף טויזענד דריי הונדערט פערציג לבריאת עולם (1580), אין דעם צוואנציגסטען טאָג פון חודש אָדר, פיער אזייגער ביי דער נאכט, זיינען זיי זאלבע־דריט ארויס פון דער שטאָדט פראָג צו דעם טייך מאָלדראווא און האבען אויפ׳ן ברעג גע־פונען א ליימיגען אָרט. אין דעם ליים האבען זיי איינגעקריצט די געשטאלט פון א מענשען, וואס ליעגט דריי איילען די לענג, מיט א פנים, מיט הענט און פיס. דערנאָך האבען זיי זיך אוועק־געשטעלט ביי די פיס פון דעם געשטאלט, מיט זייערע פנים׳ער צו זיין פנים. און דער מהרי״ל האט געהייסען זיין אידים ארומגעהן ארום דער געשטאלט זיבען מאָל פון די פיס ביז׳ן קאפ, פון דער רעכ־טער זייט, און זיבען מאָל פון קאפ ביז די פיס, פון דער לינקער

זייט, און מאכען דערביי די נויטיגע צירופים. צום סוף פון זיין ארומגעהן איז דעם גולם'ס גוף רויט געוואָרען ווי א פלאַמענדיגע קויהל. דערנאָך האָט ער געהייסען זיין תלמיד אויך אזוי ארומגעהן זיבען מאָל ארום דעם גולם און מאכען אנדערע צירופים. איז דעם גולם'ס גוף פערלאָשען געוואָרען. און עס האָט פון איהם גענומען ארויסזעצען א דאמף, און האָר האָבען זיך בעוויזען ביי איהם, ווי ביי א דרייסיג־יעהריגען מאַן, און אויך נעגעל אויף די פינגער. יעמאָלט האָט דער מהרי"ל געמאכט זיבען הקפות. און אז אלע הקפות האָבען זיך געענדיגט, האָבען אלע דריי געזאָגט דעם פסוק: „ויפח באפיו נשמת חיים ויהי האדם לנפש חיה" („און ער האָט אריינגעהויכט אין זיינע נאָזלעכער א הויך פון לעבען און דער מענש איז געוואָרען א לעבעדיגער נפש"), יעמאָלט האָט דער גולם אויפגעעפענט זיינע אויגען און האָט גענומען קוקען פער'חידוש'ט. האָט דער מהרי"ל אויף איהם גוזר געווען, ער זאָל זיך שטעלען אויף די פיס. האָט ער זיך פלוצים אויפגעשטעלט. האָבען זיי איהם אָנגעטאָן אין די מלבושים פון א שמש, וואָס זיי האָבען געבראַכט מיט זיך, און דער גולם איז געוואָרען ווי אלע מענשען: געזעהן, געהערט, פערשטאַנען, אָבער קיין כח הדבור האָט ער ניט געהאַט.

ב.

זעקס א זייגער, נאָך פאַר בעגינען, זיינען זיי שוין געגאַנגען צוריק אהיים זאַלבע־פערט. אין וועג האָט דער מהרי"ל געזאָגט צום גולם: „זיי וויסען, אז מיר האָבען דיך בעשאַפען פון שטויב, כדי דו זאָלסט אָפּהיטען אידען פון אלע צרות און פיין, וואָס זיי ליידען פון זייערע שונאים. דיין נאָמען וועט זיין יוסף, זיין וועסטו ביי מיר, און דיין אָרט וועט זיין אין בית־דין־שטיבעל. א בית־דין־שמש וועסטו זיין. און דו מוזט מיך פאָלגען אלץ, וואָס איך וועל דיר הייסען, אפילו געהן אין פייער, אָדער אריינוואַרפען זיך אין תהום אָדער שפּרינגען פון שפּיץ טורעם. און דו טאָרסט זיך ניט אָפּשטעלען ביז דו וועסט ניט אויספיהרען ביז'ן סוף איטליכען בעפעהל מיינעם."

פאַר זיין הויזגעזינד האָט ער דעם סוד ניט דערצעהלט. ער האָט זיי געזאָגט, אז געהענדיג אין דער פריה צו טבילה, האָט ער אין גאַס בעגעגענט א שטומען אָרימאַן און האָט איהם אויס רחמנות אויפגענומען פאַר אַן אונטער־שמש ביים בית־דין. ער האָט אָבער

פערזאָגט, אַז מען זאָל זיך מיט יאָסעלען ניט שאַפן פאַר שטוביגע אַרבייטען.

דער גולם פלעגט שטענדיג זיצען אין בית־דין־שטיבעל, אין ווינקעל ביים ברעג טיש, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אָן ביידע הענט און קיין זאַך האָט איהם ניט געאַרט. דערפאַר האָבען איהם אַלע אַ נאָמען געגעבען „יאָסעלע גולם"; אייניגע האָבען איהם אָבער אויך גערופען יאָסעלע שטומער.

אין דעם גולם איז ניט געווען אפילו קיין ניצוץ פון אַ יצר הרע אָדער אַ יצר טוב. אַלץ, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער גע־טאָן אוים מורא פאַר'ן מהרי"ל. דער גולם איז קיינמאָל קראַנק ניט געווען. ביז צעהן איילען אין דער הויך און צעהן איילען אין דער טיף איז ניט געווען קיין זאַך אויף דער וועלט, וואָס דער גולם זאָל ניט קאָנען דורכפיהרען. גייסטיג איז ער געשטאַנען העכער פאַר אַ חיה, אָבער עפּעס נידריגער פאַר שדים און רוחות. קיין קויל פלעגט איהם ניט נעהמען, אין פייער האָט ער ניט געברענט און אין וואַסער ניט געזונקען. די צייט פון טאָג פלעגט ער קאָנען טרע־פען נאָך די פערשיידענע ריחות, וואָס טראָגען זיך פון גן־עדן התחתון, אַלע שעה אַ בעזונדער ריח.

מיט דער הילף פון דעם גולם האָט דער מהרי"ל בעוויזען אַ סך מופתים און אויפגעדעקט אַ סך בלבולים. אַז דער מהרי"ל פלעגט דאַרפען שיקען דעם גולם אין אַ בעזונדערס מסוכן אָרט, פלעגט ער איהם אָנטאָן אויפ'ן האַלז אַ קמיע פון הירש־פאַרמעט, און דער גולם פלעגט ווערען אַ רואה ואינו נראה. אַלע יאָהר, פון יום־כפור ביז חול־המועד פסח, פלעגט דער גולם דאַרפען אומ־געהן איבער'ן שטאָדט, דערהויפּט אין געטאָ, בגנבה אַרומזוכען קריסטען און אַרומטאַפּען אין זייערע וועגענער. פלעגט ער ביי איינעם געפינען בעהאַלטען אַ טויט קינד, פלעגט ער איהם תיכף בינדען מיט'ן שטריק, וואָס אויף זיינע לענדען, אָפּפיהרען אין ראַטהויז און איבערגעבען צו דעם הויפּט־וועכטער.

דערהויפּט פלעגט דער גולם אויפדעקען די בלבולים, וואָס זע־נען אויסגעטראַכט געוואָרען פון דעם כומר טאַדעאוש. האָט אַ משומדת'טע, אָנגערעדט פון כומר, פערשפּרייט אַ בלבול, אַז די אידען האָבען געקוילעט אַ קריסטליכע דיענסט־מאַד, און איהר בלוט

פערטיילט צווישען זיך אויף מצות, פלעגט דער גולם די דיענסט־מאד אויפזוכען, און זי ברענגען צו שלעפען אין ראַטהויז. אַניט, פלעגט ער אויפדעקען דעם בלבול דורך דעם, וואָס ער ווייזט אָן דעם קבר, פון וואַנען מען האָט אַרויסגענומען דעם מת, און ברענגט אַרויס, אַז גראָד דעם מת האָט מען אונטערגעוואָרפען אידען.

איז דאָך די קשיא, ווי אַזוי פלעגט דער גולם טרעפען אַז דער קבר איז לעדיג? איז דער תירוץ, אַז דער מהרי"ל האָט איהם מגלה געווען, אַז דאָס ערשטע יאָהר נאָך דעם מענשענ'ס טויט שוועבט אַרום זיין נשמה אַרום דעם קבר, ווייל זי האָט נאָך ניט אינגאַנצען איבערגעריסען איהר צובונד צום גוף. און אַז דער גולם, וואָס האָט געקאָנט זעהן גייסטיגע זאַכען, פלעגט בעמערקען, אַז אויף אַ פרישען קבר פעהלט די שוועבענדיגע נשמה, האָט ער דערפון געדרונגען, אַז דער קבר איז לעדיג.

(אַ פאָלקס־מעשה) איבערדערצעהלט פון ש. אַנ—סקי.

מהרי''ל מפראַג — ר' יהודה ליוואי (ליוואָאי), וואָס איז געווען רב אין דער בעהמישער הויפטשטאָדט פראַג; מען פלעגט איהם אויך רופען דער „גור אריה" — דער יונגער לייב. **עלילת דם** — בלוט־בלבול. **בלבול** — אַ פאַלשע בעשולדיגונג, אויסגעטראַכט פון אַ שונא. **רדיפות** — פערפאָלגונגען. **בעל־זיניץ** — ראַטגעבער. **כומר** (קומער) — גלח. **צירופים** — צוזאַמענ־רעכענונגען און קאָמבינאַציעס פון הייליגע בוכשטאַבען אָדער ווערטער אין אַ געהיימניספולען שפּרוך. **שמות** — הייליגע נעמען (פון גאָט און די מלאכים). **הכנות** — פאָרבערייטונגען. **לבריאת עולם** — רעכענענדיג פון דער וועלט־בעשאַפונג. **פער'חידושט** — שטאַרק פערוואונדערט. **כח הדיבור** — די קראַפט צו רעדען, לשון. **בית־דין־שטיבעל** — דאָס געריכטס־הויז פון אידישען קהל. **בית־דין־שמש** — דער שליח פון בית־דין. **ניצוץ** — אַ פונק. **גן־עדן התחתון** — דער אונטערשטער גן־עדן, וואָס געפינט זיך, לויט די לעגענדע, אויף דר'ערד. **מסוכן** — געפעהרליך. **קמיע** — אַ שטיקעל פאַרמעט מיט הייליגע שמות, וואָס מען טראָגט אויפ'ן האַרצען, אַלס בעשיצונג אָדער פערהיטונג געגען קראַנקהייטען, שדים און אומגליקען. **רואה ואינו נראה** — איינער וואָס האָט מיט'ן כח פון הייליגע צירופים אויסגעלערנט זיך די קונסט צו זעהן

אַנדערע בשעת ער אַליין ווערט פון זיי ניט געזעהן. ל ע נ ד ע ן — זייטען, היפטען. ר אַ ט ה ו י ז — City Hall. ק ש י א — אַ פראַגע. ת י ר ו ץ — אַן ענטפער.

120. עלילת־דם

פערזאַמעלט אין שוהל זיינען פרויען און מענער,
דער חזן צולאָזט זיך אין קונציגע טענער,
ווי ס'פּאַסט זיך פאַר פּסח־פריהמאָרגען —
און יום־טוב'דיג זיינען די געטאָ־פיגורען,
פערשוואונדען פון גלות די פינסטערע שפורען,
די קנייטשען פון אייביגע זאָרגען.

עס גאָרגעלט דער חזן און דריידעלט די טרעלען,
די מאַנסבילען שפּאַלטען פון מחזור די וועלען,
עס שווימען אין תחינות די ווייבער —
ווער עפענט די אייזערנע שוהל־טיר מיט גבורה? —
עס מאַלט זיך אַ טויט־שרעק אויף איטליכע צורה,
אַ סקרוך געהט אַריבער די לייבער.

עס שפּאַרט זיך אַ הויפען אַ שוואַרצער, געדיכטער,
אַ מחנה פון מענשען מיט טייפעל־געזיכטער,
מיט שטיינער און שטעקענס און וואַפען: —
„אַ קריסטליכעס קינד איז פערפאַלען זינט נעכטען,
„איהר האָט עס גע'גנב'עט, ווי תמיד, צו שעכטען
אויף פסח זיך בלוט צו פערשאַפען...“

אין שוהל פאַלט אַ פינסטערע אימה, אַן אומעט,
פון פעבעל געהט פלוצלונג אַרויס אַ משומד,
צום אָרון־הקודש דעם אַלטען: —
מיט אברים פערגליווערט און גאָרגעל צושניטען,
דאָרט האָסטיג ענטדעקט ער אַ טויטען אין מיטען
פון הייליגע ספרים בעהאַלטען.

עס קלאַפּט שוין דער עולם אין האַרצען על־חטא שוין,
און איטליכער שעפּטשעט זיין לעצטען געבעט שוין,
מען האָפט שוין ניט מעהר אויף רחמנות,
אויסען שטאָדט ליעגען פעלדער מיט קברים פערשפּרייטע
פון טאַטעס און זיידעס און קרובים געטויטע,
פון בלוטיגע בלבול־קרבנות.

אין ווינקעל פון מזרח שטעהט און ער דאַוונט,
דער גרויסער רב זאב, אין קבלה בעהאַוונט,
ער קעהרט זיך איצט אום צו דעם עולם...
מיט רוהיגער שטימע די שטילקייט צוברעכט ער:
„דער גאָט פון ישראל, דער גרויסער גערעכטער,
„קען וועקען אַ מת פון בית־עולם".

דעם רב פון די אויגען אַרויס שטראַלט די שכינה,
ער קוקט און ער וואַרט מיט פראָפעטישער מינע,
עס זאָל זיך דאָס וואונדער בעווייזען —
און באַלד האָט דער טויטער גענומען זיך וועקען,
די אייז־קאַלטע אברים זיך ריהרען און שטרעקען,
די פּים זיינע לעבעדיג שפּרייזען...

„נו געה איצט און ווייז, ווער דעם מאָרד האָט בעגאַנגען,
„צו שטילען זיין האָס און רוצח־פערלאַנגען
„און אומשולד מיט בלוט צו בעשמירען..."
און איידער עס איז נאָך אַ רגע פערגאַנגען,
דער מת האַלט דעם מסור אַזוי ווי מיט צוואַנגען,
און ברענגט צום בעל־מופת צו פיהרען.

דאַן זיינען די גלידער צוזאַמענגעזונקען,
פערלאָשען זיך האָבען פון לעבען די פונקען,
דער מת האָט זיין אַרבייט פערריכט שוין —
דער רב שטעהט שוין ווידער אין ווינקעל געבויגען,

עס פאַלט איהם דער טַלית אַראָפּ אויף די אויגען,
אַוועק איז דער שטראַל פון געזיכט שוין...

* * *

אין פנקס פון שטאָדט איז די מעשה פערבליבען,
דער סופר רב צבי האָט דעם מופת בעשריבען.

יהואָש.

ש פּ אַ ל ט ע ן ד י ו ו ע ל ע ן פ ו ן מ ח ז ו ר — דער פּאָעט פערגלייכט דאָ דעם מחזור צו אַ ים. ת ח י נ ו ת — גע־בעטען אויף עברי־טייטש (אידיש) ספּעציעל פערפאַסט פאַר פרויען. ס ק ר ו ך — אַ קאַלטער שוידער. ה ו י פ ע ן — אַ מחנה, אַ המון. א י מ ה — אַ גרויסע מורא, אַ פּחד. פּ ע ב ע ל — המון. ע ל ח ט א — דאָס געבעט וואו מען רעכענט אוים די אייגענע זינד, קלאַ־פּענדיג דערביי אין האַרצען; דאָס זאָגט מען אויך (אין ודוי) פאַר'ן טויט. ק ב ל ה (מיסטיציזם) — אַ אידישע לעהרע אָדער פילאָזאָפיע וואָס פערשטעהט די גאַנצע תורה און אמונה על פּי סוד (אויף אַ גע־היימניספולען אופן). ב ע ה א ַ ו ו ע נ ט (בע'הבינ'ט) — געניט, קלאָר. ב י ת ־ ע ו ל ם, ב י ת ה ק ב ר ו ת — דאָס אידישע בעגרעבעניש־אָרט. ר ו צ ח — מערדער. מ ס ו ר — פערר‌עטער, איינער וואָס דערצעהלט אָן אויפ'ן צווייטען שלעכטע און פאַלשע זאַ־כען פאַר די הערשער. מ ו פ ת — אַ וואונדער. ב ע ל ־ מ ו פ ת — איינער וואָס טוט וואונדער דורך שמות און שפּרוכען. פ ע ר ר י כ ־ ט ע ן (אַן אַרבייט) — אָפּטאָן. פּ נ ק ס — דאָס בוך פון קהל, וואו עס ווערען פערשריבען אַלע וויכטיגע פּאַסירונגען. ס ו פ ר — אַ שרייבער, וואָס שרייבט, מיט גע'כתיבה'טע (אַזוי ווי געדרוקטע) אותיות, ספר תורות, תפילין, מזוזות, א. אַז. וו.

121. דער אוצר

א.

א חנ'עוודיג פּנים'על האָט געהאַט שמואל'יק דער יתום, אַ אינגעל אָהן אַ טאַטען, אָהן אַ מאַמען, וואָס אויפגעהאַלטען האָט ער זיך ביים רב.

צו איהם איז האָס צוגעקלעפּט געוואָרען שלום־נחום־וועוויק'ס

פון דער ערשטער מינוט, וואָס זיי האָבן זיך בעקענט. זיך גע־טיילט מיט איהם מיט די אָנבייסענס און מיט די מיטאָגס האַלב אויף האַלב און געוואָרען חבר — אָבער וואָס חבר הייסט! נפש אחת — איין לייב, איין נשמה! פאַרוואָס? איבער זיינע מעשיות.

קיינער האָט נישט געהאַט אזוי פיעל מעשיות אויף צו דער־צעהלען, וויפיעל שמואל'יק. האָבען מעשיות אויף צו דערצעהלען איז אָבער ניט אינגאנצען. דאָס דערצעהלען אליין איז אויך אַ זאַך. דערצעהלען אַ מעשה דאַרף מען קאָנען. און שמואל'יק האָט געקאָנט דערצעהלען מעשיות אזוי, ווי קיינער ניט!

פערקליבען זיך פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג, אָדער שבת נאָכ'ן עסען, אָדער יום־טוב פאַרנאַכטליך אויפ'ן הויכען וואַראַנקאָוועט באַרג, וואָס דער „שפּיץ זיינען דערגרייכט כמעט ביז דער חמאַ־רע", האָבען זיך ביידע חברים אוועקגעלעגט מיט'ן פּנים אַראָפּ צום גראָז, אָדער מיט'ן פּנים אַרויף צום הימעל, און שמואל'יק האָט גענומען דערצעהלען אַ מעשה נאָך אַ מעשה:

אַ מעשה פון אַ בן־מלך מיט אַ בת־מלכה, אַ מעשה פון אַ רב מיט אַ רבי'צין, אַ מעשה פון אַ פּרינץ מיט אַ פלענהונט, אַ מעשה פון אַ פּרינצעסין אין אַ קריסטאַלענעם פּאַלאַץ, אַ מעשה פון אַ צוועלף גזלנים אין וואַלד, אַ מעשה פון אַן אָקרענט, וואָס האָט זיך אוועקגעלאָזט אויפ'ן פערגליווערטען ים, מעשיות פונ'ם פּאַפּסט, וואָס האָט געפיהרט ויכוחים מיט די גרעסטע רבנים, און מעשיות פון חיות, פון שדים און פון רוחות און פון בת־לצנים, פון מכשפים, שרעטעלעך, וואָווקעלאַקעס, פּיפּערנאָטערס, האַלב־מענש האַלב חיה, און אַ מעשה מיט אַ ענגלייכטער פון פּראָג...

דער חבר, שלום נחום וועוויק'ס, האָט געהאַלטען אָפען מויל און אויערען, קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פונ'ם דאָזיגען ציקאַווען בחור'ל מיט די רויטע בעקלעך און מיט פער'חלום'טע אויגען.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלצדינג, שמואל'יק?

— נאַרעלע, דאָס איז נאָך גאָרניט. למאַי איך וויים, ווי אזוי מען צאַפּט וויין פון דער וואַנט? און בוימעל פון דער סטע־ליע?

— ווי אזוי צאַפּט מען דאָס וויין פון דער וואַנט? און בוי־מעל פון דער סטעליע?

— נארעלע, דאָס איז נאָך אויך בלאָטע! איך ווייס אפילו, ווי אזוי מען מאַכט פון זאַמד גאָלד און פון שערבלעך דימענטען מיט בריליאַנטען.

—ווי אזוי מאַכט מען דאָס?

— ווי אזוי? דורך קבלה. דער רב איז דאָך א בעל־קבלה. ווער ווייס עס ניט? ער שלאָפט דאָך קיינמאָל ניט.

— וואָס דען טוט ער?

— ביינאַכט, ווען אַלע שלאָפען, איז ער אויף. זיצט ער אַליין און פערנעהמט זיך מיט קבלה.

— און דו זעהסט אַלצדינג וואָס ער טוט?

— ווי קאָן איך זעהן, נארעלע, אז איך שלאָף?

— פון וואַנען זשע ווייסטו, אז ער פערנעהמט זיך מיט קבלה?

—ווער ווייס עס נישט? דאָס ווייס דאָך א מינדסט קינד. פרעג וועמען דו ווילסט. דאָס וואָס דער רב קען, נארעלע, קען קיינער נישט. וויל ער — זיינען אָפען פאַר איהם אַלע צוועלף ברונענס מיט קוועקזילבער און אַלע דרייצעהן גערטנער פון סאַמע זאַפרען, און גאָלד מיט זילבער מיט דימענטען מיט בריליאַנטען — כחול הים, אזוי פיעל, אז ס'גלוסט זיך אַזש ניט!

—פאַרוואָס זשע ביסטו תמיד הונגעריג? און פאַרוואָס האָט ער ניט אויף שבת?

— אזוי, וואָרים ער וויל. ער וויל בעסער אָפּקומען אויף דער וועלט, תשובה טאָן. ער איז א בעל־תשובה. ער זאָל וועלען, וואָלט ער געווען רייך ווי קרח; טויזענט רויטשילדס וואָלט ער פערשטעקט אין גאַרטעל, וואָרים ער ווייס ווי אזוי מען ווערט רייך. פאַר איהם איז ענטפּלעקט אַלצדינג. ער ווייס אפילו דאָס אָרט, וואו דער אוצר ליעגט בעהאַלטען.

— וואו ליעגט דער אוצר בעהאַלטען?

— חכם! פון וואַנען זאָל איך וויסען? ווען איך זאָל וויסען, וואו דער אוצר ליעגט, וואָלט איך דיר שוין לאַנג געזאָגט. איך וואָלט אין מיטען ביינאַכט געקומען צו דיר און וואָלט דיך אויפגעוועקט פון שלאָף: „קום, שלום, צום אוצר, וועלען מיר צונויפזשעברעווען דאָס גאָלד פולע זשמעניעס און אָנשטאָפּען פולע קעשענעס!“

ב.

אז ס'איז פאראַן אַן אוצר דאָ ביי אונז אין אונזער שטעדטעל — אין דעם איז דאָך קיין ספק ניט.

פון וואַנען האָט זיך גענומען צו אונז אַן אוצר? פון חמעל־ניצקי'ן. חמעלניצקי האָט איהם דאָ בעגראָבען. נאָך פאַרצייטען טויזענטער יאָהרען האָבען מענשען געזאַמעלט אוצרות מיט אוצרות, ביז ס'איז געקומען חמעלניצקי און האָט עס בעשטאָט.

— ווער איז געוועזן חמעלניצקי? — האָט שלום נחום ווע־וויק'ס געפרעגט זיין חבר שמואל'יק דעם יתום.

— חמעלניצקי, ווייסטו ניט? נאַרעלע, חמעלניצקי דאָס איז געוועזן אַ רשע, אַ המן... דאָס ווייס דאָך אַ מינדסט קינד! האָט אָט דער חמעלניצקי, דער רשע, דער המן, אָנגעראַבעוועט, הייסט עס, מילי־מיליאָנען גאָלד ביי די אַמאָליגע פריצים און ביי די רייכע אידען, און האָט דאָס אַלצדינג געבראַכט צופיהרען אַהער צו אונז, קיין וואָראָנקאָ, — און דאָ האָט ער עס איינמאָל ביינאַכט, אויף יענער זייט בית־המדרש באַרג־אַראָפּ, אַקעגען דער שיין פון דער לבנה, בעהאַלטען, טיף־טיף אין דער ערד בעגראָבען און מיט כישוף פער'כישופ'ט, אַזוי אַז קיין בן־אָדם זאָל עס ניט גע־פינען.

— און ס'איז פערפאַלען לעולם ועד, אויף אייביג און איי־ביג?

— ווער האָט דיר געזאָגט, אַז ס'איז פערפאַלען לעולם ועד, אויף אייביג און אייביג? און צו וואָס האָט גאָט בעשאַפען די קבלה? די בעלי־קבלה, נאַרעלע, האָבען שוין דערצו אַן עצה.

— דהיינו, וואָסער אַן עצה?

— זיי ווייסען שוין. זיי האָבען אַ שפרוך אַזעלכען, און אַ פסוק פאַראַן אַזעלכער אין תהלים, וואָס מען דאַרף איהם זאָגען פערציג מאָל פערציג...

— וואָסער אַ פסוק?

— ע, נאַרעלע, איך זאָל ווייסען דעם פסוק! און אפילו איך זאָל שוין ווייסען, איז דאָס אויך ניט אַזוי גרינג. מען בעדאַרף פאַסטען פערציג תעניתים, אָפּזאָגען אַלע טאָג פערציג קאַפּיטלעך תהלים, און אויפ'ן איין־און־פערציגסטען טאָג, באַלד נאָכדעם ווי די זון האָט זיך געזעצט, בעדאַרף מען זיך אַרוים'גנב'ענען אַזוי

קונציג, אז קיין בן־אָדם זאָל דיך ניט בעגעגענען, וואָרים טאָמער חלילה דערזעהט מען דיך, בעדאַרף מען אָנהויבען נאָך אַמאָל צו פאַסטען פון אָנהויב פערציג תעניתים, און ערשט דעמאָלט, אז ס׳וועט דיר אָפּגילטען, קיינער וועט דיך ניט בעגעגענען, זאָלסטו אַוועק־געהן אין אַ פינסטערער נאַכט אין אָנהויב חודש, אויף יענער זייט בית־המדרש בארג־אראָפּ, און דאָרטען אָפּשטעהן פערציג מינוט אויף איין פוס, צעהלענדיג פערציג מאָל פערציג, און אויב ס׳וועט נאָר ניט זיין קיין טעות אינ׳ם צעהלען, וועט זיך דיר דער אוצר ענטפּלעקען פון זיך אַליין...

און שמואל׳יק דער יתום גיט צו פערשטעהן גאַנץ ערנסט זיין חבר שלום נחום־וועוויק׳ס דעם סוד פונ׳ם אוצר מיט אַ שטיל קול, אַלע מאָל שטילער, ווי אויסגעלייענט פון אַ בוך, ניט אָפּגע־שטעלט זיך אויף אַ רגע׳לע אַפילו:

— און ענטפּלעקען וועט זיך דיר דער אוצר דורך אַ פייערל, אַ קליין פייערל. און אז דאָס פייערל וועט זיך דיר בעוויזען, בע־דאַרפסטו גלייך צוגעהן צו דעם, צום פייערל הייסט עס, זאָלסט גאָר קיין מורא ניט האָבען פאַר אָפּבריהען זיך, וואָרים דאָס פייערל איז מעהר ניט אויף צו בעלייכטען, ברענען ברענט עס ניט, און דו בעדאַרפסט זיך נאָר אָנבויגען און זשעברעווען מיטביידע זשמע־ניעס, גאָלד און זילבער און דימענטען און בריליאַנטען און שטיי־נער אזעלכע, וואָס הייסען מיט׳ן נאָמען „כדכד“, און אזעלכע וואָס הייסען מיט׳ן נאָמען „ישפה“...

— וואָס איז דען דער חילוק?

— איי, נאַרעלע, ס׳איז אַ גרויסער חילוק! „כדכד“ איז אזא שטיין, וואָס לייכט אין דער פינסטער ווי אַ סטרינאַווע ליכט, און „ישפה“ האָט אין זיך אַ כח: עס מאַכט פון שוואַרץ ווייס, פון רויט געל, פון גרין בלוי, פון נאַס טרוקען, פון הונגעריג זאַט, פון אַלט יונג, פון טויט לעבעדיג... מען בעדאַרף נאָר מיט איהם גע־בען אַ רייב אין דעם רעכטען לאַץ פון דער קאַפּאָטע און אַ זאָג: „ס׳זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויסגעהן אַ רעכטער אָנבייסען!“ געהט אַרויס אַ זילבערנע טאַץ און אויף דער טאַץ צוויי פּאָר געבראָ־טענע טייבעלעך מיט פרישינקע פּלעצעלעך פון געבייטעלטער מעהל. אָדער: „ס׳זאָל מיר אַרויסגעהן און אַרויסגעהן אַ גוטער וואַרמעס!“ — בעוויזט זיך אַ גאָלדענע טאַץ מיט כל׳ערליי מינים עסענוואַרג

און פּאַטראָוועס מעדני מלך, געבראָטענע צונגען מיט געפילטע העלד־לעך, וואָס זייער געשמאַקער ריח צוגעהט זיך אין אַלע אברים, און פרישע צוגעברענטע, געפּלאַכטענע קוילעטשען וואַקסען אויס פאַר דיינע אויגען, און וויין לרוב פון׳ם בעסטען סאָרט, און ניסלעך, און באָקסערן, און צוקערקעס לרוב — אַזוי פיעל, אַז עס גלוסט זיך שוין אַזש ניט!

און שמואל׳יק דערצעהלט נאָך און נאָך:

— און אַז דו האָסט זיך גוט אָנגעזעטיגט מיט די אַלע מיני מאכלים און פערטרונקען מיט די בעסטע ווײַנען, נעהמסטו און טוסט אַ רייב מיט׳ן שטיינדעלע און אַ זאָג: „ס׳זאָל מיר ארויסגעהן און ארויסגעהן אַ וויבער געלעגער!“ — בעוויזט זיך דיר אַ בע־טעל פון עלפּענביין מיט גאָלד בעפּוצט, מיט אַן איבערבעט ווייך ווי פּוטער און מיט זיידענע קישעלעך צוקאָפּענס און מיט אַן אַטלאַ־סענע קאָלדרע איבערגעדעקט. ציהסטו זיך אויס און ווערסט אַנ־שלאָפען, און עס חלום׳ען זיך דיר מלאכים מיט כרובים, מיט שרפים, מיט׳ן גן־עדן העליון, מיט׳ן גן־עדן התחתון... אָדער אַז ניט, טוסטו אַ רייב מיט׳ן שטיינדעלע, הויבסטו דיך גאָר אויף אין דער הויך ביז דער חמאַרע און אַריבער דער חמאַרע, און דו פליהסט זיך ווי אַן אָדלער הויך־הויך! ווייט־ווייט!...

שלום־עליכם.

שלום נחום וועוויק׳ס — דאָס אויביגע איז אַרויס־גענומען פון שלום עליכם׳ס אויטאָביאָגראַפיע (אייגענע לעבענסבעשריי־בונג); שלום עליכם׳ס אמת׳ער נאָמען איז שלום ראַבינאָוויטש און קינד־וויז פלעגט מען איהם רופען שלום נחום וועוויק׳ס, נאָכ׳ן טאַטען און זיידען. **בת מלכה** — פרינצעסין. **אָקרענט** — אַ גרויסע שיף. **פערגליווערטער ים** — דער אייז־מעער ביים נאָרד און זיד פּאָל. **ויכוח** — דיספּוט (מייסטענס וועגען רעליגיעזע ענינים). **כת־לצנים** — Hob-goblins. **וואָווקעלאַק** — Werewolf. **פּיפּערנאָטער** — אַ לעגענדאַרישע שלאַנג. **ציקאַווער** — מאָדנער, נײַגעריגער. **למאַי** — פאַר וואָס; פרעג בעסער פאַר וואָס. **סטעליע** — באַלקען, סופיט, Ceiling. **בלאָטע** — (אין פיגוראַטיווען זין) גאָרנישט. **מינדסטער** — קלענסטער. **כחול הים** — ווי דער זאַמד אויפ׳ן ברעג ים, אָהן אַ צאָהל. **אָפּקומען** — ליידען (אַ שטראָף). **תשובה** —

חרטה אויף זינד און אומקעהרונג צוריק אויפ'ן ריכטיגען וועג. רייך ווי קרח — זעהר רייך. (קרח, וואָס איז איינגעזונקען געוואָרען אין דר'ערד, איז, לויט ד'ער לעגענדע, געווען זעהר רייך.) זשעב־רעווען — צונויפשאַרען. זשמעניע — הויפען. ספק — צווייפעל, אַ זאַך אין וועלכער מען איז נים זיכער. חמעלניצקי — דער אַטאַמאַן פון די קאַזאַקען־באַנדעס וואָס האָבען אין 1648־1649 (ת"ח און ת"ט לויט דער אידישער צייט־רעכנונג) רעוואָלטירט געגען פּוילען און האָבען אויך געמאַכט מורא'דיגע שחיטות אויף אידען. (יענע צרות זיינען בעוואוסט אין דער אידישער היסטאָריע אַלס גזרת ת"ח און ת"ט.) בן אדם — אַ מענש. דהיינו — צום ביישפּיל. כדכד און ישפה — צוויי פון די צוועלף דימענט־שטיינער וואָס דער כהן־גדול פלעגט טראָגען אויפ'ן האַרצען. חילוק — אונטערשייד. לאַץ — Lapel. געביטעלטע — Bolted. פּאָטראַווע — מאכל, געריכט. מעדני מלך — קעניגליכע מאכלים. קוילעטש — אַ גרויסע געפלאָכטענע חלה. צוקערקע — Candy. איבערבעט — פּערענע. כרובים — יונגע מלאכים'לעך. גן עדן העליון — דער אויבערשטער גן־עדן (אום אָפּצוטיילען איהם פון גן עדן התחתון).

122. אויף דעם הויכען באַרג

אויף דעם הויכען באַרג, אויף דעם גרינעם גראָז —

. . . .

אַלעס באָדט זיך דאָרט אין אַ ים פון ליכט.
פון איהר פוטערפאַס קוקט די זון און קוועלט,
ווי דאָס גרעזעל וואַקסט, ווי דער וואָרים קריכט.

גאַנצע וועלטען גייסט גיסט אין מיר אַריין
יעדער שטילער בלאָז, יעדער זונענשטראַל ;
מיט דעם פולען מויל טרינק איך לופט און שיין,
און אין האַרצען טיף עפענט זיך אַ קוואַל —

טיף, ווי אין דער הויך איז דער הימעל טיף,
רייך, ווי אויף מיין קאָפּ איז דער הימעל ריין —

ח. נ. ביאַליק

דאָך אויף שטום־לשון הערט זיך דאָרט אַ רוף, —
זיין בעדייטונג איז אַ סוד פאַר מיר אַליין.
ח. נ. ביאַליק.

פּ ו ט ע ר פ אַ ס — שייז׳ (אַ לעגענדאַרישע שייד אָדער פּאַס אין וועלכער גאָט האַלט די זון).

123. דער פינפער־טורעם און דאָס טויטע קינד

א.

אין דער שטאָדט פּראָג איז אַמאָל אַנטקעגען דער שוהל גע־שטאַנען אַ גרויסער אַלטער טורעם, וואָס האָט זיך גערופען דער פינפער־טורעם. פינף ווענט האָט ער געהאַט, וואָס זיינען אַרויס אויף פינף גאַסען; פאַר די ווענט זיינען געשטאַנען פינף הויכע זיילען פון געשליפענעם שטיין; צווישען די זיילען — צו פינף

גרויסע פענסטער, און אויפ'ן דאך — פינף הויכע טורעמס מיט מענשליכע פיגורען.

און ווייל דער טורעם איז געוועזען אינגאנצען פערלאזען, האָבען זיך דאָרט בעזעצט אָרימע לייט. אונטער'ן טורעם האָט זיך געצויגען אַ לאַנגע הייהל. אָבער די אָרימע לייט האָבען געציטערט אריינצוגעהן אין דער הייהל, ווייל אַ קלאַנג איז געגאַנגען, אַז שדים שפּרינגען דאָרט אום און וואַרפען אַן אַן אימה אויף יעדערן, וואָס לאָזט זיך צו זיי אַראָפּ, שליידערן שטיינער און רופען ארוים בייזע ווינבערם.

איינמאָל, ערב־פסח, טרעפט אַזאַ מעשה. דער מהרי"ל איז מבער חמץ מיט אַ ליכט און פלוצים ווערט דאָס ליכט פערלאָשען אין דער האַנט פון אברהם־חיים דעם שמש, וואָס האָט איהם צו־געלויכטען. דער מהרי"ל אָבער פלעגט זיך נוהג זיין, ניט מתפלל זיין און ניט זאָגען קיין זאַך אויף אויסוועניג, נאָר פון סידור. גיט ער אַ צייכען דעם שמש ווידער אָנצוצינדען דאָס ליכט, ווייל ער האָט געמיינט, עס איז נאָר על־פּי־סיבה. עטליכע מאָל האָט דער שמש געפּרובירט אָנצינדען דאָס ליכט און אַלע מאָל פלעגט עס זיך אויסלעשען. בלייך פון שרעק איז געוואָרען דער מהרי"ל, ווייל ער האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז עפּעס ניט גלאַט.

הייסט דער מהרי"ל אברהם־חיים דעם שמש, ער זאָל צו־טראָגען דעם סידור צום נר־תמיד, וואָס ברענט ביי דער וואַנט, און זאָל איהם פירזאָגען פון סידור פאר'ן שיין פון דעם נר־תמיד הויך אויפ'ן קול. דער שמש פאָלגט, און נאָך אַלץ אַ דערשראָקענער פון דעם, וואָס'ט פּאַסירט, געהט ער צו צום נר און הויבט אָן זאָגען. אָבער בעת ער איז געקומען צו די ווערטער: „דאיכא ברשותי", האָט ער גאָר אַ זאָג געטאָן: „דאיכא בחומשי". דער מהרי"ל שטעלט זיך אָפּ, גיט אַ צייכען דעם שמש, אַז ער זאָגט אַ גרייז. אָבער דער שמש, נאָך מעהר דערשראָקען, לייענט צום צווייטען מאָל: „דאיכא בחומשי".

דאָ האָט דער מהרי"ל אַ קלאָפּ געטאָן מיט זיין גודל, ווי ער פלעגט אַלע מאָל טאָן, בעת ער פלעגט דערהערען עפּעס אַ וואונדער־ליכע זאַך און האָט הויך אויסגעשריען:

„איך זעה איצטער, אַז עס גרייט זיך אָן אַ צרה אויף יעקב'ס הויז און אַז שונאים ווילען אויסלעשען דאָס ליכט פון ישראל! און

קלאָר איז מיר דער חלום, וואָס איך האָב געזעהן אום שבת הגדול!"

דערנאָך איז ער אליין צוגעגאַנגען צום נר תמיד, צוגעשטעלט א בענקעל און מיט דעם סידור אין דער האַנט, האָט ער געזאָגט אַלץ וואָס מען דאַרף, ווי עס דאַרף צו זיין, און'ט געהייסען אַלע־מען געהן אהיים. געבליבען מיט איהם זיינען נאָר זיין איידים, רבי יצחק בן שמשון הכהן, דער אַלטער שמש, רבי אברהם חיים און דער אונטער־שמש, יאָסעלע גולם.

האָט זיי דער מהרי"ל דערצעהלט, אַז ער האָט געזעהן אין חלום, ווי פון דעם פינפער־טורעם שלאָגט א שטאַרק פייער, ווי ביי א שרפה. און א גרויסע פייער־פלאַם האָט זיך אָפּגעריסען פון טור־רעם און זיך א וואָרף געטאָן אין די פענסטער פון דער גרויסער שוהל, בשעת זי איז געווען פול מיט מתפללים. האָט ער זיך אין שלאָף שטאַרק דערשראָקען, אָנגעהויבען הויך שרייען און זיך אויפ־געחאַפּט אין גרויס פּחד.

און דער מהרי"ל האָט געזאָגט צו די דריי: „איצט פער־שטעה איך אַז אין פינפער־טורעם איז אָנגעגרייט א גרויסער בלבול און א גרויסע סכנה פאַר די אידען פון דער שטאָדט פּראָג, און אַז דערפאַר האָט מען עס פון הימעל אריינגעלעגט אין די ליפּצען פון רבי אברהם חיים דאָס וואָרט „חומשי", כדי דערמיט אָנצו־טייטען אַז מען מוז צורייסען די נעץ וואָס מען האָט פאַר אונזער קהלה קדושה אויסגעשפּרייט אין פינפער־טורעם".

און דער מהרי"ל האָט זיך גענומען נאָכפרעגען וועגען דעם טור־רעם. האָט ער זיך דערוואוסט אַז אונטען אין טורעם געפינט זיך א פערבאָרגענע הייהל, וואָס פיהרט אין „גרינעם קלויסטער", — דעם זעלביגען קלויסטער, וואו עס וואוינט דער כומר טאַדעאוש. און אַז דער מהרי"ל האָט זיך דערוואוסט דערפון, האָט ער פערשטאַנען, אַז דער כומר האָט אָנגעגרייט אין דער הייהל א בלבול אויף די אי־דען.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. צוויי וואָכען פאַר פּסח, ווען דער פריהלינג איז געקומען און די קינדער פון די קלויסטער־דיענער האָבען גענומען שפּילען אין סאָד, האָט טאַדעאוש איינ־מאָל אין אָן אָוועגט פערנאַרט צו זיך אהיים א אינגעל, האָט איהם אוועקגעפיהרט אין קעלער, געשטאָכען און אויפגעזאַמעלט זיין בלוט אין א כלי. דערנאָך האָט ער פאַנאַנדערגעגאָסען דאָס בלוט אין

קליינע גלעזעלעך און אָנגעקלעפּט אויף זיי פּאַפּירלעך אויף אידיש מיט די נעמען פֿון אַלע חשוב'ע אידען אין שטאָדט, און אויך די נעמען פֿון דעם מהרי"ל, זיינע זיהן און איידימס. דערנאָך האָט דער כומר אריבערגעטראָגען די גלעזלעך און דעם בר־מינן פֿון זיין קעלער אין קעלער פֿון פּינפּער־טורעם און האָט זיי בעהאַלטען אין אַן אַלטען קאַסטען, וואָס איז האַרטען געשטאַנען.

ווען די עלטערן פֿון דעם דער'הרג'עטען קינד האָבען זיך געחאַפּט אַז דאָס קינד איז ניטאָ און האָבען עס ניט געקאָנט געפֿינען, האָט דער כומר גענומען רעדען צו זיי, אַז דאָס קינד איז פֿון אידען געשטאָכען געוואָרען צוליב בלוט אויף מצה. ער האָט זיי געגעבען אַן עצה אריבערגעהן צום הויפּטמאַן פֿון דער וואַכט און בעטען איהם, ער זאָל דורכזוכען אַלע אידישע הייזער. און דער מוטער פֿון דעם קינד האָט ער געגעבען אַן עצה, זי זאָל זאָגען דעם הויפּטמאַן, אַז זי האָט אַליין געזעהן, ווי אַ איד האָט עפּעס געטראָגען איבער'ן פֿעלד אין אַ זאַק און ס'האָט אויסגעזעהן, אַז אין זאַק ריהרט זיך אַ לעבעדיג בעשעפעניש. איז די מוטער געלאָפֿען צום הויפּטמאַן און האָט איהם אַלץ געזאָגט, ווי דער כומר האָט זי געלערנט.

ב.

אָבער ניט אומזיסט שטעהט געשריבען: „לא ינום ולא יישן שומר ישראל". ווי נאָר מען האָט פֿון הימעל געלאָזט וויסען דעם מהרי"ל וועגען דער נאָהענטער סכנה, האָט ער זיך געמאַכט אַ הארץ און האָט נאָך האַלבע נאַכט, ניט קוקענדיג אויף די שדים, וואָס אין דער הייהל, זיך געלאָזט געהן אַהין מיט זיינע צוויי דיענער, רבי אברהם־חיים און יאָסעלע גולם. דריי דיקע פּאַקעלען און געצייג אויף אויסשלאָגען פֿייער און זיין שטעקען האָט ער גענומען מיט זיך, און אַזוי זיינען זיי געגאַנגען שטיל און אָפּגעהיט, קיינער זאָל זיי ניט דערזעהן.

און אַז זיי זיינען צוגעקומען צום קעלער, האָבען זיי אָנגעצונדען אַלע דריי פּאַקעלען. נאָר ווי זיי האָבען געעפֿענט די טיר, אַזוי האָט זיך אויפגעהויבען אַ וויכער, דער קעלער איז פֿול געוואָרען מיט שטויב און די פּאַקעלען האָבען זיך גענומען לעשען. און אַ בילעריי פֿון אַ סך הינט האָט זיך געלאָזט הערען. איז אָנגעפֿאַלען אויף דעם מהרי"ל און זיינע שמשים אַ גרויסער פּחד. רופט זיך אָפּ דער מהרי"ל צו די שמשים: „האָט קיין מורא ניט. נאָר בלייבט שטעהן

אויף אן ארט!" און דער מהרי"ל און ר' אברהם חיים האבען דריי מאל געזאגט א תפילה, איז דער וויכער שטיל געווארען און דער שטויב האט זיך איינגעלעגט. און די בילעריי פון די הינט איז אויך פערשטומט געווארען. אבער אז דער מהרי"ל און די שמשים האבען גענומען געהן איבער'ן קעלער, האבען שטיינער גענומען פאלען אויף זייערע קעפ. האט דער מהרי"ל געזאגט צו יאסעלע גולם: „געה דו אליין, ווארים אויף דיר האבען די שדים קיין שליטה ניט. זוך אין אלע ווינקעלעך און אויב דו וועסט עפעס געפינען, ברענג עס מיר."

דער מהרי"ל און דער שמש זענען אפגעטראטען צוריק צו דער טיר און דער גולם איז אליין אוועק איבער דער הייהל מיט א ברענענדיגען פאקעל אין דער האנט. באלד האט ער געפונען דעם קאסטען, וואו דער הרוג איז געלעגען איינגעוויקעלט אין א טלית, און נאך א קאסטען, אין וועלכען עס זענען געווען א דרייסיג גלעזלעך מיט בלוט, מיט די אידישע צעטעלעך אויף זיי. אז יאסעלע גולם האט דאס אלץ געבראכט, האט דער מהרי"ל געהייסען איהם נעהמען דאס טויטע קינד און אריבערטראגען איבער דער הייהל אין דעם כומר'ס קעלער אריין און בעהאלטען דאס דארטען צווישען די פעסער ווײן אזוי, עס זאל ניט זיין ניכר.

און דער גולם האט אזוי געטאן. דערנאך האט דער מהרי"ל בעפוילען אויסגראבען א גרוב אין קעלער, צוברעכען אלע גלעזלעך און בעגראבען דאס אין גרוב, אז עס זאל קיין סימן ניט בלייבען. דערנאך זיינען אלע דריי אוועק צוריק אהיים, מיט שמחה און פרייד.

אין דערפריה, דעם ערשטען טאג פסח, איז אין אידישען קווארטאל פלוצים געקומען דער הויפטמאן פון שטאדט מיט א סך וואכלייט און זעלנער; אויך דער כומר טאדעאוש איז געווען מיט זיי. די זעלנער און וואכלייט האבען תיכף גענומען דורכזוכען די אידישע הייזער. פריהער האבען זיי געזוכט אין דער גרויסער שוהל, דערנאך ביי דעם מהרי"ל און אין די הייזער פון די חשובי־העיר. פארבייגעהענדיג דעם פינפער־טורעם, מאכט דער כומר צום הויפטמאן: „מען דארף א זוך טאן אויך דא, ווייל די אידען טוען אפט אפ אזעלכע מעשים אין חורבות". האט מען געזוכט אין טורעם און אין קעלער, אבער מען האט גאר נישט ניט געפונען.

אז עס איז אונטערגעקומען זייער פאסכא, שיקט דער כומר

זיין דיענער, וואָס איז געווען דער פאָטער פון דער'הרג'עטען קינד, אין קעלער אַריין זעהן, וועלכע ווייגען מען דאַרף נאָך צוקויפען אויף חגא. איז דער דיענער אַראָפּ אין קעלער און נאָך איהם איז נאָכגעלאָפען אַ הינטעל. לויפט עס אַרום איבער'ן קעלער און נישטערט, ווי די טבע איז פון הינט, ווען זיי שפּירען אַ שטאַרקען ריח. האָט עס דערשפּירט דעם אָרט, וואו דער הרוג איז געלעגען אונ'ט געגומען שטאַרק בילען און שפּרינגען אַרום דעם אָרט. האָט דער דיענער פערשטאַנען, אַז דאָס איז ניט גלאַט, האָט ער גענומען זוכען און האָט געפונען דעם גוף פון זיין קינד.

איז ער אין גרוים איילעניש אַוועק צום הויפּטמאַן און איהם אַלץ דערצעהלט. איז געקומען דער הויפּטמאַן מיט די זעלנער אין קעלער אַריין און האָבען דערזעהן, אַז דעם דיענער'ס רעד זיינען ריכטיג. און דער דיענער האָט גענומען שרייען, אַז דאָס האָט דער כומר גע'הרג'עט זיין זוהן, כדי אונטערצואוואַרפען איהם די אידען. דער כומר האָט תחילת געלייקענט און גע'טענה'ט, אַז ער ווייס פון קיין זאַך ניט. אָבער דערזעהן, אַז עס איז אַרויס ווי בוימעל אויפ'ן וואַסער האָט ער זיך מודה געווען. האָט מען איהם גע'משפּט און בעשטראָפט. כן יאבדו!

(אַ פאָלקס־מעשה) איבערדערצעהלט פון ש. אַנ—סקי.

מ ב ע ר ח מ ץ ז י י ן — אויסראַמען דעם חמץ (ערב פסח). ב י ע ו ר ח מ ץ — די צערעמאָניע פון אויסראַמען דעם חמץ. נ ו ה ג ז י י ן ז י ך—פיהרען זיך. ע ל ־ פ י ־ ס י ב ה—דורך אַ צופאַל. ס י ב ה—צופאַל. נ ר ת מ י ד—אַ ליכט, וואָס ברענט שטענדיג אין בית־המדרש. ד א י כ א ב ר ש ו ת י — וואָס געפינט זיך אין מיין רשות (אַ פראַזע, וואָס מען זאָגט ביי ביעור־חמץ). ד א י כ א ב ח ו מ ש י — וואָס געפינט זיך אין (מיין) פינפער (טורעם). ג ו ד ל — גראָבער פינגער. י ע ק ב'ס ה ו י ז — (אַ ביבלישער אויסדרוק) דאָס פאָלק ישראל. ש ב ת ־ ה ג ד ו ל — דער גרויסער שבת, דער שבת וואָס פאַר פסח. ש ר י פ ה — Conflagration (Fire). ק ה י ל ה ק ד ו ש ה — די הייליגע געמיינדע. ח ש ו ב'ע — אָנגעזעהענע. ח ש ו ב י ־ ה ע י ר — די שעהנסטע בעלי־בתים פון שטאָדט. ב ר ־ מ י נ ן — אַ מת, איידער נאָך מען האָט איהם געבראַכט צו דער קבורה. ל א י נ ו ם ו ל א י י ש ן ש ו מ ר י ש ר א ל — (אַ פסוק פון תהילים) עס דרעמעלט ניט און שלאָפט

ניט דער היטער פון ישראל (גאָט). ש ל י ט ה — מאַכט, הערשאַפט. ה ר ו ג — אַ דער'הרג'עטער. נ י כ ר — קענטיג. ח ג א — אַ יום־טוב פון אַ ניט־אידישער אמונה. נ י ש ט ע ר ן — שטאַרק זוכען, ריהען. ט ב ע — נאַטור, געוועהנהייט. ת ח י ל ת — צוערשט. כ ן י א ב ד ו — אַזוי זאָלען זיי אומקומען (אַ פראַזע, וואָס ווערט געזאָגט, ווען אַ שונא־ישראל קריגט אַ פסק).

124. אין דער נאַכט פון פסח

די זון איז שוין אונטערגעגאַנגען.
עס צאַנקט נאָך אין מערב איהר שיין.
בעגלייט פון דריי גאָלדענע שטערען
איז רוהיג דער יום־טוב אַריין.
עס לייכטען די פענסטער אין געטאָ,
די טישען — זיי שטעהען געגרייט ;
און שטיל אינ'ם קלויסטער דעם אַלטען
בעהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די נאַכט קומט אַלץ נעהנטער און נעהנטער.
עס ברענען די הייליגע ליכט.
אין יעטווידער שטוב שטעהט אַ מאַמע,
פערדעקט מיט די הענט איהר געזיכט.
עס רינען פערלאָזענע טרערען
און ווערען אין געטאָ צושפּרייט...
און שטיל אינ'ם קלויסטער דעם אַלטען
בעהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

די טרערען זיי ווערען פערשוואונדען.
דער בעכער איז, דוכט זיך, שוין פול.
עס שטעהען די קינדער און וואַרטען,
דער טאַטע זאָל קומען פון שוהל.
די פנים'לעך לייכטען פון שמחה :
אין בגדים אין נייע געקליידט —

און שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטען
בעהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

פון שנייַ איז נאָך ווייסער דאָס טישטוך,
עס ווינקט פון די כוסות דער וויין.
עס דוכט זיך, אַז אייביג, אַז אייביג
וועט רוהיג און ליכטיג דאָ זיין;
עס דוכט זיך, אַז אַלץ איז פערגעסען,
פערשוואונדען די אייביגע לייד...
נאָר שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטען
בעהאַלט זיך און לויערט דער טויט.

אַט גנב׳עט זיך איצטער פון דאָרטען
אַ מענשעל מיט איילינגע טריט,
בעהאַלטען צווישען די בוימער,
פון אויגען פון פרעמדע געהיט.
אַט קומט ער שוין נעהנטער צום געטאָ,
עס הערט זיך פון קלויסטער אַ קלאַנג...
דער טויט האָט פערלאָזען זיין ווינקעל
און גנב׳עט זיך שטיל, ווי אַ שלאַנג...

דוד אײנהאָרן.

דאָס ליד איז אַ קאַפּיטעל פון דער פּאָעמאַ „עלילת דם“. אין דעם פריהערדיגען טייל פון דער פּאָעמאַ ווערט דערצעהלט, ווי אַזוי די מאָנאַכען האָבען אין קלויסטער געמאַכט אַ בלוט-פערשווערונג (עלילת-דם) אויף דער אידישער קהילה, און דאָס איז דער זין פון דעם צושפּיל: „און שטיל אינ׳ם קלויסטער דעם אַלטען בעהאַלט זיך און לויערט דער טויט“.

צאַנקען — לעשען זיך, אויסגעהן. לויערן — ליגען אויף דער וואַך און וואַרטען אויף אַ גינסטיגען מאָמענט, אום צו מאַכען אַן אָנפאַל. דער בעכער איז שוין פול — דער בעכער פון טרערען (אַ לעגענדע דערצעהלט, אַז פאַר׳ן כסא-הכבוד שטעהט אַ בעכער, וואו גאָט זאַמעלט די אידישע טרערען, און ווען דער בעכער וועט אַמאָל פול ווערען, וועט משיח קומען).

125. חיים סאַלאָמאָן

האָט איהר געהערט, קינדער, דעם נאָמען חיים סאַלאָמאָן? האָט מען אייך אַמאָל ווען דערצעהלט, וואָס אַ דער איד האָט אויפגעטאָן פאַר דער בעפרייאונג פון אַמעריקע?

חיים סאַלאָמאָן איז געווען אַ באַנקיר. ער איז ניט געווען קיין געבאָרענער אַמעריקאַנער. אַ פּוילישער איד איז ער געווען. ער איז געקומען אַהער נאָך גאַר אַ יונגערמאַן, און האָט זיך בעזעצט אין נויאָרק.

ווען די רעוואָלוציע האָט זיך אָנגעהויבען, און אַמעריקע האָט זיך געוואָלט בעפרייען פון דעם ענגלישען יאָך איז אויך חיים סאַלאָ־מאָן צוגעשטאַנען צו די רעוואָלוציאָנערען. אַז די ענגלישע אַרמיי האָט פערנומען נויאָרק, איז סאַלאָמאָן צוזאַמען מיט אַנדערע רעוואָ־לוציאָנערען אַרעסטירט געוואָרען, און מען האָט איהם אַריינגעזעצט אין געפענגעניש אַלס שפּיאָן. ער איז אַ לאַנגע צייט געזעסען אין תפיסה, אָבער מען האָט איהם אַרויסגעלאָזען. שפּעטער איז ער ווי־דער געווען אין געפאַהר, און ער האָט געמוזט ענטלויפען קיין פי־לאַדעלפיא.

אין פילאַדעלפיא איז ער געוואָרען די רעכטע האַנט פון ראָ־בערט מאָריס, דער באַנקיר, וואָס האָט צוגעשטעלט געלט די אַמע־ריקאַנער רעוואָלוציאָנערען, אַז זיי זאָלען קענען אָנפיהרען די מלחמה מיט ענגלאַנד. מאָריס האָט זעהר שטאַרק געהאַלטען פון סאַלאָ־מאָן'ען. אין דעם טאָגבוך, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, לויבט ער סאַלאָמאָן'ען זעהר שטאַרק, און זאָגט אַז ער האָט דעם לאַנד אַ סך נוצען געבראַכט.

סאַלאָמאָן האָט אָפּגעגעבען אַלע זיינע כחות צו העלפען דער רעוואָלוציע. ער האָט אַליין געגעבען געלט און געזוכט צו קריגען געלט ביי אַנדערע, און האָט דאָס אַלץ אָפּגעגעבען דער אַמעריקאַנער רעגירונג. ער האָט אויך געהאָלפען מיט געלט די פיהרער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, בשעת זיי האָבען זיך אַליין געפונען אין נויט.

איינער פון די, וואָס זיינען געהאָלפען געוואָרען דורך חיים סאַלאָמאָן, איז געווען דזשיימס מעדיסאָן, וועלכער איז שפּעטער גע־וואָרען פּרעזידענט. אין זיינע בריף שרייבט מעדיסאָן, אַז דער

איך חיים סאַלאָמאָן האָט איהם אַ צייט אויסגעהאַלטען און אַז זיין קאַסע איז פאַר איהם תמיד אָפען, אָבער עס לאָזט איהם דאָס האַרץ ניט צו נעהמען ביי איהם געלט, ווייל סאַלאָמאָן וויל בשום אופן ניט קיין בעצאָהלט פאַר די טובות, וואָס ער טוט. סאַלאָמאָן איז זעהר אַ גוטער, זאָגט מעדיסאָן, און ווער עס איז נאָר אין נויט, גיט ער איהם פון זיין אייגענער קעשענע.

סאַלאָמאָן האָט קיינמאָל ניט געזוכט צו קריגען זיין געלט צו־ריק פון דער רעגירונג, חאָטש געהייסען האָט עס, אַז ער גיט דער רעגירונג דאָס געלד אַלס גמילת־חסד. די אַמעריקאַנער רעגירונג איז דענסטמאָל געווען צו אָרים, און זי האָט ניט געקענט אָפּצאָהלען סאַלאָמאָן׳ען זיין חוב.

אַ לאַנגע צייט נאָך סאַלאָמאָן׳ס טויט האָבען זיינע יורשים געפּרובירט בעטען ביי דער אַמעריקאַנער רעגירונג דעם חוב. דער סענאַט האָט אָפען מודה געווען, אַז סאַלאָמאָן האָט אַ סך געהאָל־פען דער רעגירונג מיט הלוואות און האָט אויך פון זיין אייגענער קעשענע אויסגעהאַלטען די מענשען, וואָס האָבען געקעמפט פאַר דער אומאָפּהענגיגקייט פון די פעראייניגטע שטאַטען. אָבער מעהר ווי מיט די דאָזיגע ווערטער איז דער סענאַט ניט אָפּגעקומען. חיים סאַלאָמאָן׳ס יורשים האָבען דאָס געלט, וואָס עס איז געווען אַ היבשע סומע, עד היום ניט צוריקגעקראָגען.

שפּעטער איז אין קאָנגרעס געווען אַ רעד, אַז מען זאָל צום אָנדענקען פון חיים סאַלאָמאָן אויסקלאַפּען אַ גאָלדענעם מעדאַל אָבער דאָס איז קיינמאָל ניט אויסגעפיהרט געוואָרען.

און אַזוי איז נאָך עד־היום גאָרנישט געטאָן געוואָרען צו עהרען דעם נאָמען פון דעם אידען, וואָס האָט אַזוי פיעל געטאָן פאַר דער אַמעריקאַנער פרייהייט.

ל. ע.

ת פ י ס ה — געפענגעניש. ג מ י ל ת ־ ח ס ד — געלט וואָס מען באָרגט עמיצען אויס גוטסקייט, אויס מענשליכקייט (גמילת־חסדים איז איינע פון די גרעסטע מצוות ביי די אידען). אָ פּ ה ע נ ג י ג — ניט פריי, אונטערוואָרפען. א ו מ אָ פּ ה ע נ ג י ג — פריי, זעלבסט־שטענדיג. אָ פּ ק ו מ ע ן — יוצא זיין, מיינען אַז מען איז שוין פאַרטיג. ע ד ה י ו ם — ביז היינטיגען טאָג.

126. פון עמוס

—אם יחתרו בשאול

... אין דעם טאָג פון מיין גרויזאַמען צאָרען
וועט געהן יעטווידער איינער פערלאָרען...
אויב איהר וועט אין דער ערד זיך פערשטעקען —
וועט פון דאָרטען מיין אויג אייך ענטפלעקען.
אויב אויף שפּיצען פון פעלזען ענטרינען —
וועט אייך דאָרטען מיין האַנט אייך געפינען.
אויב צום גרונד פון די ים'ען דערלאַנגען —
וועל איך דאָרט אויף אייך אַנשיקען שלאַנגען.
און געטריבען פון שונא, אין קייטען,
וועל איך שיקען דעם שווערד אייך צו טויטען...

* * *

—לא רעב ללחם ולא צמא למים

... עס וועט קומען אַ טאָג, זאָגט מיין גאָט,
וועט אַ הונגער דער וועלט'ס האַרץ פערקלעמען...
ניט קיין הונגער נאָך ברויט און נאָך וואַסער, —
נאָר אַ הונגער גאָט'ס וואָרט צו פערנעהמען.

און פון איין ווינקעל לאַנד צו דעם צווייטען,
וועט דער מענש מיט אַ שמאַכטענדען זינען
אַרומוואַנדערען זוכען גאָט'ס וואָרט —
און ער וועט דאַן דאָס וואָרט ניט געפינען...

אין דעם דאָזיגען טאָג, זאָגט מיין גאָט,
וועלען פול זיין מיט זוכער די וועגען...
און קיין איינציגער שטראַל אין דער פינסטער
וועט ניט גליהען מיט טרויסט זיי אַנטקעגען...

* * *

—ונגש חורש בקוצר

... און דער אַקערער וועט מיט דעם שניטער
זיך טרעפען אין פעלד...

און אַ גרויסעס און מעכטיגעס ליד וועט
פערקלינגען די וועלט
און אין קעלטער — די בלוטרויטע טרויבען
געטרעטען אין ויין.
און דער שייער — מיט שמעקענדע קערנער
וועט אָנגעפילט זיין.
און די בערג וועלען טריפען מיט האָניג
און פליסען אין טאָל.
און די שטעדט די פערוויסטע — אויפבליהען
אַזוי ווי אַמאָל !...

י. י. שוואַרץ.

ע נ ט ר י נ ע ן — ענטלויפען. פ ע ר נ ע ה מ ע ן — דער־הערען, דערשפירען. ז י נ ע ן — געדאַנק, בעוואוסטזיין.

127. ר׳ לייבעלע זאַקענמאַכער

א.

אין דער שטאָדט פּראָג האָט אַמאָל געוואוינט אַ גרויסער גביר, זעהר אַ פרומער, און ער איז טאָג און נאכט געזעסען איבער דער הייליגער תורה.

אין יענער צייט האָט אין פּראָג געלעבט אַ גרויסער דוכס, זעהר אַ רייכער. דערהערט ער וועגען דעם גביר, אַז ער איז אַ פרומער און אָרענטליכער מענש, איז ער געקומען צו איהם בעקאַנט ווערען און רעדען מיט איהם. און אַז ער האָט דערזעהן, אַז ער איז אַ גרויסער חכם, האָט ער צו איהם אַזוי געזאָגט:

„מיין הארץ איז צוגעקלעפּט צו דיר, איך קאָן גאָר פון דיר ניט אוועקגעהן".

אויף מאָרגען איז ער ווידער געקומען און האָט ווידער פער־בראַכט מיט איהם. און אויך אויפ׳ן דריטען טאָג איז ער ביי איהם געוועזן, ווייל ער האָט שוין ניט געקאָנט לעבען אָהן איהם. און ער האָט צו איהם אַזוי געזאָגט:

„איך מאַך דיך פאַר דעם הויפּטאויפזעהער אויף אַלע מיינע הויפען און גיטער, מחמת די שטאָדט פּראָג און די דערפער ארום

געהערען צו מיר. איך זעה אז דו ביזט א קלוגער און ארענטליכער מענש און דו וועסט עהרליך און טריי פיהרען מיינע עסקים".

האט דער דוכס אויסגעבויט איהם א גרויסען פאלאץ און איהם אויך געשענקט א גרויסען ווייןהאנדעל.

דער גביר האט א גאנצען טאג געלערנט תורה ווי פריהער און נאר צוויי שעה אין טאג אכטונג געגעבען אויף די געשעפטען פונ'ם דוכס. און אלץ האט ער געפיהרט עהרליך און מיט גרוים טריישאפט.

איינמאל בעקומט דעם גביר'ס משולח א צעטעל פון בישאף פון שטאדט, וואו ער שרייבט איהם: „היות איך בין דיר שולדיג טויזענט דוקאטען פאר ווייו און איך האב איצטער קיין געלט ניט, נאר מארגען דארף איך געבען א גרויסען באל, איז דעריבער מוזטו מיר ווידער שיקען וויין אויף חוב און אין א קורצער צייט וועל איך דיר אלץ בעצאהלען".

קומט דער משולח צום גביר און דערצעהלט איהם די מעשה. איז דער גביר געווארען אין כעס און האט מעהר ניט געהייסען גע־בען דעם בישאף קיין וויין אויף בארג. איז דער בישאף אנגע־צונדען געווארען און געזאגט, אז דער איד וויל איהם אנטאן א בזיון און ער האט געשווארען נקמה צו נעהמען פון דעם גביר.

געוועז איז דאס פסח־צייט. רעדט דער צורר איין א קריסט, ער זאל הרג'ענען א קריסטליך קינד און אונטערוואָרפען עם דעם גביר אין קעלער. האט דער קריסט דערשטאכען זיין אייגען קינד און עם אונטערגעווארפען דעם גביר אין דעם אפענעם קעלער אריין; און אין דער ערשטער נאכט פסח, ווען דער גביר איז געזעסען א פרעהליכער ביים סדר, איז אנגעקומען דער בישאף מיט א סך מענשען, האבען ארומגערינגעלט דאס הויז, געגומען זוכען אומע־טום און געפונען דעם הרוג אין קעלער. דער בישאף האט אויפ'ן שטעל געוואלט דעם גביר שמידען אין קייטען, אבער דא האט זיך אריינגעמישט דער דוכס. ער האט געזאגט, אז ער קען דעם אידען פאר זעהר אן עהרליכען מענשען, וואס וועט זיכער ניט גנב'נען קיין קריסטליכע קינדער, און ער וויל אז משפט'ען איהם זאלען נאר דער מלך און דער פויפסט.

האט דער בישאף אוועקגעשטעלט ארום הויז א וואך, אז דער

גביר זאָל ניט ענטלויפען און מען האָט געשיקט נאָכ'ן מלך און דעם פויפסט, זיי זאָלען קומען משפט'ען דעם אידען.

די גאַנצע פּראַגער קהלה איז געווען שטארק בעטריבט און האָט מתפּלל געווען פאַר דעם גביר, ווייל ער איז געווען ניט נאָר א פרומער, נאָר אויך א גרויסער בעל־צדקה און האָט געטאָן א סך טובות דעם פאָלק. שטארק בעטריבט איז אויך געווען דער פּראַגער רב, דער גור־אריה, און האָט געבעטען ביי גאָט, ער זאָל איהם ווייזען א וועג. איינמאָל, ווען ער האָט זיך געלעגט שלאָפען אין גרויס צער איבער'ן בלבול, האָט מען איהם מודיע געווען אין חלום:

„העד אויף זיך מצער צו זיין און צו פאַסטען, נאָר פאָהר אין יענער און יענער שטאָדט. דאָרטען וואוינט איינער א רבי לייב און מען רופט איהם לייבעלע זאָקענמאַכער. נאָר דער לייבעלע אליין קאָן דאָ העלפען, מעהר קיינער ניט."

אויף מאָרגען אין־דערפריה איז דער גור־אריה גלייך אוועקגעפאָהרען אין יענער שטאָדט און האָט זיך גענומען פרעגען אויף לייבעלע דעם זאָקענמאַכער, האָט מען איהם געענטפערט מיט חוזק: „אויף וואָס דאַרפט איהר לייבעלע דעם זאָקענמאַכער? דאָס איז דאָך גאָר אַן עם־הארץ".

ענטפערט דער גור־אריה: „וואָס אַרט אייך, אויף וואָס איך דאַרף איהם? ווייזט מיר נאָר, וואו ער וואוינט".

ווייזט מען איהם, וואו דער זאָקענמאַכער וואוינט: הינטער'ן שטאָדט אין א קליין שטיבעלע. געהט דער גור־אריה צו איהם. לייבעלע גיט איהם שלום און פרעגט, וואָס ער דאַרף. זאָגט דער גור־אריה, ער האָט צו איהם אַן ענין. פרעגט לייבעלע: „אפשר דאַרפט איהר א פּאָר זאָקען?" דערצעהלט איהם דער גור־אריה, צוליב וואָס ער איז געקומען. צולאַכט זיך לייבעלע: „איך קאָן נאָר זאָקען מאַכען. ווי קום איך צו רעדען מיט'ן מלך און מיט'ן פויפסט?" מאַכט צו איהם דער גור־אריה: „דאָ וועט אייך ניט העלפען קיין שום אויסרעד, איהר דאַרפט מציל זיין א גרויסען צדיק. מען האָט מיר אין חלום מודיע געווען, אז איהר קאָנט דאָס טאָן, וועט איהר פערדיענען א גרויסע מצוה".

ענטפערט איהם יעמאָלט לייבעלע:

„פאָהרט אהיים, רבי, און איך וועל שוין דאָרטען זיין. איך'ל געהן צו־פוס, ווייל דער משפט וועט ערשט זיין אום שבועות".

ב.

ערב שבועות לאָזט זיך לייבעלע געהן אין וועג צו־פוס. ניט ווייט פון פראָג יאָגט איהם אָן אין א רייכען קאַראָט דער פויפּסט, וואָס איז געפאָהרען אויפ׳ן משפט קיין פראָג. אז דער פויפּסט האָט דערזעהן דעם אָרימאַן, שטעלט ער איהם אָפּ און פרעגט, ווער איז ער און וואוהין ער געהט. ענטפערט לייבעלע, ער איז א איד און געהט קיין פראָג אויף שבועות. זאָגט איהם דער פויפּסט: „זעץ זיך מיט מיר, וועסטו גיכער אָנקומען אין שטאָדט.“

לייבעלע זעצט זיך צום פויפּסט און אין וועג שמועסען זיי זיך פאַנאַנדער. פרעגט דער פויפּסט: „וואָס דאַרפסטו אין פראָג?“ ענטפערט ער איהם, ער האָט דאָרטען א קליינעם עסק און פרעגט צוריק דעם פויפּסט, צוליב וואָס פאָהרט ער. דערצעהלט איהם דער פויפּסט די גאַנצע מעשה. מאַכט לייבעלע: „איך פאָהר אויך וועגען דעמזעלביגען ענין“. און ער בעט דעם פויפּסט, ער זאָל אָהן איהם ניט געהן אין משפט אריין. זאָגט איהם דער פויפּסט צו. אזוי זיינען זיי געקומען קיין פראָג און זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

אויף מאָרגען אין־דערפריה האָט מען אויפ׳ן פלאַץ אוועקגע־שטעלט א תליה און מען האָט געשיקט רופען דעם קיסר און דעם פויפּסט. דער פויפּסט האָט געהאַלטען וואָרט און איז ניט געגאַנ־גען אָהן דעם אָרימאַן. אויפ׳ן פלאַץ איז לייבעלע געזעסען לעבען דעם מלך און דעם פויפּסט, אויך דער בישאָף און דער דוכס זיינען געקומען, און דער בישאָף האָט גענומען טענה׳ן פאַר די שופטים:

„וואו איז דאָס געהערט געוואָרען? ניט שוין, ווייל ער איז אזא חשוב ביים דוכס, מעג ער שוין טויטען א קריסט? דאָס האָט ער דער׳הרג׳עט דאָס אינגעל“.

ווענדט זיך דער פויפּסט צו דעם אָרימאַן:

„וואָס וועסטו זאָגען?“

„און איך וועל דיר דערווייזען, אז ניט דער איד האָט געטויט, נאָר דער בישאָף האָט געהייסען טויטען און אונטערוואַרפען דאָס קינד.“

און ער איז תיכף מוסיף: „געהט נאָך נאָך מיר.“

פיהרט זיי לייבעלע, און א גרויס פאָלק געהט נאָך, זעהן די וואונדערליכע זאַכען פון דעם אָרימאַן. האָט ער זיי צוגעפיהרט צום קבר פון דעם קריסטליכען קינד און געהייסען ארויסנעהמען

עס פון קבר. אז מען האָט עס אַרויסגענומען, זאָגט צו דעם לײ־בעלע:

„זעהסט, װער עס שטעהט פאַר דיר? זעץ זיך!“

זעצט זיך דאָס קינד.

זאָגט װידער לײבעלע:

„איז װאָס שװײגסטו? דערצעהל, װער האָט דיך דערשטאָ־כען!“

האָט דאָס קינד גענומען דערצעהלען אַלץ, װי עס האָט פּאַ־סירט:

„אַז איך בין קראַנק געװאָרען, איז געקומען דער בישאָף צו מײן טאַטען און זאָגט איהם: „איך זאָג דיר צו גן־עדן אויף יענער װעלט, אויב דו װעסט דערשטעכען דײן קינד און אונטערװאַרפען עס דעם װײנהענדלער, װאָס האָט מיך אַזוי בעלײדיגט. דײן קינד װעט דאָך סאַי װי סאַי שטאַרבען, װײל עס איז אַזוי שװאַך.“ נאָך לאַנגע רעד האָט ער דעם פאָטער איבערגערעדט. האָב איך אָנגעהויבען שטאַרק צו װײנען און צו שרײען. אָבער מײן װײנען און בעטען־זיך האָט ניט געהאָלפען. דער טאַטע האָט אָנגעשאַרפט אַ גרויס מעסער, און איך בין געלעגען אין שטאַרקער היץ און האָב מיך ניט געקאָנט אַ ריהר טאָן. איז דער טאַטע צו מיר צו־געגאַנגען און האָט מיך דערשטאָכען. װאָס װײטער איז געװען, װײס איך ניט“.

„נו — איצטער לעג דיך צוריק, איך האָב שוין גאָר נישט װאָס צו פרעגען בײ דיר“.

דאָס קינד לעגט זיך אַװעק און װערט צוריק אַ בר־מינן. הײסט לײבעלע אַװעקלעגען עס אין קבר װי פריהער און װענדט זיך צו דעם מלך און דעם פויפּסט:

„נו, װאָס װעט איהר איצטער זאָגען אויף דעם בישאָף? לאַ־די װאָס ער האָט אַלײן געהײסען אַ קינד טויטען, האָט ער נאָך גע־װאָלט אַרויפפיהרען אויף דער תליה אַ אידען“.

תיכף האָבען דער מלך און דער פויפּסט בעפוילען, מען זאָל אויפהענגען אויף דער תליה דעם בישאָף און דעם קינד'ס פאָטער. און אַלע האָבען זיך געװאונדערט אויף דעם מופת, װאָס לײבעלע האָט בעװיזען.

דערנאָך האָט דער מלך זעהר דערנעהענט צו זיך לײבעלע'ן

און אַלע האָבען איהם אָפּגעגעבען גרויס כבוד און זיין נאָמען האָט זיך פערשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

(אַ פאָלקס-מעשה) איבערדערצעהלט פון ש. אַנ—סקי.

דוכס — הערצאָג, Duke. הויף — אַ מאַיאָנטעק. מחמת — וויל. עסק (עסקים) — אַ געשעפט. משולח — אַ קלערק. היות — אַזוי ווי, Whereas. אָנטאָן בזיונות — פערשעמען. צורר — אַ שונא פון אידען, אַ רשע. פויפסט — פּאַפּסט. צדקה — הילף פאַר אָרימע. בעל־צדקה — איינער וואָס טוט (גיט) צדקה. מודיע זיין — לאָזען וויסען. מצער זיין זיך — האָבען האַרצוועהטאָג. חוזק — שפּאָט. עם־הארץ — אַ פּראָסטער, ניט קיין געלערנטער מענש. שלום־געבען — בעגריסען מיט געבען די האַנט (אַז איין איד בעגעגענט אַ צווייטען, גיט ער איהם די האַנט און זאָגט איהם „שלום-עליכם", און יענער ענטפערט איהם „עליכם-שלום"). ענין — אַ זאַך, אַ פראַגע, אַן עסק, אַ אינטערעס (מיט'ן אַקצענט אויף דער צווייטער זילבע). אויסרעד — אַ תירוץ אויף אַרויסצודרעהען זיך). מציל זיין — אָפּראַטעווען. קאַראָט (מיט'ן אַק־צענט אויף דער צווייטער זילבע) — קאַרעטע. תליה — אַ געשטעל אויף וועלכען מען הענגט פערברעכער. מוסיף זיין — צולעגען, צוגעבען. לא־די — נאָך וועניג וואָס.

128. חד־גדיא

לאָמיר זינגען דאָרט און דאָ,
משה, נעהם די פידעל:
דעם חד־גדיא, חד־גדיא —
אָט דאָס אַלטע לידעל.
חאָטש דאָס לידעל איז אַלט,
נאָר ס'וועט ווערען אינגער באַלד.
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

ציה די סטרונעס אַלע אָן,
ווייל דאָס לידעל הויבט זיך אָן!

יעדער ווייס דאָס — גרויס און קליין —
אַז ביים אַלטען טאַטען
איז אַ ציגעלע געווען...
הערט אַ משא־מתן :
קומט אַ קעצעל — ס'איז ניט פויל
חאַפּט דאָס ציגעלע אין מויל.
חד־גדיא ! חד־גדיא ! חד־גדיא !

כ'האָב נאָך געהערט אין וויגעלע
דאָס לידעל פון דעם ציגעלע...
חד־גדיא ! חד־גדיא ! חד־גדיא !

טוט זיך פון דער קייט אַ ריס
אַ פּיסקאַטע הינטעל,
טוט דאָס קעצעלע אַ ביס,
יאָגט גלייך ווי אַ ווינטעל.
יאָגט אויף אַלע פיער צוריק
איבער וואַסער אָהן אַ בריק.
חד־גדיא ! חד־גדיא ! חד־גדיא !

יאָג זיך, טראָג זיך, הינטעלע,
ניט תמיד וועהט אַ ווינטעלע !
חד־גדיא ! חד־גדיא ! חד־גדיא !

וואָס ס'איז ווייטער דאָרט געשעהן,
וועל איך אייך באַלד זאָגען :
קומט אַ שטעקעלע צוגעהן,
חאַפּט דאָס הינטעל שלאָגען.
דאָס הינטעל שרייט — ס'איז אַ געוואַלד !
ביז עס ווערט אַנשוויגען באַלד.
חד־גדיא ! חד־גדיא ! חד־גדיא !

שטעקען, שטעקען, שטעקעלע,
פון יעדער זייט אַן עקעלע !
חד־גדיא ! חד־גדיא ! חד־גדיא !

קומט דאָס פייער אויפ'ן אָרט —
פשוט מיט סכנות.
און צוברענט זיך דאָ און דאָרט
גאָר אומ'ברחמנות.
ביז אין הימעל געהט דער רויך
און פערברענט דעם שטעקען אויך.
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

פייער! פייער! אוי, עס בריהט.
אוי, דאָס לעבען קאָכט און זידט!
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

האָט דאָס וואַסער דאָס דערזעהן —
אוי, די הילף איז טייער —
קומט דאָס וואַסער גלייך צוגעהן
און פערלעשט דאָס פייער.
וואו ס'איז נאָר געווען אַ פונק,
איז פערלאָשען באַלד אַלסדינג.
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

וואַסער! וואַסער! גים און גים,
וואו דו לויפסט, גיב אָפּ אַ גרים...
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

קומט אַן אָקס, אַליין ניט גרויס,
נאָר מיט הערנער גרויסע,
טרינקט דאָס גאַנצע וואַסער אויס,
ווי מען טרינקט אַ כוס'ע.
מיט דער צונג זיך שטאַרק בעלעקט —
ס'האָט די כוס'ע איהם געשמעקט.
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

אָקסען דאָ און אָקסען דאָרט.
אָהן אַ לשון, אָהן אַ וואָרט.
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

קומט דער שוחט, פעט ווי שמאַלץ,
מיט אַ שאַרפֿען מעסער,
מאַכט דאָס מעסער איבער'ן האַלז —
בלוט רינט גאַנצע פֿעסער.
נאָר אַ חריפֿ האָט מען געהערט,
ליעגט דער אָקס שוין אויף דער ערד...
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

שוחט, שוחט, — גרינגע האַנט!
ס'גיסט זיך בלוט אין גאַנצען לאַנד!
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

קומט דער מלאך־המות צוגעהן —
ער האָט געפֿונען אַ קרבן —
האָט דער שוחט איהם דערזעהן,
איז ער באַלד געשטאָרבען.
דער שוחט וויינט און פֿרעגט: „פֿאַרוואָס?"
האָט ער בעקומען אַ שנעל איז נאָז...
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

דער מלאך־המות קלאַפּט אין טיר:
עפען, עפען, איך קום נאָך דיר!
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

לאָזט זיך גאָט אַראָפּ אַליין —
ער טרייבט ניט קיין קאַטאָוועס.
האָט ער אויף דער ערד דערזעהן
דעם אַלטען מלאך־המות.
גאָט האָט זיך צוגעריהרט צו זיין שוים,
איז פֿון מלאך געוואָרען אוים...
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

גאָט איז צוריק צום הימעל אַרויף —
יעדעס לידעל האָט אַ סוף.
חד־גדיא! חד־גדיא! חד־גדיא!

מ. מ. וואַרשאַווסקי.

משא־מתן — אַ געשיכטע, אַ געשלידער, אַ מעשה וואָס געהט געקייטעלט איינס אין צווייטען. פּיסקאַטע — מיט אַ גרויס מויל. חריפּ — אַ הייזעריגער כאָרכעל (ווי פון אַ גוסס). גרינגע האַנט — אַ פלינקער, אַ בריה.

129. דער תנ״ך

אומצעהליגע מאָל האָב איך דעם תנ״ך געלערנט, געלייענט, געבלעטערט און אַריינגעקוקט אין איהם. אומצעהליגע מאָל האָב איך זיך פערטיפט, און, אויב מען קאָן אזוי זאָגען, זיך אַריינגעלעבט אין דעם „בוך פון אַלע ביכער״, און יעדעם מאָל קומט מיר דער תנ״ך פאָר ווי אַ נײַ, גאַנץ נײַ, נאָך קיינמאָל ניט געלעזען בוך.

אזוי אַלט, און אַזוי נײַ! אַזוי ווייט פון אונז, און אַזוי נאָהענט!

דער תנ״ך איז געווען דאָס ערשטע בוך, וואָס איך האָב אָנגעהויבען לייענען, ריכטיגער: לערנען. און איך וויל גלויבען, איך וויל האָפען, אַז אויך מיין לעצט בוך, וואָס איך וועל לייענען, איידער דער לעצטער שטראַל ליכט וועט פערלאָשען ווערען אין מיינע אויגען און אין מיין גייסט, וועט זיין דער תנ״ך.

סתם אַ בוך לייען איך, אין בעסטען פאַל: לערן איך; דעם תנ״ך אָבער לעב איך דורך. דער תנ״ך איז אין מיינע אויגען די נשמה פון מיין נשמה. די נשמה יתירה פון מיין פאָלק, די קווינט־עסענץ פון אונזער העכסטער, ריינסטער און עדעלסטער נאַציאָנאַלער שעפּפונג.

איך עפען דעם תנ״ך און לייען אונזערע נביאים — און איך בין געטרויסט. דאָס גאולה־וואָרט איז דאָ, עס לייכט אין מיינע אויגען, עס איז געשריבען מיט שוואַרץ פייער אויף ווייסען.

און יעדעם וואָרט ביי די נביאים בליצט, בליצט און בעלייכט טיפע אָבגרונטען. יעדער פּסוק איז ווי אַ דונער וואָס מאַכט ריין די לופט. אַ טויבער מוז דאָס הערען, אַ בלינדער מוז דאָס זעהן.

ראובן ברייני́ן.

תנ״ך (דער ראשי תיבות, די אָפּקירצונג פון די ווערטער תורה,

נביאים וכתובים) — די פיער־און צוואַנציג ספרים פון אַלטען טעס־טאַמענט. ס ת ם — אומבעשטימט, גלאַט. נ ש מ ה י ת ר ה — די איבעריגע (די צוגעקומענע) נשמה. לויט דער אידישער לעגענדע בעקומט יעדער איד אַ צווייטע נשמה לכבוד שבת. ק ו ו י נ ט ־ ע ס ע נ ץ — תמצית, עצם.

130. דער תלמוד

כ'געהם דעם תלמוד אין דער האַנט
און ס'ענטפלעקט זיך נייעס לאַנד,
נייעס לאַנד און נייער ישוב,
און עס שוועבט אויף אַלץ אַ כישוף...

ס'וועהט, ס'געהט אַן אַנדער לופט,
און אַ בת־קול, דאַכט זיך, רופט,
און עס הויבט זיך אָן צו בענקען
ווייט פון קראָמען און פון שענקען...

און ביים מישען יעדעם בלאַט
פליסטערט, דאַכט זיך, שטיל: אַ, שאַט!
שאַט, רבותים, דאָ איז הייליג,
גרויסע האָבען דאָ אַ חלק...

גרויסע גייסטער, ניט ווי מיר,
קענען קומען אין דער טיר,
וואו אָהן אָנהויב און אָהן ענדען
וועהען בת־קול'ס און לעגענדען...

אברהם רייזען.

י ש ו ב — בעוואוינט לאַנד, יבשה. ש ע נ ק — אַ וויין־הויז. ו ו י י ט פ ו ן ק ר אָ מ ע ן א ו ן פ ו ן ש ע נ ק ע ן — דער זין איז: ווייט פון אינטיגען וואָכעדיגען לעבען. פ ל י ס ־ ט ע ר ע ן — שעפטשען. ש אַ ט (דער רבים פון שאַ) זייט שטיל, שווייגט (אַן אויסרוף וואָס ווערט געברויכט פון שמש אין שוהל ביים

אָנזאָגען וויבאַטיגעס דער קהלה). ר ב ו ת י ם (רבותי) — מיינע רביים, מיינע הערען.

131. אידען אין דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע

ניט קיין פרעמדע זיינען די אידען אין אַמעריקע. מיט זייער בלוט און גוט האָבען זיי פעט געמאַכט דאָס לאַנד און געהאָלפען מאַכען עס פאַר אַ פרייע מדינה.

בעת די רעוואָלוציע קעגען דער ענגלישער טיראַניי האָט אויסגעבראָכען, האָבען זיך אין די קאָלאָניעס געפונען סך־הכל אַ צוויי טויזענט אידען; דאָס רוב פערמעגליכע סוחרים, וואָס האָבען געשטאַמט פון די גולי שפּאַניען און פּאָרטוגאַל. פונדעסטוועגען האָבען זיי צוגעשטעלט אַ היבש ביסעל סאָלדאַטען פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, און אפילו די וואָס האָבען זיך אויפ'ן שלאַכטפעלד אַליין ניט געשלאָגען, האָבען געהאָלפען דער רעוואָלוציע אויף אַ סך אַנדערע אופנים. און געדענקען דאַרף מען, אַז די אידען האָבען דענסטמאָל אין אַמעריקע נאָך קיין גלייכע רעכט ניט געהאַט.

די אידישע סאָלדאַטען פון דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי האָבען אַרויסגעוויזען גרויס העלדישקייט. פיעלע האָבען זיך אַזוי אויסגעצייכענט, דאָס זיי האָבען זיך דערדיענט צו אָפיצערען — קאַפּיטאַנען, מאַיאָרען, לייטענאַנט־קאָלאָנעלען און אפילו קאָלאָנעלען.

איין איד אַ לייטענאַנט־קאָלאָנעל איז געווען דוד סאָליסבורי פראַנקס. זיין שנאה צו דער ענגלישער טיראַניי האָט ער אַרויסגעצייגט נאָך דאַמאָלס, ווען ער האָט געוואוינט אין מאָנטרעאָל, אין קאַנאַדע. ער האָט גערעדט מיט פעראַכטונג פון דעם ענגלישען קעניג, און איז דערפאַר אַ צייט געזעסען אין תפיסה.

שפּעטער איז ער אוועק קיין פילאַדעלפיא, וואו ער איז צוגעשטאַנען צו גענעראַל בענעדיקט אַרנאָלד'ס אַרמיי, ווערענדיג זיין אַדיוטאַנט. דאָס האָט איהם אָבער אַריינגעשלעפּט אין אַ צרה. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז אַרנאָלד איז אַ פעררעטער, איז דער חשד אויך געפאַלען אויף זיין אַדיוטאַנט פראַנקס. מען

האָט איהם געשטעלט פאַר אַ קריעגס־געריכט, אָבער די ריכטער האָבען באַלד אויסגעפונען, אַז פראַנקס האָט ניט געהאַט קיין שום השגה פון דער פאַלשקייט פון זיין עלצטען. דערמיט אַליין איז פראַנקס נאָך ניט צופרידען געווען, און ער האָט אַוועקגעשריבען צו וואַשינגטאָן׳ען אַליין, אַז ער זאָל אויספאָרשען די זאַך. וואַשינגטאָן האָט זיין בקשה דערפילט, און אויך וואַשינגטאָן׳ס אויספאָרשונג האָט בעוויזען, אַז פראַנקס איז געווען אינגאַנצען אומשולדיג.

די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט שפּעטער פראַנקס׳ען בעלוינט פאַר זיין פּאַטריאָטיזם און איהם ניט איין מאָל געשיקט קיין אייראָפּע מיט וויכטיגע שליחות׳ען. פאַר זיינע גבורות אין דער רעוואָלוציע האָט ער אויך געקראָגען אַ מתנה פון דער רעגירונג, פיער הונדערט אַקער לאַנד.

ניט קיין קלענערע ראָליע האָט אויך געשפּילט אין דער רעוואָלוציע זיין קרוב קאָלאָנעל אייזאַק פראַנקס. דער פראַנקס איז אַריינגעטראָטען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי צו זיבעצעהן יאָהר, און האָט זיך אויסגעצייכענט אין דער שלאַכט פון לאָנג איילענד. ווען די ענגלישע אַרמיי האָט פערנומען נויאָרק, איז אייזאַק פראַנקס אַריינגעפאַלען אין פּלען, אָבער אין דריי חדשים אַרום איז ער ענטלאָפען און האָט ווייטער געקעמפט אויפ׳ן שלאַכטפעלד קעגען די ענגלענדער.

אייזאַק פראַנקס האָט געהאַט די זכיה, וואָס וואַשינגטאָן איז ביי איהם אַ צייט לאַנג איינגעשטאַנען אין זיין הויז אין פילאַדעלפיא (איצט איז עס 5442 מעין סטריט).

גאָר אַ הייסער פריינד פון פרייהייט האָט געמוזט זיין דער פּראָנצויזישער איד בנימין נאָנעס. ער איז נאָר וואָס געווען אָנגעקומען קיין אַמעריקע פון זיין געבורטסשטאָדט באָרדאָ, אין פראַנקרייך. אָבער איידער ער האָט נאָך צייט געהאַט אַרומצוקוקען זיך, וואו ער איז אין דער וועלט, איז ער שוין אַריינגעטראָטען אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי. ער האָט געדיענט אונטער גענעראַל פּולאַסקי, בעת די שטאָדט סאַוואַנאַה, דזשאָרדזשיא, איז געווען אונטער בעלאַגערונג. פאַר זיין העלדישקייט האָט ער געקראָגען אַן אַטעסטאַט און זיך אויך דערדיענט צו מאַיאָר.

אין דער זעלבער בעלאַגערונג האָט זיך אויך אויסגעצייכענט

דער איד מרדכי שעפטעל. עס האָט דענסטמאָל דאָס גאַנצע לאַנד געקלונגען מיט דעם, ווי אַזוי די ענגלענדער האָבען איהם געפאַנגען, נאָכדעם ווי זיי האָבען איינגענומען די שטאָדט. פאַר זיין העלדישקייט איז ער שפּעטער בעלוינט געוואָרען מיט אַ שטיק לאַנד.

אָט אַזוי האָבען אונזערע עלטערן געקעמפּט זייט ביי זייט מיט זייערע אַמעריקאַנער ברידער און אינאיינעם זייער בלוט פערגאָסען פאַר אונזער אַלעמענס פרייהייט.

ל. ע.

ב ל ו ט א ו ן ג ו ט — דאָס לעבען און דאָס פערמעגען. ג ו ל י — די אַרויסגעטריבענע. א ו פ ן (אופנים) — וועג, שטייגער. ח ש ד — פערדאַכט, Suspicion. ה ש ג ה — בעגריף, ידיעה. ע ל צ ט ע ר — Superior. פ ל ע ן — געפאַנגענשאַפט (אין מלחמה). ז כ י ה — כבוד, עהרע, פריווילעגיע.

132. אין אָוועגט

אין טרויעריג־זיסע חלומות
פערוויגט שטיל דאָס ווינטעל די וועלט,
און „קריאת שמע“ מורמעלט דאָס טייכעל
און דרעמעלט אין מיטען און קוועלט.

און הייליג פערבויגען די צווייגען,
פערטראַכט זיך דער שמעקענדער וואַלד;
עס גיבען אַ שטיף אַ פאָר בלעטלעך
און ווערען אַנשוויגען אָט באַלד.

און ס׳קומען און בלייבען שטעהן שאָטענס,
ווי שומרים ביי איטליכער טיר,
דער נאַכטיגאַל קנאַקט און פערגעהט זיך,
און ס׳בלאָנדזשעט אַ גרילצען: „טשיר, טשיר“.

עס שווימט ווי פערמאַטערט פון קירכע
אַ „בים־באָם“ און ברומט און צוקריכט;
דעם הימעל הפנים ווערט פינסטער —
ער צינדט אָן די שטערענדלעך׳ם ליכט.

ז. שניאור.

ק ר י א ת ש מ ע — דאָס געבעט פאַר׳ן שלאָף (הייבט זיך אָן מיט די ווערטער „שמע ישראל“). ל י י ע נ ע ן ק ר י א ת ש מ ע — זאָגען קריאת־שמע.

133. ארץ־ישראל־ערד

(אַ פאָלקסטימליכע געשיכטע)

פליהט אַן אָרים נשמה׳לע, נידעריג איבער דער לעבעדיגער וועלט, און זוכט מתנות פאַר די צדיקים אין גן־עדן. און עס פליהט אָרום און אָרום, איבער דערפער און שטעדט, וואו נאָר אַ שטיקעל ישוב. און קוקט און קוקט, און קוקט זיך די אויגען אויס.

וואו זי דערזעהט אַ אידען, פליהט זי האַסטיג צו און קוקט איהם אין די אויגען אריין — צי געהט ער נישט מקדש השם זיין?

וואו עס לייכט זיך בייגאַכט דורך אַ שפּאַלט פון אַ לאָדען, — זי איז דאָ און קוקט אריין, צי וואַקסען נישט אין דער שטילער שטוב גאָט׳ס שמעקענדיגע בלימעלעך — בעהאַלטענע מעשים טובים? לײדער!

און אַז עס געהען ווייטער פאַרביי זמנים און יאָהרען, פאַלט זי כמעט אין אַ מרה־שחורה אריין. פון שטעדט זיינען שוין בית־עלמין׳ס געוואָרען; בית־עלמין׳ס האָט מען שוין אויף פעלדער צוּאַקערט; וועלדער האָט מען אויסגעהאַקט, פון שטיינער ביי וואַסערן איז זאַמד געוואָרען, טייכען האָבען דאָס געלעגער געביטען, טויזענטער שטערען זיינען אראָפּגעפאַלען, מיליאָנען נשמה׳לעך זיינען ארויפגעפלויגען — און קיין אויסטערליש גוטס און שעהנס האָט זי נישט געפונען.

טראַכט זי ביי זיך:

„די וועלט איז אַזוי אָרים, די מענשען — אַזוי מיטעלמעסיג, און די מעשים זייערע זיינען אַזוי קליין... ווי קומט צו זיי אויס־טערליש?“

נאָר ווי זי טראַכט אַזוי, שלאָגט איהר אַ רויטע פלאַם אין די אויגען אריין, אין מיטען דער פינסטערער שווערער נאַכט אַ רויטע פלאַם.

זי קוקט זיך אום — פון אַ הויך פענסטער שלאָגט די פלאַם.

גזלנים זיינען אַ גביר בעפאַלען, גזלנים מיט מאַסקעס אויף די פנים'ער. איינער האַלט אַ ברענענדיגען שטורקאַץ אין דער האַנט און לייכט; אַ צווייטער שטעהט ביים גביר'ס ברוסט מיט אַ בליצענדיג מעסער און חזר'ט איהם אַלץ אינאיינעם איבער: „ריהרסטו דו זיך, איד, איז דיין סוף!" און די רעשט עפענט קאַסטענס און שרענק און רויבט.

און דער איד שטעהט ביים מעסער און קוקט געלאַסען צו. קיין ברעם איבער זיינע קלאָרע אויגען, קיין האָר פון דער ווייסער באָרד ביז צו די לענדען — ריהרט זיך נישט! נישט זיין זאַך. „גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט גענומען, — טראַכט ער, — געלויבט איז זיין היילינער נאָמען!"

און ער קוקט גאַנץ רוהיג צו, ווי מען עפענט די לעצטע שופלאַד פון דער לעצטער קאָמאָד און ווי מען שלעפט אַרויס זעקעלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקעלעך מיט צירונג און אַלערליי טייערע כלים — און ער שווייגט.

נאָר פּלוצלונג, אַז די גזלנים טרעפען צום לעצטען בעהעלטעניש און ציהען אַרויס אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס בעהאַלטענסטע — פערגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צופלאַמען זיך איהם די אויגען, ציהט ער אויס צום וועהרען די רעכטע האַנט, וויל ער אַ געשריי טאָן:

„ריהרט נישט!"

נאָר אויפ'ן אָרט פון אַ געשריי שפּריצט אַרויס אַ רויטער שטראַל פון רויכערדיגען בלוט — דאָס מעסער האָט זיינס געטאָן... עס איז דאָס בלוט פון הארץ און שפּריצט אויפ'ן זעקעלע אַרויף.

ער פאַלט, און געשווינד רייסען די גזלנים אויף דאָס זעקעלע — דאָ וועט זיין דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע!

זיי האָבען אָבער אַ ביטערען טעות געהאַט; אומזיסט בלוט פערגאָסען — נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג איז אין זעקעל געוועזן. עס איז געווען אַ ביסעל ערד, אַרץ-

ישראל־ערד אין קבר אריין, און דאָס האָט דער גביר געוואָלט ראַ־
טעווען און מיט זיין בלוט בעשפריצט.

חאַפּט די נשמה אַ פערבלוטיגטען שטויב פון די ארץ־ישראל־
ערד און מעלדעט זיך דערמיט ביי דער פּאָרטקע פון גן־עדן.

די מתנה איז אָנגענומען געוואָרען.

י. ל. פּרץ.

ארץ ישראל ערד — זאַמד געבראַכט פון ארץ ישראל. עס ווערט אַוועקגעלעגט אין אַ זעקעלע אַ בר מנן צוקאָפּען, אַ סגולה אַז ווערים זאָלען דאָס לייב ניט עסען און דער גוף זאָל גאַנץ בלייבען ביז משיח וועט קומען. **מקדש השם זיין** — הייליגען גאָט'ס נאָמען; לאָזען זיך אומקומען צוליב גאָט און זיין תורה און דאָס אידישע פאָלק. **מעשים טובים** — גוטע מעשים, מצוות. **ליידער** — צום בעדויערען. **זמן** (זמנים) אַ האַלב יאָהר. **געלעגער** (פון אַ טייך) — Bed, Channel. **אויסטערליש** — זעלטען, אויסגעצייכענט, עקסטראַ־פיין און עדעל. **רעשט** — די (דאָס) איבעריגע. **שראַנק** — קאַסטען, אַלמער. „**גאָט האָט געגעבען, גאָט האָט גענומען, געלויבט איז זיין הייליגער נאָמען**" — אַ פּסוק וואָס איוב האָט געזאָגט ווען מען האָט צוגענומען זיינע קינדער און זיין גוטס. אַן אויסדרוק פון אָננעהמען פאַר ליב גאָט'ס משפּט. עהנליך איז דאָס אידישע ווער־טעל: „גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט". שופלאָד — Drawer. **קאָמאָד** — Bureau. **וועהרען זיך** — שטעלען זיך אַנטקעגען. **פּאָרטקע** — אַ טירעלע פון אַ טויער.

134. די קינדער אין פּאַרק

. . . און היינט שיינט אַ ליכטיגע זון העל אַריין אין מיין
פענסטער;
עס האָט אין זיין שעהנקייט דער גאַנצער דער הערבסט זיך
אַנטפּלעקט:
די גראָזען פון פּאַרק האָט ער פּערעלעך־טרערען געשאָנקען,
די שפּיצען פון ביימער האָט ער מיט אַ גאָלד־גלאַנץ בעדעקט.

אַ מחנה פון לוסטיגע קינדערלעך שפּילען זיך אונטען,
די בעקלעך צופלאַמט אין אַ ווירבלענדען, קינדערשען מאַניץ;
אין מיטען, אַן אָפּגעהאַקט שטאַם פון אַן אור־אַלטער דעמבע,
פון אויבען, דורך צווייגען פון בוימער שלאָגט דורך זיך אַ
גלאַנץ.

אַ קינד האָט אַרויפגעחאַפּט זיך אויף דעם שטאַם פון דער
דעמבע —
אַ קראַנץ פון בראָנז־גרינליכע בלעטער בעצירט האָט זיין קאָפּ.
אַ צווייג, גרין און רויט, אין זיין האַנט; זיינע לאָקען
צופלויגען;
אַ שמייכעל פון גליק אין זיין בליק פאַלט פון אויבען אַראָפּ.

אַ האַסטיג געלאַף און אַ טראַמפּלען פון קינדערשע פיסלעך:
אַ קינד האָט אַ גרויאינקע וועווערקע פלינק נאָכגעיאָגט;
אַ פּאַטשען פון הענט און אַ ליכטיגער זילבער־געלעכטער —
אין קינדער פון הערבסט שטראַמט אַ פריהלינג אַ נייער
און שלאָגט.

י. י. שוואַרץ.

וועווערקע — Squirrel.

135. מרדכי עמנואל נח

א.

אין דער שטאָדט באַפאַלאָ וואָס אין דעם שטאַט נויאָרק, אין הויז פון דער דאָרטיגער היסטאָרישער געזעלשאַפט, ליעגט אַ שטיין, אַ שטומער עדות פון אַ הערליכען אידישען חלום, וואָס איז ניט מקוים געוואָרען.

אויפ׳ן שטיין איז נאָך קענטיג די אויפשריפט: 1825. מעהר דערצעהלט דער שטומער עדות גאָרנישט. 1825 — דאָס איז דאָס יאָהר, ווען די דאָזיגע מצבה איז געלעגט געוואָרען אלס ווינקעלשטיין פון דער אידישער מדינה, וואָס האָט געזאָלט געבויט ווערען אין אַ ווינקעל פון דער גרויסער פרייער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

מרדכי עמנואל נח

דער שעהנער חלום פון א גרויסען אידען איז עס געווען. א היים האט ער געוואלט בויען פאר'ן געיאגטען און געפלאגטען אידישען פאלק; א היים אויף דערווייל, ביז עס וועט קומען די גאולה, און די אידען וועלען זיך קענען צוריקקעהרען אין זייער אלטער היים, ארץ־ישראל.

מרדכי עמנואל נח האט געהייסען דער דאזיגער מערקווירדיגער איד.

געבארען געווארען איז ער אין פילאדעלפיא אין דעם יאהר 1785. ער איז ארויסגעקומען פון א פאמיליע פון די גולי־־פארטוגאל. זיין פאטער איז געווען א געבירטיגער פון סאוטה קאראליינא און האט געדיענט אין דער רעוואלוציאנערער ארמיי.

צו פיער יאהר איז מרדכי עמנואל נח געבליבען א יתום, און זיין זיידע פון דער מוטער'ס צד האט איהם צוגענומען צו זיך און איהם אויסגעהאדעוועט.

קיין גביר איז זיין זיידע ניט געווען, און ער האט איהם אפגעגעבען פאר א בעל־מלאכה, צו לערנען זיך פאר א שניצער. אבער דער יונגער מרדכי עמנואל נח האט געפיהלט, אז ער איז בעשאפען געווארען פאר עטוואס העכערס און גרעסערס אין לעבען און ניט פאר שניצעריי. ער האט זיך מיט חשק גענומען פאר בילדונג. אנגעזעהענע מענשען האבען בעמערקט זיינע פעהיגקייטען, און זיי האבען איהם געהאלפען דערגרייכען א העכערען שטאפעל אין לעבען.

ער האט זיך גענומען פאר שרייבעריי, און איז געווארען איינער פון די פעהיגסטע אמעריקאנער זשורנאליסטען און דראמאטורגען פון יענער צייט. זיינע שטיק זיינען געשפילט געווארען ניט נאר אין אמעריקע, נאר אויך אין ענגלאנד.

אין יאהר 1809 איז ער געווארען דער רעדאקטאר פון א צייטונג אין טשארלסטאן, וואס אין דעם שטאט סאוטה קאראליינא. א פריינד פון פרייהייט און א פיינד פון טיראניי, האט ער גערופען אין זיין צייטונג דאס פאלק צו מלחמה מיט ענגלאנד.

די וואשינגטאנער רעגירונג האט בעמערקט זיין גרויסען פאטריאטיזם און זיינע מערקווירדיגע פעהיגקייטען, און אין יאהר 1813 האט איהם פרעזידענט מעדיסאן אוועקגעשיקט קיין טוניס, אין אפריקע, צו זיין דארט דער אמעריקאנער קאנסול. אויפ'ן וועג אבער, ניט ווייט פון פראנצויזישען ברעג, האט די ענגלישע

פלאַטע פערחאַפּט דאָס שיף, אויף וועלכען ער איז געפאָהרען, און איהם גענומען געפאַנגען ווי א בירגער פון פיינדליכען לאַנד.

די ענגלישע רעגירונג האָט איהם אָבער אין עטליכע חדשים ארום פרייגעלאַזען, און ער איז ענדליך אָנגעקומען קיין טונים. דאָרט האָט ער אַ סך אויפגעטאַן פאַר אַמעריקע און ער האָט אויס־געפיהרט, אז עס זאָלען בעפרייט ווערען די אַמעריקאַנער מאַטראָ־סען, וואָס זיינען דאָרט געוועזן געפאַנגען.

אָבער מרדכי עמנואל נח האָט געהאַט שונאים אין אַמעריקע, וואָס האָבען איהם ניט פערגונען זיין גרויסקייט, און זיי האָבען אַזוי לאַנג אינטריגירט קעגען איהם, ביז פּרעזידענט מאָנראָ, וואָס איז נאָך דאַן געוועזן ערשטער מיניסטער פון לאַנד, האָט איהם מודיע געווען, אַז מעהר קיין אַמעריקאַנער קאָנסול קאָן ער שוין ניט זיין, ווייל ער איז אַ איד.

אַ פערביטערטער איז מרדכי עמנואל נח געקומען צוריק קיין אַמעריקע און האָט זיך בעזעצט אין נויאָרק, וואו ער האָט אָפּגע־לעבט די איבעריגע יאָהרען פון זיין לעבען אין כבוד און אין גדולה. ער איז פאַר דער צייט געווען רעדאַקטאָר פון פיעל צייטונגען, האָט געשריבען ביכער און דראַמעס און זיך פערנומען אויך זעהר שטאַרק מיט פּאָליטיק. אַ צייט לאַנג איז ער געווען דער אויבער־שעריף פון נויאָרק, דערנאָך האָט איהם פּרעזידענט דזשעקסאָן געמאַכט פאַר אויפזעהער איבער דעם נויאָרקער פּאָרט, און שפּעטער האָט איהם דער גובערנאַטאָר סיוואַרד פון דעם שטאַט נויאָרק געמאַכט פאַר אַ ריכטער.

ב.

די גאַנצע צייט האָט מרדכי עמנואל נח ניט פערגעסען, אַז ער איז אַ איד, און ער האָט געטרוימט צוריקצוקעהרען דאָס אידישע פאָלק צו זיין אַמאָליגע גדולה, עס זאָל ווערען צוריק אַ פאָלק מיט אַן אייגענער היים, אַזוי ווי אַלע פעלקער.

מיט דער הילף פון עטליכע גוטע פריינד האָט ער אָפּגעקויפט אַ שטיק לאַנד, אַן אינזעל מיט'ן נאָמען גרענד איילענד אויף'ן ניאַגראַ ריווער, קעגען־איבער טאָנאַוואַנדאַ, ניט ווייט פון באָפאַלאָ. אָט אויף דער אינזעל איז עס געלעגט געוואָרען דער פונדאַמענט פון אַ אידישער היים. מרדכי עמנואל נח האָט דעם פּלאַץ אַ נאָ־מען געגעבען : „אררט, אַן עיר־מקלט פאַר די אידען“, און ער

האָט ארויסגעשיקט אַ קול קורא בכל תפוצות ישראל, אַז אידען זאָלען קומען זיך דאָרט בעזעצען און האָבען זייער אייגענעם ווינקעל, וואו קיינער וועט זיי ניט יאָגען און ניט פּלאָגען און וואו זיי וועלען קענען פיהרען זייער אייגען לעבען. דעם פּלאַץ האָט ער אַ נאָמען געגעבען „אררט“ נאָכ'ן בארג, וואו נח'ס תיבה איז געבליבען שטעהן נאָכ'ן מבול, ד. ה. אַט דאָ וועלען די אידען אָפּרוהען נאָך זייער לאַנגען וואַנדערן, אַזוי ווי נח'ס קאַסטען איז געבליבען רוהען.

און אין צווייטען טאָג פון מאָנאַט סעפּטעמבער אין דעם יאָהר 1825 האָט מרדכי עמנואל נח געלעגט דעם ווינקעלשטיין פאַר דער נייער אידישער היים. לכבוד דעם גרויסען יום־טוב זיינען זיך צונויפגעקומען אַן עם־רב, אַ סך קריסטען, גלחים, רעגירונגס־בעאַמטע און אויך קיין אינדיאַנער האָבען ניט געפעהלט. מרדכי עמנואל נח האָט נעמליך געגלויבט, אַז די אינדיאַנער שטאַמען פון די עשרת השבטים און ער האָט דארום אויך די אינדיאַנער גערופען צו בעזעצען זיך אויף זיין „אררט“.

אַזוי פיעל מענשען זיינען געקומען צו דער צערעמאָניע פון לעגען דעם ווינקעלשטיין, דאָס אין באָפלאָ האָבען זיך ניט געפונען גענוג שיפלעך אריבערצופיהרען אַלעמען קיין „אררט“ אויף גרענד איילענד. איז דער יום־טוב געפייערט געוואָרען אין באָפלאָ גופא.

דער יום־טוב איז געפייערט געוואָרען מיט אַ פּראָצעסיע איבער די הויפּט־גאַסען פון באָפלאָ, געפיהרט פון אַ קאַפּעליע מוזיק. עס האָבען געמאַרשירט מחנות סאָלדאַטען און פריימויערער אין זייערע פּאַראַדנע אוניפאָרמען. מרדכי עמנואל נח אַליין, אַלס „שר ושופט בישראל“, אָנגעטאָן אין אַ ריכטער־מאַנטעל פון פורפור־רויטען זייד בעפּוצט מיט הערמעלין־פוטער, איז געגאַנגען פאַראויס און נאָך איהם די אַלע בעאַמטע און אַנדערע חשוב'ע לייט. די פּראָצעסיע איז דערנאָך אריין אין דער עפּיסקאָפּאַלישער קירכע, וואו מרדכי עמנואל נח האָט געהאַלטען אַ לאַנגע רעדע. דער יום־טוב האָט זיך פערענדיגט מיט אַ שאָס פון פיער־און־צוואַנציג האַרמאַטען.

אָבער — אָך און וועה! פון יענעם נאָבעלען פּלאַן האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. צו אָפּגעזונדערט און דערווייטערט איז אַמעריקע דאַמאָלס געווען פון די אידען, אַז זיי זאָלען זיך קענען אָפּרופען אויף מרדכי עמנואל'ס רוף. די שטאָדט אררט איז ניט

אויסגעבויט געוואָרען, און דער מאָנומענט פון ציגעל און האָלץ, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרען אויף דער אינזעל, אויפ'ן פּלאַץ, וואו די שטאָדט האָט געדאַרפט שטעהן, איז צופאַלען געוואָרען אין שטי־קער און מיט דער צייט איז קיין זכר פון דעם ניט געבליבען. עס איז געבליבען נאָר דער ווינקעלשטיין, וואָס געפינט זיך לזכרון ביי דער באָפלער היסטאָרישער געזעלשאַפט.

מרדכי עמנואל נח האָט אָבער ניט אויפגעהערט צו טראַכטען פון דער אידישער גאולה. מיט צוואַנציג יאָהר שפּעטער האָט ער נאָך געהאַלטען אַ רעדע וועגען דער אידישער גאולה, און דאָס איז געווען די בעסטע פון אַלע זיינע רעדעס. אין דער דאָזיגער רעדע האָט ער דערקלערט, אַז עס איז קיין אַנדער תרופה ניטאָ צו די אידישע צרות, ווי אַז זיי זאָלען זיך צוריקקעהרען קיין ארץ־ישראל. די דאָזיגע רעדע איז דערנאָך אָפּגעדרוקט געוואָרען אין אַ בעזונ־דערן ביכעל.

אין דעם יאָהר 1851, זעקס־און־זעכציג יאָהר אַלט, איז מרדכי עמנואל נח געשטאָרבען און איז געבראַכט געוואָרען צו קבר ישראל אין נויאָרק.

דער שטיין נאָר איז געבליבען, דער איינציגער אָנדענק פון מרדכי עמנואל נח'ס גרויסען חלום. און ניט איין איד, וואָס פאָהרט דורך די שטאָדט באָפלאָ, קומט אַריין אין היסטאָרישען מו־זעאום, און קוקענדיג אויפ'ן שטיין, ווערט ער אָנגעפילט מיט ערנס־טע רעיונות און לעבט ווידער אַמאָל איבער מרדכי עמנואל נח'ס הערליכען טרוים.

ל. ע.

געזעלשאַפט — פעראיין. **הערליך** — דערהויבען, גרויס, Glorious. **מקויים ווערן** — ערפילט, פערווירקליכט ווערן. **שניצער** — Wood-carver. **שטאַפּעל** — טרעפּ, שטו־פע. **עיר־מקלט** — אַ רעטונגס־פּלאַץ פאַר אַ געיאָגטען. **קול קורא** — אַן אויפרוף. **בכל תפוצות ישראל** — צו אַלע צוזייטע און צושפּרייטע אידען. **עם רב** — אַ גרויסער עולם. **נעמליך** — עס הייסט, **עשרת השבטים** — די צעהן אידישע שבטים וואָס זיינען פון מלך אַשור פערטריבען געוואָ־רען פון ארץ ישראל, פון דאמאלסט אָן זיינען זיי פערלאָרען, און מען ווייס ניט וואו זיי זיינען. לויט אַ פאָלקס־לעגענדע געפינען זיי זיך

הינטער'ן סמבטיון. גופא — זעלבסט. קאַפּעליע — אָרקעסטער. פריי־מויערער — Free Masons. שר ושופט בישראל — אַ האַר און פיהרער (ריכטער) ביי אידען. הערמעלין — Ermine. זכר (זייכער) — אַן אָנדענק, אַ שפור, אַ סימן. לזכרון — אַלס אָנדענק. תרופה — עצה, הילף, רעטונג. רעיונות (רעיון) — געדאַנקען.

136. די נאַכט פאַר מתן־תורה

פאלקס שול
720 טינמאן עוו.

ווי אַ טונקעל־בלויע חופה
אויסגעשטיקט מיט זילבער־קוויטען,
הענגט דער הימעל אויסגעשטערנט
אויף דעם זאַמדיג־שטילען מדבר.

אונטען ליעגען די געצעלטען,
טויזענט־ווייז אין טאָל צוואוואָרפען —
ווייסע פלעקען אין דער פינסטער,
ווי אַ מחנה מדבר־גייסטער.

אין די ווייסע צעלטען שלאָפען
ווילדע קינדער פון דער וויסטע,
ששים רבוא פרייע שקלאַפען,
וועלכע טראָגען מעהר קיין קייטען.

קעגען בלויען גרונד פון הימעל
לעהנט זיין פעלזענקאָפּ באַרג־סיני,
הערט די סודות פון די שטערען,
וואַרט מיט פרייד און שטאָלץ אויף מאָרגען.

ווען די גאָלד און זילבער־פונקען
וועלען אויסגעהן אויפ'ן הימעל,
און די וואַנט פון מזרח וועט מיט
לויטער גאָלד זיך נעהמען פאַרבען,

ווען דער אויסדערוועהלטער סיני
זיך בעקליידען מיט א נעבעל,
זיך פערגארטלען מיט א וואלקען
און מיט פייער זיך בעקרוינען.

שטארקע דונערם וועלען הילכען
דורך דעם וייטען, וויסטען מדבר,
און אין נעבעל ועט דער גרויסער
גאט פון אידען זיך בעווייזען.

יהואש.

ש ש י ם ר ב ו א — זעכציג מאל צעהן טויזענד, זעקס הונדערט טויזענט (אזוי פיעל אידען, ווערט דערצעהלט, זיינען ארוים פון מצרים). ג ר ו נ ד — פאן,

137. גרייס אגילאר

אגילאר! דער נאמען איז גוט בעקאנט דער אמעריקאנער יוגענד. אגילאר איז איינע פון די פאפולערסטע שריפטשטעלערינס אין ענגלאנד און אין אמעריקע. איהרע ווערק קענט איהר געפינען אין יעדער ביבליאטעק. איהר מוזט אבער לאנג ווארטען אויף אייער רייה, איידער איהר קענט זיך דערשלאגען צו קריגען איהרס א בוך.

איהר פאטער שטאמט פון די שפאנישע אידען, וואס זיינען ענטלאפען פון דער אינקוויזיציע און האבען געפונען זייער היים אין ענגלאנד. ער איז געווען א רייכער קויפמאן און הייסער אידישער נאציאנאליסט.

גרייס אגילאר איז געבארען געווארען אין העקניי, אונטער לאנ־דאן, אין יאהר 1816. דאס זעהר צארטע און שוואכע קינד פלעגט אלעמען איבערראשען מיט איהרע אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען. דאס קרענקליכע דריי־יאהריגע מיידעלע האט זיך שפילענדיג אויס־געלערענט לעזען און האט זעהר ליב געקראגען ביכער. א בוך איז פאר איהר געווען דער בעסטער פרעזענט. צו זיבען יאהר האט זי שוין אנגעפאנגען פיהרען א טאג־בוך, וואו זי פלעגט בעשרייבען איהרע איבערלעבונגען און אויף די פאסירונגען פון דעם ארומיגען

לעבען. דאָס טאָג־בוך האָט זי געפיהרט אין אַן אויסערגעוועהנליך רייכער און שעהנער שפּראַך.

אויף דאָס שוואכע קינד ווירקט שלעכט די שטאָדט, און די עלטערן פאָהרען צוליב איהר אַרויס אין אַ דאָרף. דאָ הויבט זיך אָן פאַר דער צוועלף־יעהריגער גרייס אַ נייַ לעבען. זי הערט זיך צו צום וואַסער־געריוש, צום געזאַנג פון די פויגעל, צום פייפען פון ווינט — דאָס אַלץ ווירקט אויף איהר ווי מוזיק. זי בעטראַכט די בלומען, דעם בלויען הימעל, די רייך־בעפּוצטע ביימער, און בעוואונדערט די שעהנקייט פון דער נאַטור. זי בעפרידיגט זיך ניט בלויז מיט דער בעוואונדערונג, מיט דער ענטציקונג, זי וויל פערשטעהן די סודות פון דער נאַטור. זי קלייבט שטיינער און ים־שיסעלעך. אין די ביכער זוכט זי אַן ענטפער אויף די נאַטור־ערשיינונגען, וועלכע זי פערשטעהט ניט. אַן ענטפער אויף די דאָזיגע פראַגעס זוכט זי אויך אין איהר ליבלינגס־בוך, אין דער ביבעל, מיט וועלכער די פרומע עלטערן האָבען דאָס קינד פריה בעקאַנט געמאַכט.

די ביבעל בלייבט פאַר גרייס אַגילאַר איהר בוך פון ביכער, איהר איינציג בוך איהר לעבען־לאַנג. פון דער ביבעל שעפּט זי אומענדליכע ליבע צו איהר פאָלק. און זי שרייבט פון איהר פאָלק און קעמפט מיט זיינע שונאים, די אַנטיסעמיטען.

שרייבען האָט זי אָנגעהויבען זעהר פריה. צו צוועלף יאָהר שרייבט זי שוין אַ דראַמע.

די פּאָפּולערסטע פון אַגילאַר'ס ווערק זיינען איהרע ערצעה־לונגען פון אידישען און פון קריסטליכען לעבען.

זי שילדערט לעבעדיג די אידישע סביבה, אויך די קריסטליכע. די הייסע אידישע נאַציאָנאַליסטקע האַסט ניט דעם קריסט, זי שילדערט איהם מיט דער זעלבער ליבע ווי איהר אידישען ברודער. זי שטעלט אונז פאַר דעם אידען, דעם קריסט, דעם אַרבייטער, דעם פּאָעט, דעם לאָרד, דעם מאַטראָס — און אַלעמען מיט לעבעדיגע פאַרבען.

ליבער פון אַלץ האָט זי געשריבען אידישע ערצעהלונגען פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע און פון דעם לעבען פון די אנוסים. איהר שעהנסטער און פּאָפּולערסטער ראָמאַן פון דעם מין איז „דער טאָל פון צעדערבוימער". מסתמא האָט עס איהר פאָטער, וועל־

כער האָט אַליין געשטאַמט פון די שפּאַנישע אידען, איהר אָפּט דער־צעהלט וועגען דער אינקוויזיציע און די מאַראַנען, וואָס האָבען מיט גרויס מסירת־נפש אָפּגעהיט זייער אידישקייט אין פינסטערע קע־לערן און הייהלען אונטער דר׳ערד.

צו איין־און־דרייסיג יאָהר איז די קראַנקע, שוואַכע אַגילאַר געשטאָרבען אין גרויסע יסורים אין די בעדער לעבען פראַנקפורט אויפ׳ן מאַין, וואוהין זי איז געפאָהרען קורירען זיך. זי ליעגט אויפ׳ן בית־עולם פון דער אַלטער אידישער קהילה אין פראַנקפורט.

איהר טויט איז געוועזן אַ טרויער פאַר די אידען אין ענגלאַנד, אמעריקע און דייטשלאַנד. איינינע יאָהר נאָך איהר טויט האָט איהר מוטער בעשריבען איהר לעבען און אַרויסגעגעבען איהרע ווערק, צו וועלכען זי האָט צוגעשריבען פאָררעדעס.

מען האָט וועגען אַגילאַר אַ סך געשריבען. קריסטען האָבען געשריבען פון איהר, ווי פון אַ הייליגער. מען איז זיכער געוועזן, אַז ווען זי וואָלט אַליין געלעבט אין די צייטען פון דער אינקווי־זיציע, וואָלט זי אויך געשטאָרבען פאַר איהר גלויבען, אַזוי ווי פיעלע פון איהרע ספרד׳ישע אבות. מען האָט זי בעזונגען אין לידער, פאָרגעשטעלט אין ערצעהלונגען, און איהר פערזענליכקייט בעצויבערט און בעגייסטערט נאָך עד היום.

דר. אסתר לוריע.

ביבליאָטעק — אַ פּלאַץ וואו מען קריגט ביכער צום ליינען; אַ זאַמלונג פון ביכער. **ענטציקונג** — גרויס פערגעניגען, התפעלות, העכסטע בעוואונדערונג. **נאַטור־ער־שיינונג** — אַן ענטפּלעקונג פון דער נאַטור; יעדע זאַך וואָס בעוויזט זיך אין דער נאַטור, ווי דער דונער, דער בליץ, דער רעגענ־בויגען א. אַז. וו. **סביבה** — די אומשטענדען, אין וועלכע מען לעבט. **אנוסים** — (מאַראַנען) — אידען וואָס מען האָט זיי געצווּנגען אָנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען, אָבער פערבאָרגענער־הייד האָבען זיי דאָך אָפּגעהיט די אידישע אמונה. **מסירת־נפש** — דאָס שטעלען דאָס לעבען אין געפאַהר צוליב אַ גלויבען אָדער אַ אידעע. **בעדער** — קוואַלען, וואו מען באָדט זיך פון אַ רפואָה וועגען. **ספרד׳ישע** — שפּאַנישע אָדער פּאָרטוגעזישע (געהט אויף אידען).

138. דער פּאָרטוגעזישער בית־עולם

אין האַרץ פון נויאָרק ליעגט אַן אַלטער בית־עולם —
עס פעלט איבער איהם ניט קיין טוי און קיין זון־שיין,
נאָר מויערן שטעהען אַרום איהם געשלאָסען,
און פאַרענט פערצאַמט איהם אַן אייזערנער גדר.
אַן איינציגער בוים אַ פערדאַרטער נאָר וויגט זיך
מיט טרוקענע צווייגען אַריבער די קברים.
דאָרט זינגען ניט פויגלען, נאָר — ס'רעש'ט און עס ליאַרעמט
אַרום איהם מיט הונדערטער טויזענטער קולות;
עס יאָגען טראַמוויען פאַרביי מיט געפּילדער,
און ס'ווירבעלט דאָס לעבען מיט מחנות פון מענשען.

בין איך צו דעם אייזערנעם צאַם צוגעפאַלען —
און ס'איז מיך אַ געטליכע מורא בעפאַלען...
די צייט האָט די אותיות פערווישט און צוריבען —
און ס'איז ניט קיין זכר, קיין שפור ניט פערבליבען
פון יענע, וואָס זייערע עלענדע ביינער
פערגעסענע ליעגען דאָ אונטער די שטיינער,
פערהילט און פערוויקעלט אין קיטלען, טליתים —
און וואַרטען, און וואַרטען אויף תחית־המתים...
עס האָט מיך דער אייביגער צער אָנגענומען —
ס'איז אַלץ, ווי אין נעבעל, געוואָרען פערשוואומען.
פון יעדער מצבה, וואָס ליעגט שטיל אין דרימעל,
אַ קול האָט געריסען זיך הויך ביז צום הימעל.
אין רעש פון דער גאַס, דורך געוויין און יללות,
ערוואַכט האָט דער ביטערער, פינסטערער גלות...
געקלאַפּט האָבען ביינער אַן ביינער, סקעלעטען
שטום האָבען געוויינט און געפלוכט און געבעטען...

ווער האָט אייך געטריבען אַהער, און פון וואַנען?
זייט איהר דאָס פון שפּאַניען די לעצטע מאַראַנען?
איהר אייביג־פערפלוכטע־געבענטשטע צוזאַמען,
וואָס האָט אייך געשטויסען דורך פלאַמען און ימ'ען?

איך זעה אייך, די שטאָלצע, מיט אַדלערשע אויגען
אין פלאַמען פון אויטאָ־דאַ־פעען פערצויגען...
איך זעה אייך אין נאַכט פון כל־נדרי פערהוילען
מיט ווייב און מיט קינד אין די פינסטערע הייהלען.
איך הער אייער ביטער געוויין און געזאַנגען —
איך הער פון די שווערדען און קייטען די קלאַנגען.

פערגעסענע שטעהען דאָ אייערע קברים —
די גרויע מצבות אויף זיי אַזוי אָרים.
עס וואַקסט ניט קיין גרעזעל, עס בליהט ניט קיין בלימעל
אין אייביגען ברויזענדען, ווילדען געטימעל.
עס קומען ניט אייערע אייניקלעך בויגען
זיך טיף צונ׳ם שטיין מיט אַ טרער אין די אויגען...
עס קלינגט ניט קיין קדיש נאָך אייערע ביינער —
איהר לעבט ניט אין קיינעם׳ס געדעכניש, און קיינער
פערטראַכט זיך צומאָל ניט, ווי ס׳זיינען פערראַטען
אַט די וועלכע ליעגען דאָ הינטער די גראַטען...

דער סקווער האָט געווירבעלט מיט מחנות פון מענשען,
די גאַס האָט געשריען, געקאָכט און געליאַרעמט,
פון אָפענעם שענק האָט אַ שיכור געזונגען —
און עלענד, אַרוים דורך דעם אייזערנעם גדר
געגרויט האָט דער אַלטער פערוויסטער בית־עולם.

י. י. שוואַרץ.

דער פּאָרטוגעזישער בית־עולם, וואָס ווערט אין דער דאָזיגער פּאָעמאַ בעזונגען, איז דאָס עלטסטע אידישע בית הקברות אין נויאָרק. עס געפינט זיך אויף דער ניו־בויערי, עטליכע טריט פון טשעטהעם סקווער. מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר צוריק, ווען בלויז די פּאָרטוגעזישע אידען זיינען דאָ געווען, איז דאָרט אַרום געווען דער אידישער קוואַרטאַל. איצט איז ניו־בויערי דורכאויס בעוואוינט פון אָרימע קריסטען. דער אַלטער בית־עלמין איז איצט דאָס אייגענטום פון דער אידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט, וועלכע האָט איהם אַרומגערינגעלט מיט אַן אייזערנעם צאָם, און ביים אַריינגאַנג אויפגעשטעלט אַ געמויערטען טויערל מיט אַ פּאַסענדע אויפשריפט אויף אַ טאַפעל.

גדר — צאָם (אַרום אַ בית־עולם). תחית־המתים — די ערוואַכונג פון די מתים ווען משיח וועט קומען. אויטאָ־דאַ־פע — דאָס עפנטליכע פערברענען פון מאַראַנען און סתם אומגלויביגע אין שפּאַניען בעת די אינקוויזיציע. צומאָל — אפילו, זאָגאַר.

139. הערשעלע

הערשעלע איז געווען דער ליבלינג פון דער ישיבה. עס האָט אים ליב געהאַט דער ראש־ישיבה. „מיט אַזאַ תלמיד איז אמת אַ פערגעניגען צו לערנען. ער וואַקסט אַ לייט!" פלעגט דער ראש־ישיבה זאָגען נאָך יעדען שיעור, ווען הערשעלע פלעגט אָנפרעגען קשיות אויף דער גמרא, אויף רש"י און פלעגט אליין דעם מהרש"א מיט'ן מהר"ם שיף טרעפען.

עס האָבען איהם ליב געהאַט אויך זיינע חברים. חוץ זיין גוטסקייט צו זיי, צו דערקלערען זיי אַ שווער שטיקעל גמרא, און חוץ זיין עניוות, זיך קיינמאָל נישט צו גרויסען איבער זיינע פּראָסטע חברים, האָט ער נאָך אַ מעלה געהאַט, וואָס האָט איהם אַזאַ חן געגעבען אין זייערע אויגען, און דאָס איז געווען דער זיסער קול־נגינה זיינער, זיין זינגען, אַ שטייגער, ביי דער גמרא, אָדער אָפט אין אַ פרעהליכער רגע, בעת עס האָט זיך איהם געזונגען אליין נישט ווייסענדיג פאַר וואָס. זיינע חברים, איהם אויסהערענדיג, פלעגען אויסשרייען: פלאי פלאים! אַ מתנת־אלקים!

אין די ווינטערדיגע לאַנגע נעכט פלעגען זיי זיך אָפט אַרומ־קלייבען אַרום איהם, בעטען איהם זינגען אַ וואָליכעל, אַ קליבאַנער בעטלער, חזנ'ישע זאַכען אָדער אַזוי שטייגער און פאַנטאַזיע. ער האָט אַלץ געזונגען, אויך פערשיידענע מעלאָדיען פון פורים־שפּיל: פון „עקדת יצחק", פון „מכירת יוסף", פון „מלוכת שאול" און פון „גדולת דוד ושלמה".

יעדער ישיבה־בחור האָט זיך פון איהם אַ בעזונדער ניגון אויס־געלערנט. מיט דעם ניגון האָט מען די גמרא געלערנט, און די גמרא איז עפּעס גרינגער און ווייכער געוואָרען: דער ניגון האָט אַ נשמה אריינגעבלאָזען אין די ווערטער, עס האָט זיך געלערנט מיט לוסט,



י. דינעזאָן

מיט פערגעניגען, דער בית־מדרש איז פול געוואָרען מיט געזאַנג און מיט תורה, און אַפילו דער פוילער איז אַ מתמיד געוואָרען.

הערשעלע האָט שטענדיג מיט אַ ניגון געלערנט, נאָר זיין ניגון איז ניט שטענדיג אַלץ איינס געווען. אָפט האָט מען אין דעם גע־קענט הערען זיין גליק און צופרידענהייט פון דער גמרא וואָס ער לערנט, און אָפט האָט זיך אין איהם געהערט אַ טיפער טרויער, אומ־בעקאַנטע האָפנונגען, עפּעס אַ מין בענקעניש, ווי עס רייסט זיך די נשמה זיינע צו פליהען ערגעץ אין דער הויך, ווייט זיך אוועקטראָגען אַהין, דאָרט וואו עס האָבען אַמאָל געלעבט די תנאים און אמוראים, וועמעס שכל'דיגע רעד ער לערנט איצט.

י. דינעזאָהן.

ישיבה — אַ בית־מדרש אָדער קלויז, וואו בחורים לערנען און הערען אַ שיעור פון אַ רבי'ן, וועלכער הייסט דער ראש־ישיבה. (קאָפּ) וואַקסען אַ ליוט — געהן אימער העכער און העכער, מייסטענטיילס אין לערנען. גמרא — דער שפּעטערדיגער טייל פון דעם תלמוד, וועלכער איז פערפאַסט געוואָרען אין פערלויף

פון הונדערטער יאָהרען. דער פריהערדיגער טייל הייסט די משנה, און די גמרא איז אַן אויסטייטשונג פון דער משנה. **רש״י** (ר׳ שלמה יצחקי) — איינער פון די ערשטע און דער וויכטיגסטער פערטייטשער (קאָמענטאַטאָר) פון תנ״ך און תלמוד. **מהרש״א** (מורנו הרב שמואל אידליש), **מהר״ם** (מורנו הרב מאיר) **שיף** — צוויי בעריהמטע תלמוד־מפרשים (קאָמענטאַטאָרען) פון דער נייער צייט. **גרויסען** — גרויס האַלטען זיך. **מעלה** — אַ גוטע מדה אָדער אייגענשאַפט. **קול־נגינה** — אַ גוטע שטימע צום זינגען. **אַשטייגער** — צום ביישפּיל. **פלאי פלאים** — וואונדער איבער וואונדער. **מתנת אלקים** (אלהים) — אַ מתנה פון גאָט. **וואָליכעל** — אַ געדריידעלטער ניגון וואָס שטאַמט פון וואָלאַכיען (אין רומעניען), זיד־רוסלאַנד און אַנדערע געגענדען. **קליבאַנער בעטלער** — אַ צוציגענער ניגון, עהנליך צו די בעטלער־געזאַנגען (קליבאַן איז אַ שטעדטעל אין דער ליטאָ, בעריהמט מיט איהרע בעטלער). **מתמיד** — אַ פלייסיגער לערנער. **תנאים און אמוראים** — פּאַרציוטיגע אידישע געלעהרטע — די ערשטע האָבען געשפּילט אַ ראָליע אין דער משנה, די צווייטע — אין דער גמרא.

140. דער גמרא־ניגון

וואָס זשע קלאָגסטו ביי דער גמרא,
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער,
און דיין וויינענדיגער ניגון
אין מיין האַרצען געהט אַריבער?

און מיין אויג איז פייכט געוואָרען,
מיט אַ טרער איז עס פערלאָפען —
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער,
זאָג, וואָס האָט מיט דיר געטראָפען?

צי דו בענקסט אַהיים נאָך דיינע
טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער,

ביי דער גמרא

רעגינאַ מונדלאַק

וואָס אָהן זיי ביסטו געבליבען
ווי אַ שיפעל אָהן אַ רודער?

אָדער אויפ'ן „טאָג“ ביי לייבע'ן
ביסט אַ לאַנגע צייט געזעסען,
ביז מען האָט געזאָגט: „נו, בחור,
נעהם די קוואָרט און וואַש זיך עסען“?

אָדער אפשר גלאָט דו שעמסט זיך
עסען ברויט אויף פרעמדע טישען,
און מיט בלוט, מיט הייסע טרערען
שלינגסט אַראָפּ דו יעדען ביסען?

אָדער ס'פעהלט דיר אויס אַ „מאָנטאָג“,
און עס האָט דיר שוין געטראָפען
ניט איין מאָל זיך לעגען הונגעריג
אויף דער האַרטער באַנק און שלאָפען?

און דו האָסט זיך איצט דערמאָנט גראָד,
און דו קענסט עס ניט פערטראָגען,
און ביי רבא'ן, ביי רב פפא'ן
ווילסטו איצט דיין האַרץ אויסקלאָגען?

הויב זשע העכער אויף דעם ניגון,
שטאַרקער, העכער דרעה די טרעלען;
וועסט דיין בענקעניש פערגעסען
און דער הונגער וועט ניט קוועלען.

אברהם רייזען.

קלויזניק — אַ ישיבה־בחור, איינער וואָס לערנט אין אַ קלויז. „טאָג“ — די ישיבה־בחורים פלעגען עסען „טעג“, יעדען טאָג ביי אַ בעזונדער בעל־הבית: ביי דעם אַ זונטאָג, ביי דעם — אַ מאָנטאָג א. אַז. וו. קוואָרט — אַ קענדעל. רבאן רב פפא — די נעמען פון צוויי אמוראים. קוועלען — פייניגען.

אליקום צונזער

141. ר׳ שמעון קאַפּטאַן

אַ מערקווירדיגער מענש איז געווען ר׳ שמעון קאַפּטאַן, אַ איד אַ צדיק, וואָס האָט געלעבט אין ווילנאַ מיט צעהנדליגער, צעהנדליגער יאָהרען צוריק.

זיין צוועק אין לעבען איז געווען צו פערזאָרגען די אָרימע ישיבה־לייט, ועמען עס האָט געפעהלט אַ טאָג, מיט עסען און אַנדערע הצטרכות. פון פיער דעם זייגער פאַרטאָג ביז צוועלף דעם זייגער ביינאַכט פלעגט ער שטעהן אין דער „אידישער גאַס" מיט אַ גרויסער פושקע אין האַנט, און פלעגט קלייבען נדבות פאַר „זיינע קינדער". אַזוי האָט ער גערופען די ישיבה־בחורים.

זיין אייגענע חיונה האָט ער געצויגען פון אַ מלאָכה. פון צוועלף דעם זייגער ביינאַכט ביז פיער דעם זייגער פאַרטאָג פלעגט ער רייבען שמעק־טאַבאַק פאַר אַ ווילנער טאַבאַק־מאַכער.

קיין מענש האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז געבאָרען געוואָרען און פון וואַנען ער האָט זיך גענומען. מען האָט איהם תמיד גע־

זעהן אין א לאנגען קאפאטאן פון גרויען לייווענט, וואס האט געגרייכט ביז דער ערד, מיט פיער כנפות און מיט ציצית, און דערפאר האט מען איהם גערופען ר׳ שמעון קאפטאן. ער האט מיט קיינעם ניט גערעדט און אויף אלע פראגעס האט ער קיין ענטפער ניט געגעבען. אויך די קריסטען האבען פאר איהם גרויס דרך־ארץ געהאט און האבען איהם געהאלטען פאר א הייליגען.

אין יענע צייטען זיינען כמעט אלע ווילנער אידען גרויסע בעלי־צדקות געווען, אבער ר׳ שמעון קאפטאן האט מען די נדבות מיט מעהר חשק און מיט מעהר הארצליכקייט געגעבען. יעדער איינער האט געגלויבט, אז ער גיט עס „גאט אליין“, און איז זיכער געווען, אז זיין נדבה וועט אנקומען אין ריכטיגען ארט. עס איז דארום קיין וואונדער ניט געווען וואס ר׳ שמעון קאפטאן האט ביי די ברויט־בעקער געהאט א גרויסען קרעדיט. ער פלעגט ביי זיי נעהמען גרויסע לאבענס ברויט, און פלעגט עס אוועקטראגען אין די ישיבות און קלויזען צו שפייזען די הונגעריגע ישיבה־בחורים, וועמען עס האט געפעהלט א „טאג“ אדער צוויי „טעג“ אין דער וואך.

עס זיינען אויך געווען אזעלכע ארימע ישיבה־בחורים, וואס האבען ניט געהאט קיין שבת, און פאר די האט ר׳ שמעון קאפטאן איבערהויפט געזארגט.

יעדען שבת נאך ווארמעס פלעגט ער זיך אוועקשטעלען אויף ווילנער שוהל־הויף מיט א גרויסער כלי און מיט גרויסע הילצערנע לעפעל אין די קעשענעס און פלעגט קלייבען שבת׳דיגע מאכלים פאר זיינע הונגעריגע ישיבה־לייט. דאס איז שוין אין ווילנא אזוי גוט בעקאנט געווען, דאס יעדער בעל־הבית, ביי וועמען עס איז עטוואס איבערגעבליבען פון שבת׳דיגען טשאלענט, האט די שיריים אוועק־געטראגען אויפ׳ן שוהל־הויף צו ר׳ שמעון קאפטאן. און דער דאזיגער צדיק האט עס באלד צוטיילט אונטער די ישיבה־לייט.

נאך ביז היינטיגען טאג קען איך מיך ניט דערמאנען אן דעם דאזיגען הייליגען אהן טרערען אין די אויגען!

פון אליקום צונזער׳ס אויטאביאגראפיע.

ה צ ט ר כ ו ת — בעדערפענישען. נ ד ב ה — א געלט־געשאנק פאר ארימע לייט. ה י ו נ ה — שפייז, לעבענסמיטעל, אויסקומע־ניש, פרנסה. ש י ר י י ם — דאס וואס בלייבט איבער פון עסען.

142. אליהו הנביא'ס זעהונג

לא ברעש ה'.

צוערשט האט א שטורעם געבלאזען...
ער האט זיך פאנאנדערגעלאזען.
עס האט דער לבנון דער אלטער געקראכט,
מיט ווילדער און שטענדיג אלץ ווילדערער מאכט.
און בוימען, וואס האבען דורך הונדערטער יאהרען
קיין איינציגען וואָרצעל, קיין צווייג ניט פערלארען,
זיי האבען געבויגען זיך שוואך און געציטערט,
זיי זיינען אויף שפענער געווארען צושפליטערט.

עס בוקט זיך דער נביא און פרעגט:
„א, גאט פון ישראל, ענטפלעק צו דיין קנעכט:
ביסט דו אין דעם שטורעם, וואס טומעלט און ברעכט,
ביסט דו אין דער ווילדער מהומה וואס שרעקט?
א, זאג מיר, ביסט דו עס אליין?"
און ס'ענטפערט א שטימע איהם: „ניין!"

דאן האבען זיך לאנגזאם די הימלען פערדעקט,
דאס ליכט פון דער זון איז געווארען פערמעקט,
און ס'האבען זיך פינסטערע חמארעס געקליבען,
ווי מחנות פון רוחות, פון שטורעם געטריבען...
און פלוצלונג... מיט ליארעם דער דונער קומט אן,
עס פלאטערט פון בליצען געפלאכטען זיין פאהן...
פון פחד די ריזענבערג פיהלען זיך קלענער,
און חזר'ען איבער אין עכאס די טענער.

און ווידער זיך וואלגערט דער נביא אין שטויב:
„א, גאט פון צבאות, אין וועלכען איך גלויב,
„ביסט דו אין דעם דונער, וואס מורא'דיג קנאלט?
ביסט דו אין דעם בליץ, וועלכער פעלזען צושפאלט?
ענטפלעק מיר, ביסט דו עס אליין?"
און ס'ענטפערט א שטימע איהם: „ניין!"

דאַן זיינען די וואָלקענס און שטורעם פערגאַנגען,
דער טיף־בלויער הימעל איז רוהיג געהאַנגען,
אַזוי ווי אין גרויסע מחשבות פערזונקען.
דער וואַלד האָט מיט דאָרשטיגע וואָרצלען געטרונקען
די זאַפט פון דער פעט־פייכטער ערד שטילערהייד,
און האָט אָהן גערויש זיינע בלעטער פערשפרייט...
עס האָט נאָר אַ דופטיגעס ווינטעל געבלאָזען,
געגלעט און געלאַסטשעט די קרייטער און גראָזען.
די זון האָט איהר אָפענעם אוצר פון לעבען
אין שטראַלענדע הויפענס פאַנאַנדערגעגעבען.

עס שטראַלט שוין און שימערט דאָס אויג פון פראָפעט,
עס פילט זיך זיין גייסט מיט אַ זעלטענעם ליכט,
ער בויגט צו דער ערד זיין בעגייסטערט געזיכט,
און האָרכט צו דער שטימע, וואָס רעדט:
„די הייליגע שטילקייט, די רוהיגע קראַפט
איז גאָט—יענע מאַכט, וועלכע שוויגט און בעשאַפט!“

יהואָש.

ז ע ה ו נ ג — Vision. צ ו ש פ ל י ט ע ר ע ן — צושפאַל־טען אויף פיצלעך. צ ב א ו ת — חיילות, אַ סך מלאכים. ל אַ ס ־ ט ש ע ן — צערטלען, גלעטען. ק ר י י ט ע ר (ק ר י י ט י כ ע ר) — Herbs.

143. עמאַ לאַזאַרוס

אינוועניג אין פעדעסטאַל פון דער „געטין פון פרייהייט“, וואָס שטעהט ביים נויאָרקער האַפען, איז צוגעשלאָגען אַ בראָנזענע טאַפעל צום אָנדענקען פון אַ גרויסער אידישער דיכטערין. אויף דער דאָזיגער טאַפעל איז אויסגעקריצט לזכרון איהר'ס אַ ליד. די דיכטערין, וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ'ן עהרע, איז געווען עמאַ לאַזארום.

זי איז געבאָרען געוואָרען אין נויאָרק אין יאָהר 1849 אין אַן אַלטער ספרד'ישער פאַמיליע, און צו פערצעהן יאָהר האָט זי שוין

עמא לאזארוס

אָנגעהויבען צו שרייבען ענגלישע פּאָעזיע. צו אַכצעהן יאָהר איז שוין ארויס איהרס אַ בוך מיט לידער. זי האָט גענומען שפּילען אַ ראָליע אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, און דער אַמעריקאַנער פּאָעט און דענקער ראַלף וואלדאָ עמערסאָן איז געוואָרען איינער פון איהרע בעסטע פריינד.

ביז צום יאָהר 1881 איז זי כמעט ווי פרעמד געווען צו איהר פאָלק. איהרע לידער האָט זי פאַר פרעמדע געזונגען. אָבער אָט האָבען אויסגעבראָכען די שרעקליכע פּאָגראָמען אויף די אידען אין רוסלאַנד. עמאַ לאַזארוס איז אויפגעשוידערט געוואָרען. די אי־דישע יסורים האָבען איהר הארץ צובראָכען, און זי האָט זיך דער־נעהענטערט צו איהר פאָלק.

זי האָט אָנגעהויבען זינגען פון אידישע צרות און נאָך מעהר — פון אידישע האָפנונגען. זי האָט גענומען וועקען דאָס אידישע פאָלק און רופען עס צו אַ לעבען פון פרייהייט. אין איין האַנט האָט זי געהאַלטען איהר דיכטער־האַרף, און מיט דער צווייטער האָט זי די טרערען געווישט פון די געזיכטער פון די אומגליקליכע קרבנות פון דער רוסישער טיראַניי, וואָס זיינען נאָך די פּאָגראָמען אין די טויזענטער קיין אַמעריקע געקומען צו זוכען דאָ אַ היים און אַן אָפּרוה. ווי אַ מוטער איז זי געווען צו די אידישע אימיגראַנטען פון רוסלאַנד און האָט אַלץ געטאָן, וואָס זי האָט געקאָנט, צו לינדערן זייערע שמערצען.

אחוץ מיט איהרע אייגענע ווערק, האָט עמאַ לאַזארוס אויך זעהר פיעל אויפגעטאָן פאַר דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור דערמיט, וואָס זי האָט אין איהר אַריינגעבראַכט פיעל פון דאָס בעסטע פון אייראָפּע. אַלס געטרייע אידישע טאָכטער, האָבען בעזונדערס גע־רעדט צו איהר הארצען די לידער פון דעם גרויסען אידיש־דייט־שען דיכטער היינריך היינע, און זי האָט זיי מיט גרויס ליבשאַפט און טאַלענט איבערגעזעצט אין דער ענגלישער שפּראַך. אָט אַזוי האָבען די צוויי ליידענדע אידישע נשמות אין די צוויי שפּראַכען און ליטעראַטורען זיך צוזאַמענגעגאָסען.

צו פריה אָבער האָט דאָס נאָבעלע אידישע האַרץ צו קלאַפּען אויפגעהערט. אין 1887 איז עמאַ לאַזארוס געשטאָרבען, איינגאַנ־צען 38 יאָהר אַלט. איהר פריהצייטיגער טויט האָט געמאַכט אַ רושם איבער גאַנץ אַמעריקע. מיט דאַנקבאַרקייט געדענקען זי אַלע

ליבהאָבער פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, און אויס דאַנק־באַרקייט צו איהר ליכטיגען געדעכעניש, האָט מען עס איהר ליד פון פרייהייט אין דער סטאַטוע פון פרייהייט אויסגעקריצט. און לייכטענדיג מיט איהר העלען פאַקעל און זינגענדיג דאָס ליד פון פרייהייט און ליבע, נעהמט די פרייהייטס־געטין אויף אַלע גע־דריקטע און געיאָגטע, וואָס קומען צו די ברעגען פון אונזער לאַנד זוכען דאָ אַ היים.

ל. ע.

ל י נ ד ע ר ן — גרינגער מאַכען. ה י י נ ר י ך ה י י נ ע — אַ קינד פון אידישע עלטערן, איז געווען דער גרעסטער דייטשער ליריקער. ער האָט געלעבט אין אָנפאַנג פון ניינצעהנטען יאָהרהונ־דערט און איז אויסגעשטאַנען אַ סך צרות פאַר זיין פרייהייטס־גייסט. ר ו ש ם — אַ ווירקונג.

144. ביים ברעג פון סמבטיון

די זון האָט מיט פינסטערע חמאַרעס בעדעקט זיך
און מעהר יענעם טאָג פאַר דער וועלט ניט ענטפלעקט זיך. —
גענומען האָט פאַרכטערליך דונערן, בליצען;
כדי זיך פון בייזען געוויטער צו שיצען,
אין פעלד האָב איך ערגעץ אַ ווערבע געפונען.

און אונטער דער ווערבע האָב איך איהם בעגעגענט:
די קליידער און טאָרבע פערשטויבט און פעררעגענט.
די שניי־ווייסע באָרד און די לאָקען צושויבערט,
דער וואַקס־געלער פנים פון ליידען צוּאַקערט.
אַ בעטלער — און דאָך האָט זיין אויג מיך בעצויבערט, —
אַ פייערל עפּעס אין דעם האָט געפלאַקערט,
געציטערט אין כישוף האָט דאָרט אַ נשמה.
און ער האָט בעטראַכט מיך און אָהן אַן הקדמה
מיט לוסטיגער דרייסטקייט דערצעהלען גענומען: —
„די זון איז אין מיט פון דעם הימעל געהאַנגען,
ווען איך בין צום ברעג פון סמבטיון געקומען,

און גלאַט ווי אַ שפּיגעל געפּאַסט אין די ברעגען
איז רוהיג דאָס וואַסער דאָס בלויע געלעגען, —
דער טייך, וואָס האָט נאָר וואָס מיט צאָרען גענאַטען,
געשימערט האָט ליכטיג, אין זון־שטויב בעשאָטען:
באַלד שבת — און גאָט האָט איהם שטורמען פערבאָטען.

„און ענדליך — איך טראַכט מיר — אַ סוף צו מיין וואַנדער!
אויף יענער זייט טייך שפּרייט זיך ענדלויז פאַנאַנדער
דאָס זעלטענע לאַנד, וואָס האָט אייביג געצויגען
מיין הארץ און געציטערט ביי מיר אין די אויגען,
דאָס לאַנד, וועלכעס האָט מיך צום וואָגלען בעוואויגען...
— — — — — — — — — — — — — — — — — —
„איך בין אויף דער שוים פון סמבטיון געשוואומען,
דאָך בין איך צום גליקליכען לאַנד ניט געקומען.

„איך בין צו דעם ברעג פון סמבטיון געקומען,
די זון איז אין לויטערן הימעל געשוואומען,
בעשאָטען מיט שטראַלען די קלייניגקע וועלען;
עס שמייכעלט דער ווילדער סמבטיון, אַזוי ווי
אַ חתן, ווען איהם איז די כלה געפעלען.

„דער הימעל איז איבער מיר לויטער געהאַנגען...
און דאָרטען אויף יענער זייט טייך, אַזוי נאָהענט,
מיר דאַכט זיך, אָט באַלד מיט דער האַנט צו דערלאַנגען,
טו'ן ציהען זיך שורות מיט בערג פאַר די אויגען
און וועלדער, אין גרין־בלויע נעפּלען פערצויגען.
עס טראָגט זיך אַ ריח, אַ ריח גן־עדן,
צוזאַמען מיט קלינגענדע פויגעלשע לידער.
אין הארץ, פיהל איך, צאַפּלען זיך טויזענטער פריידען.
— אַ שיפעל, אַ שיפעל, וואו נעהמט מען אַ שיפעל?!
און דאַן וועט ניט מעהר ווי איין רגע געוועהרען,
און איידער די נאַכט לאָזט אַרוים איהרע שטערען,
די פיס מיינע וועלען דאָס טרוים־לאַנד בעטרעטען! —

„און פרעמדער, אַ פרעמדער! אַ נס האָט געטראָפען:
דאָס וואַסער, וואָס איז ביי די ברעגען געשלאָפען,
גענומען האָט רונצלען זיך קוים,
און אָפגעטיילט האָט זיך פון שוים,
אַזוי ווי אַ פערעל, אַ בלישצענדעס טריפעל
און האָט זיך פאַמעליך פאַנאַנדערגעוואַקסען, —
אַ מער־קעפעל פריהער און נאָכדעם אַ שיפעל.

„פון פערעל דאָס שיפעל, פון זילבער דער רודער...
און גלאַט ליעגט אַרום מיר, אַזוי ווי אַ שפּיגעל,
דאָס וואַסער דאָס בלויע, און גרינג, ווי אויף פליגלען,
דאָס שיפעל מיינס פליהט זיך. געשוואומען, געשוואומען, —
און, ברודער, צום ברעג בין איך דאָך ניט געקומען!“...

ה. רויזענבלאַט.

פֿאַרכטערליך — מורא'דיג. כדי — אום. צו־שוויבערט — צואוואָרפען, ניט געקעמט. הקדמה — פֿאָררעדע. דריסטקייט — זיכערקייט, געוואַגטקייט. געפּאַסט — איינגעפּאַסט אַזוי ווי אין אַ ראַהם. ענדלויז (ענדלאָז) — אָהן אַ סוף. בעוועגען — טרייבען, פיהרען עפּעס צו טאָן. נעפּעל — נעבעל. טריפּעל — אַ טראָפּענדעל. מער, (מזיער) קעפּעל — אַ ים־שיסעלע.

145. די דריי רינגען

אמאָל איז געווען אַ איד אין ירושלים. נתן האָט ער געהייסען. און ווייל ער איז געווען זעהר אַ קלוגער, האָבען איהם אַלע גערופען: „נתן דער חכם“.

אין יענער צייט האָט געקיניגט דער סולטאַן סאַלאַדין. האָט ער געהערט פון דעם קלוגען נתן, האָט ער געשיקט רופען איהם צו זיך אין פּאַלאַץ, זעהן מיט די אייגענע אויגען, אויב דער דאָזיגער נתן איז אויף אַן אמת אַזאַ קלוגער, ווי די וועלט רעדט פון איהם.

איז נתן געקומען. אריין אין פּאַלאַץ, דערזעהט איהם דער סולטאַן און זאָגט צו איהם:

„קום צו נעהענטער, איד! נעהנטער צו מיר! האָב קיין מורא ניט!“

ענטפערט נתן: „נאָר דיינע שונאים האָבען פאַר דיר מורא“.

פרעגט איהם דער סולטאַן: „ביסטו דאָס נתן?“

ענטפערט נתן: „יאָ“.

פרעגט איהם וויטער דער סולטאַן: „און דו רופסט זיך נתן דער חכם?“

אָבער נתן איז געווען זעהר אַ גרויסער ענו און האָט זיך ניט געוואָלט בעריהמען; ענטפערט ער: „ניין“.

זאָגט דער סולטאַן: „גוט. אויב דו אַליין רופסט זיך ניט נתן דער חכם, רופט דאָס דיך דאָס פאָלק. איך וויל ביי דיר פרעגען איין זאַך, און דו זאָלסט מיר ענטפערן. אָבער געדענק-זשע, נאָר דעם אמת!“

ענטפערט נתן: „פרעג, גרויסער הערשער!“

פרעגט איהם דער סולטאַן: „אזוי ווי דו ביסט זעהר קלוג, וויל איך, דו זאָלסט מיר זאָגען, וועלכע אמונה געפעלט דיר בעסער?“

ענטפערט נתן: „סולטאַן, איך בין אַ איד!“

רופט זיך אָן דער סולטאַן: „און איך בין אַ מחמד'אַנער. און עס זיינען אויך פאַראַן קריסטען. פון די דאָזיגע דריי אמונות קען דאָך נאָר איינע זיין די אמת'ע! היינט וועלכע איז דאָס? זאָג מיר, אָבער נאָר דעם אמת. איך וועל אויף אַ ווײַלע אַוועק, און דו בע־טראַכט זיך דאָ, און דו וועסט מיר געבען אַ תשובה“.

איז דער סולטאַן אַוועק, און נתן איז געבליבען איינער אַליין אין פּאַלאַץ, און ער האָט גענומען טראַכטען, וואָס פאַר אַ תשובה ער זאָל געבען דעם סולטאַן, און ניט ארויסרופען זיין צאָרן. טראַכט ער אזוי און טראַכט, ביז עס איז איהם איינגעפאַלען עפּעס אַ גע־דאַנק.

„ס'איז דאָ. ס'איז דאָ!“ האָט נתן מיט שמחה אויסגע־שריען. „איך האָב אַ שעהן מעשה'לע איהם צו דערצעהלען, און דאָס וועט מיך ראַטעווען. שאַ, ער קומט! ער קומט...“

און דער סולטאַן איז צוריק אריין. זעצט ער זיך אַוועק און זאָגט צו נתן'ען: „דו ביסט פאַרטיג מיט דיין ענטפער — טאָ רעד זשע! קיינער הערט אונז ניט“.

זאָגט נתן : „און פון מיינעטוועגן מעג אונז אפילו די גאַנצע וועלט הערען. איך האָב קיין מורא ניט !"

איז דאָס דעם סולטאַן געפעלען געוואָרען, און ער רופט זיך אָן : „אזוי זיכער ביסטו מיט דיין תשובה ? אָט דאָס הייסט טאַקע א חכם ! קיינמאָל ניט פערבאָרגען דעם אמת ! אַלץ אין קאָן צו שטעלען פאַר'ן אמת — לייב און לעבען !"

„יאָ, יאָ !" האָט נתן געענטפערט.

„נו, נו, טאָ קום שוין ארויס מיט'ן אמת", האָט דער סולטאַן געזאָגט, „און לאָמיר הערען, וועלכע אמונה איז די ריכטיגסטע !"

האָט נתן א גלעט געטאָן זיין לאַנגע גראָה־ווייסע באָרד און געזאָגט : „אָבער ערלויב מיר, סולטאַן, דיר א פריהער א מעשה צו דערצעהלען !"

„פאַרוואָס ניט ?" האָט דער סולטאַן געענטפערט. „איך האָב ליב צו הערען א מעשה, אָבער נאָר א שעהנע, נו, דערצעהל !"

און נתן האָט גענומען דערצעהלען :

„אמאָל, אמאָל, פאַר גאַנץ לאַנגע צייט האָט אין מזרח־לאַנד געלעבט א מענש. האָט ער געהאַט א רינג, וואָס איז ווערט גע־ווען וועך ווייסט וויפיעל, א טייערער רינג. דאָס האָט ער געהאַט א ירושה. דאָס שטיינדעל אין דעם רינג איז געווען אַן אָפּאַל, וואָס האָט פון זיך געוואָרפען הונדערט שעהנע פאַרבען, און האָט נאָך גע־האַט אזא פערבאָרגענעם כח אין זיך, אַז ווער עס האָט איהם גע־טראָגען, האָט געקראָגען חן ביי גאָט און ביי לייט אין די אויגען.

„קיין וואונדער, אַז דער מאַן האָט דעם רינג קיינמאָל פון זיין פינגער ניט אראָפּגענומען. און אַז ער האָט געדאַרפט שטאַרבען האָט ער דעם רינג איבערגעגעבען דעם געליבטסטען זוהן זיינעם, און איהם אָנגעזאָגט, אַז ווען ער וועט אויך שטאַרבען, זאָל ער דעם רינג איבערגעבען אויך דעם געליבטסטען זוהן, עס מאַכט ניט אויס, צי ער איז דער עלטסטער אָדער דער מיטעלסטער אָדער גאָר דער איינגסטער. און דער וואָס קריגט דעם רינג, ווערט דער פירשט פון הויז, און אַלע איבעריגע מוזען איהם פאָלגען.

„איז דער רינג אזוי געגאַנגען פון זוהן צו זוהן, ביז ער איז ענדליך אָנגעקומען צו איינעם, וואָס האָט געהאַט דריי זיהן, און האָט זיי אַלע דריי גלייך ליב געהאַט. וועמען זשע זאָל ער איבער־לאָזען דעם רינג ? זאָל ער דעם רינג לאָזען איינעם, וועלען די

איבעריגע צוויי האָבען יסורים ! קען ער זיך קיין עצה ניט געבען.

„פאַלט איהם איין אַ געדאַנק און ער שיקט שטילערהייד נאָך אַ גוטען גאָלדשמיד, און הייסט איהם מאַכען נאָך אַזעלכע צוויי רינגען, ווי דער אמת׳ער רינג. אָבער פונקט אַזעלכע, זאָגט ער איהם אָן, אַז קיינער זאָל ניט קענען דערקענען, וועלכער פון די דריי רינגען איז דער ערשטער.

„האָט זיך דאָס דעם גאָלדשמיד איינגעגעבען, און ווען ער האָט געבראַכט די דריי רינגען, האָט דער פאָטער אַליין ניט געוואוסט, וועלכער רינג איז דער אמת׳ער און וועלכע די נאָכגעמאַכטע. איז דער פאָטער געווען זעהר צופרידען, און ער האָט צוגערופען יעדען זוהן בעזונדער און איהם אַ רינג געגעבען.

„נאָך זיין טויט איז יעדער זוהן געקומען מיט זיין רינג און האָט געוואָלט ווערען דער פירשט פון הויז. מען האָט געפאָרשט, געגאַנגען צו מענשען, אָבער ס׳איז געווען אומזיסט : מען האָט ניט געקענט דערגעהן, וועלכער רינג איז דער אמת׳ער און וועלכע די נאָכגעמאַכטע“.

דאָ האָט זיך דער קלוגער נתן אַ ווייַלע אָפּגעשטעלט, און דערנאָך אַ גלעט טוענדיג זיין לאַנגע ווייסע באָרד, האָט ער געזאָגט :

„סולטאַן ! אָט די אייגענע מעשה איז אויך מיט די דריי אמונות. קיינער אין דער וועלט קען ניט זאָגען, וועלכע אמונה איז די אמת׳ע. גאָט האָט אַלעמען גלייך ליב : די אידען, די קריסטען און די מחמד׳אנער. אַלע מענשען זיינען ברידער.“

נאָך א. ג. לעסינג.

ע נ ו (אָנאָוו) — איינער וואָס איז קליין ביי זיך. מ ח מ ד־אַ נ ע ר — די אָנהענגער פון מחמד׳ס אמונה, צום ביישפיל די מערקען, אַראַבער א. אַז. וו. ת ש ו ב ה — אַן ענטפער. ק אָ ן — Stake, Game. ש ט ע ל ע ן א י ן ק אָ ן — ריזיקירען. ג ע ה ן צ ו מ ע נ ש ע ן — פאָרברענגען אַ סכסוך פאַר זייטיגע מענשען.

146. ברכי נפשי

אויף, אויף, נשמה מיינע, גאָט צו לויבען!
אָ, גאָט, מיין האַר, דו ביסט דערהויבען!
דו ביסט געצירט מיט פראַכט.

ביסט גרויס. עס איז געמאַכט
פון שטראַלען־ליכט דיין קלייד,
ווי אַ דיוואַן פערשפּרייט
דער הימעל און געוועלבט דעריבער
אין וואַסער דיינע אויבערשטיבער.
דו פאַהרסט — דער וואָלקען איז דיין וואַגען.
אויף פליגלען פון דעם ווינט
שפּאַצירסטו, און געשווינד,
און גלייך ווערט דיין בעפעהל צוטראַגען.
די ענגעל דיינע זיינען ווינטען,
די דיענער — פייער־פלאַם;
בעפעסטיגט איז דער שטאַם
פון דר'ערד אין אָנפאַנג פון איהר גרינדען,
זי זאָל ווי צייט
און אייביגקייט
קיינמאָל ניט שווינדען.

* * *

דער תהום ווערט ניט ענטפּלעקט;
ער שווייגט, ער איז פערדעקט
ווי מיט אַ קלייד, ער זאָל זיך ניט פער'מסר'ן,
און אויף די בערגער שטעהען וואַסערן.
פון דיין געשריי
ענטלויפען זיי,
און פון דיין קול
און דונער'ס ראַל —
צופליהען זיי מיט ווילדען ברומען:
אויף בערגער קלעטערן זיי,
אין טאָלען שמעטערן זיי
מיט פלינקייט זיך אַראָפּ
און שטעלען דאָרט זיך אָפּ,
וואו דו האָסט זיי בעשטימט צו קומען.
דו האָסט פאַר זיי געשטעלט
אַ גרענעץ צו פערוועהרען
די ערד פון חרוב ווערען,

די וועלט זאָל בלייבען וועלט.
שיקסט קוואַלען אונטען
דורך די גרונטען,
זיי דערפּילען
דיין ווילען,
זיי געהען דורך די בערג און ווינקען
צו די חיות אויפ׳ן פעלד צו טרינקען,
זייער דאָרשט צו שטילען.
עס זיצען אויך דערביי
די הימעל־פויגעל, פריי
און ליב צוגיסט זיך זייער טרילער
דורך די צווייגען,
וועלכע שווייגען
און בעוואונדערן די שפּילער.
טרינקסט אָן די בערג מיט טוי, מיט קלאָרען
פון דיינע הויכע קאָרידאָרען.
דיין פולע האַנט
מאַכט רייך דאָס לאַנד
מיט פרוכט און גראָז און ברויט.
אי מענש, אי טיער
לעבט נאָר פון דיר,
איז נאָר אין דיר פערטרויט.

*   *   *

דער וויינשטאָק וואַקסט; דו לאָזט איהם גרינען,
דו גיסט איהם אָן מיט וויין:
דער מענש זאָל פרעהליך זיין,
און גליק און לוסטיגקייט געפינען.
דיין ברויט קרעפטיגט איהם,
דיין אויל זעפטיגט איהם,
בעגייט זיין קערפּער און זיין זינען.
דער וואַלד איז שטאַרק, ער שמעקט, ער גלאַנצט,
אַ יעדער בוים פול מיט זאַפט,
אַ יעדער צעדער — קראַפט.
איהם האָט די אייביגקייט געפלאַנצט.

דאָרט קומען פויגעל זיך צוזאַמען,
געפליגעל פון פערשייד׳נע שטאַמען.
פּאָר שטיינבעק זיינען בערגער שפּיצען,
פּאָר האָזען — טיפע פעלזען־ריצען.
דו האָסט פּאָר יעדערען געגעבען
אַן אָרט צו האַלטען זיך אַן לעבען.

* * *

דו האָסט דעם מאָנד צו צייטען נאָר געמאַכט,
עס ווייסט די זון, ווען זי וועט אונטערגעהן ;
מאַכסט פינסטערניש, און דאָס איז נאַכט :
די יונגע לייבען ליאַרמען,
זיי בעטען דיך דערבאַרמען,
פערצוקונג פאָדערן זיי, עסען.
זאָלסט זייער הונגער ניט פערגעסען.
קוים גיט די זון אַ שיין,
דאַן קריכען זיי אַריין
צוריק אַ יעדער אין זיין בעט.
און ס׳געהט אַרויס דער מאַן
צום טעגליכען געשפּאַן,
און ווירקט ביז אָווענט, שאַפט ביז שפּעט.

* * *

אָ, גאָט, ווי ביסטו גרויס און פול מיט וואונדער !
אָ, וויפיעל גייסט אין יעדער זאַך בעזונדער !
דו ביסט אי מייסטער, אי געביטער.
די ערד איז פול מיט דיינע גיטער.
דער ים, געוואַלדיג אומבעגריפען :
עס לעבען אין זיין שווים
אָהן שיעור
די ברואים קליין און גרויס,
אי פיש, אי טיער ;
דאָרט געהען אום די שיפען ;
דו האָסט מיט שפּאַס און קראַפט

די וואַלפישען געשאַפּט,
זיי זאָלען דאָרטען שטיפען.

* * *

אויף דיר נאָר וואַרטען אַלע גערן,
דו זאָלסט זיי צו דער צייט דערנעהרען.
דו גיסט, זיי זאַמלען זיך און האָקען
אָן דיינע גאָבען,
וועלכע לאָבען.
מאַכסט אויף דיין האַנט, זיי זיינען שוין גענעהרט:
פערבאָרגסט דיין פּנים, ווערען זיי צושראָקען.
נעהמסט זייער אָטעם אַוועק,
דאַן ווערט פון זיי אַן עק,
זיי ווערען ערד.
דו טוסט דיין הויך אַ שיק,
דאַן לעבען זיי צוריק,
און עס בעטייט זיך באַלד
דער ערד'ס געשטאַלט.
פול פּראַכט און וואונדער איז די וועלט,
פול קראַפט און גלאַנץ,
יאַ, זי איז גאַנץ!
עס קוועלט דער מענש, און שטוינט, און שרעקט.
די ערד איז פורכטבאַר, ווען זי ציטערט,
די בערג — ווען ס'זעצט פון זיי אַ רויך.
אַ, זינג, נשמה, טרילער הויך!
זאָל רשעות ווערען אויסגעוויטערט,
עס זאָל קיין שלעכטער מעהר ניט זיין,
אין יעדען האַרץ זאָל גאָט אַריין —
הללויה!

מאָררים ראָזענפעלד.

ברכי נפשי (לויב, מיין זעלע) — אַ בעוואוסטער קאַפּיטעל תהלים. דיוואַן — טעפּיך. געוועלבט — אויסגעבויגען. ענגעל — מלאכים. שטאַם — דער גרונט (פון דער ערד); משפּחה, מין. שמעטערען — צראַפּפּאַלען

און צושיטען זיך. **פערוועהרען** — פערבאָטען. **טיער** — חיה. **פערטרויען־זיך** — זיך פערלאָזען. **זעפטיגען** — אָנפילען מיט זאַפט. **געפליגעל** — פויגלען. **ריץ** — שפּאַלט. **מאָנד** — לבנה. **שאַפען** — אַרבייטען. **געביטער** — הערשער. **אומבעגריפען** — אומבעגרענעצט. **דערנעהרען** — שפּייזען. **האָקען** — האַלטען זיך, הענגען זיך (אָן עפּעס). **גאָב** — מתנה. **לאָבען** — קוויקען. **רשעות** — שלעכטס. **אויסוויטערען** — אויסראָטען. **הללויה** — לויבט גאָט (מיט דעם אויסרוף ענדיגען זיך פיעלע געזאַנגען פון תהלים).

147. מענדעלי מוכר־ספרים

אין זוהר ווערט דערצעהלט: איינמאָל איז ר׳ אבא געגאַנגען אין וועג מיט ר׳ יצחק׳ן. זיינען זיי פאַרבייגעגאַנגען א גאָרטען, וואו עס זיינען געוואַקסען רויזען. ר׳ אבא האָט אָפּגעריסען אַ רויז און איז געגאַנגען ווייטער, האַלטענדיג די בלום אין דער האַנט. איז זיי אַקעגענגעקומען ר׳ יוסי.

— אָ, איך פיהל דאָ נאָהענט די שכינה, — האָט ר׳ יוסי געזאָגט, — און אָט זעה איך זי אין דער האַנט ביי ר׳ אבא׳ן, וואָס וועט געוויס איצט אונז דערקלערען גרויסע זאַכען און סודות.

— זעץ זיך, מיין זוהן, — האָט ר׳ אבא געזאָגט.

זיי האָבען זיך אַלע אַנידערגעזעצט אויפ׳ן גראָז אין שאָטען פון א בוים, און שמעקענדיג די רויז, האָט ר׳ אבא אָנגעהויבען זאָגען תורה.

שטעלט אריין אין דעם זיס־שעהנעם און גייסטרייכען בילד ר׳ מענדעלי׳ן אָנשטאָט ר׳ אבא׳ן, וועט דאָס זיין די בעסטע פאָרשטעלונג פון איהם.

יאָ, א תלמיד־חכם מיט א גרויסער קינסטלערישער און פּאָעטישער נשמה, וואָס פעראייניגט אין זיך תורה, חכמה און א הייסע ליבשאַפט צו אַלע שעהנקייטען פון דער נאַטור — דאָס איז ר׳ מענדעלי אין שרייבען. דאָס איז ער נאָך מעהר אין לעבען.

ר׳ מענדעלי צווישען דער נאַטור! ר׳ מענדעלי, ליעגענדיג אין טיפען גראָז; ר׳ מענדעלי, אויסציהענדיג זיך אויפ׳ן זאַמד ביים

ברעג ים ; ר׳ מענדעלי אין וואַלד ! אָ, דער וואַלד ! קיינער, דאַכט זיך, האָט ניט אַזאַ שטאַרקע, הייסע ליבע צום וואַלד, ווי ר׳ מענדעלי. קיינער פערשטעהט ניט דעם לשון פון די ביימער און פון די פויגלען, ווי ער. מען דאַרף איהם זעהן צווישען דער נאַטור, פערברענגען מיט איהם אויסער דער שטאָדט, מען זאָל פיהלען די גאַנצע טיפקייט און שעהנקייט פון זיין פּאָעטישער נשמה.

בן־עמי.

ז ו ה ר — אַ בעריהמטער אַלטער אידישער ספר, איינער פון די הויפּט־קוואַלען פון דער קבלה. ת ל מ י ד ח כ ם — אַ געלערנטער, אַ קאָפּ־מענש.

148. רבי עקיבא

דער אויפשטאַנד איז דערשטיקט, בר־כוכבא איז שוין טויט ;
דער לעצטער שטראַל יהודה׳ס טונקעלט און פערגעהט.

די לעצטע פעסטונג בֵיתָר שטירצט אין בלוט דערטרונקען ;
עס ליעגט דאָס הייליג לאַנד צום דעספּאָט׳ס פיס געזונקען.

עס טראָגט דער אָדלער רוים׳ס פערוויסטונג, טויט און בראַנד;
עס פאַלט אַרוים דער שווערד ביים מוטיגסטען פון האַנט.

דער שוואַכער און דער שטאַרקער לויפען זיך בעהאַלטען
אין וועלדער און אין הייהלען און אין פעלזען־שפּאַלטען.

עס בלייבט נאָר רבי עקיבא — איינער אין דעם פעלד :
עס לויפט ניט פאַר דעם פיינד דער אַלטער תנא־העלד !

עס קומט צוגעהן דער פיינד און נעהמט דעם גרייז געפאַנגען ;
עס הייסט דער רשע רופוס רייסען איהם מיט צוואַנגען.

דאָך רוהיג קוקט דער גרייז ביים תליון אין די הענט,
און ווילד און ווילדער אַלץ דעם זיגער׳ס כעס ברענט.



בר־כוכבא ה. גליצענשטיין

„די ערגסטע שווערסטע מיתה!" — איז דער רשע גוזר —
יהודה'ס גרעסטען מאַן זאָל זיין דער סוף וואָס בייזער!"

דאָך מונטער קוקט דער גרייז; עס רייסט דער צוואַנג פון איהם
קיין איינציג וואָרט אַרויס, קיין קרעכץ, קיין זיפץ, קיין קרים.

און ווילד און ווילדער אַלץ, פון בלוט און ראַכע שכּור,
דער תליון רייסט זיין לייב און צופּט און פליקט אויף שטיקער.

דאָך פרעהליך קוקט דער גרייז און שטראַלט מיט גליק און
שיינט.
דער תליון בלייבט ערשטוינט, פערוואונדערט בלייבט דער
פיינד.

און מיט אַ מילד־ענטציקטער, הימליש־העלער מינע
געלייטערט אין דעם טויט־שמערץ, לויכטענד ווי די שכינה,

דער תנא טוט אַ בליק, און ווי אַ הייליג־שיין
עס גיסט זיך שטיל זיין וואָרט און דרינגט אין האַרץ אריין:

„עס גליהט אין מיר דער וואונש, עס פלאַמט אין מיר דאָס
שטרעבען
אין קדושה פאַר מיין גאָט מיין נפש אָפּצוגעבען.

„איך האָב אויף דעם געוואַרט אַ גאַנצען לעבען־לאַנג,
געטרוימט פון דיזער שעה, פון תליון און פון צוואַנג.

„איך האָב געזעהן דעם חורבן אונטער טיטוס' האַנט;
איך האָב געזעהן דעם מקדש קראַכענדיג אין בראַנד.

„עס האָבען אַלע זקנים וויסט די הענט פערבראָכען;
איך איינער האָב געשמייכעלט שטאַרק אין מיין בטחון.

„איך האָב געזעהן די חורבות אויף דעם הר־הבית;
איך האָב געזעהן אין מקדש וואוינען ווילדע חיות.

„עס האָבען אַלע זקנים ביטערליך געקלאָגט;
איך איינער האָב געשמייכעלט, טרויסט־ווערטער געזאָגט.

„דאָך האָב איך טיף געפיהלט אַ קנאָה צו די שטיינער,
וואָס ליעגען אויסגעמישטע מיט די קדושים׳ס ביינער.

„גאָט׳ס ווילען איז געווען — איך האָב געלעבט, געלעבט,
ווען טויזענט טויטען האָבען איבער מיר געשוועבט!

„איך האָב געלעבט צו זעהן בר־כּוכבא׳ן אין זיין קאַמף.
צו זעהן מיין פאָלק געהט אויס אין לעצטען פרייהייטס־קראַמף.

„אָ, זיי געגריסט, דו תליון, זיי געגריסט, דו לייד!
איך האָב אויף אייך געוואַרט, איך נעהם אייך אויף מיט פרייד!

„וואָס הער איך? לוויים־קלאַנג! עס זינגט צו מיר און שאַלט!
וואָס זעה איך? לבנון־שניי? עס בליצט פאַר מיר און שטראַלט!

„דאָס רופט מען מיך, איך געה, דערפילט איז מיין פערלאַנגען,
געבענשט זיי גאָט, אחד!" — דער גרייז איז אויסגעגאַנגען.

א. ליעסין.

א ו י פ ש ט אַ נ ד — רעוואָלט. ב ר כ ו כ ב א — אַ גרויסער אידישער העלד, וואָס האָט נאָכ׳ן צווייטען חורבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע געגען די רוימער אום צו בעפרייען די אידען פון זייער יאָך. ש ט י ר צ ע ן — אומוואַרפען. ב ר אַ נ ד — שרפה, פלאַמען. ת ל י ו ן — הענקער. מ י ת ה — טויט. צ ו פּ ע ן — רייסען, פליקען. ק ד ו ש ה — הייליגקייט. ר ו פ ו ס — אַ רוימישער קריגספיהרער. ט י ט ו ס — דער רוימישער פּרינץ (שפּעטער קעניג), וואָס האָט חרוב געמאַכט דעם בית המקדש. מ ק ד ש — בית המקדש. ק נ א ה — דאָס ניט־פערגינען. ק ר אַ מ ף — קאָנוואולסען, צוקונג (פאַר וועהטאָג). א ח ד — איינער (גאָט), דאָס לעצטע

וואָרט פון דעם אויסרוף „שמע ישראל", מיט וועלכען אַ איד שטאַרבט על קידוש השם, פּראָקלאַמירענדיג די איינהייט פון גאָט. ג ר י י ז — אַ זקן.

149. די „רעליגיאָנס־פרייהייט" און אַ־דר אידישער בעשעפער

מעהר פון אַלע פעלקער ווייסען די אידען ווי צו שעצען די אַמעריקאַנער פרייהייט.

געדריקט און געיאָגט אין די אַלטע לענדער, קומען זיי אַהער זוכען אַ היים, פריי פון רדיפות, פריי פון נגישות. און זיי קריגען ליב אַמעריקע.

אַ שעהן ביישפּיל פון דער ליבע פון די אַמעריקאַנער אידען צו זייער לאַנד איז דער הערליכער מאָנומענט פון „רעליגיאָנס־פריי־הייט", וואָס שטעהט אין דעם גרויסען, שעהנעם פערמאָונט פּאַרק אין פילאַדעלפיא. די דאָזיגע סטאַטוע, אויסגעהאַקט פון מירמעל־שטיין, איז אַ מתנה צו דער פרייער אַמעריקאַנער רעפּובליק פאַר דער פריינדליכער היים, וואָס זי האָט געגעבען די אידען.

דער מאָנומענט איז געשטעלט געוואָרען פון דעם עלטסטען אידישען אָרדען „בני ברית" אין דעם טאָג, ווען עס איז געוואָרען הונדערט יאָהר, זינט אַמעריקע האָט זיך בעפרייט פון ענגלישען יאָך. דער מייסטער פון דער סטאַטוע איז געווען דער גרויסער אי־דישער סקולפּטאָר מאָזעס דזשייקאָב עזעקיעל.

אין צענטער פון דער סטאַטוע דערהויבט זיך אַ הערליכע פרויען־פיגור. דאָס איז די „געטין פון רעליגיאָנס־פרייהייט". צו איהר רעכטער זייט טוליעט זיך אַ ציטערנדיג, דערשראָקען קינד. דאָס איז די עלענדע מענשהייט וואָס זוכט דעם אמת. אין איין האַנט האַלט דאָס קינד די ערד־קוגעל, און די צווייטע האַנט און זיינע אויגען האַלט עס אויפגעהויבען צום הימעל, אַזוי ווי עס וואָלט פרעגען: מאין יבוא עזרי? אָבער די געטין מיט'ן ליבען פּנים האַלט איהר מוטערליכע האַנט איבער'ן קאָפּ פון קינד, ווי זי

וואָלט עס בערוהיגען מיט די ווערטער: „האָב קיין מורא ניט, מיין קינד, איך בין מיט דיר!“

עזעקיעל, דער מייסטער פון דעם היסטאָרישען מאָנומענט, איז פיליכט דער גרעסטער סקולפּטאָר, וואָס אַמעריקע האָט אַרויס־געגעבען. ער איז געבאָרען געוואָרען אין ריטשמאָנד, ווירדזשיניא, אין יאָהר 1844.

אינטערעסאַנט איז, אַז עזעקיעל האָט לכתחילה גאָרניט גע־טראַכט צו ווערען אַ סקולפּטאָר. ער האָט פון אָנהויב גאָר געשטו־דירט אין דעם מיליטערישען אינסטיטוט פון ווירדזשיניא, און אַלס בירגער פון די דרום־שטאַטען האָט ער אין דער צייט פון בירגער־קריעג געדיענט אין דער „קאָנפעדערייט אַרמי“. נאָכדעם האָט ער געשטודירט אַנאַטאָמיע אין דעם מעדיצינישען קאָלעדזש פון ווירד־זשיניא. ערשט שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָהרען קיין בערלין שטודי־רען אויף סקולפּטאָר אין דער קעניגליכער קונסט־אַקאַדעמיע, וואו ער האָט זיך זעהר אויסגעצייכענט און בעקומען אַ פּרייז פאַר זיין ריזי־גע סטאַטוע פון דזשאָרדזש וואַשינגטאָן.

עזעקיעל האָט געשאַפען אַ סך מייסטערווערק, וואָס האָבען איהם געמאַכט אַ גרויסען נאָמען אויף דער וועלט. ער האָט אויך געמאַכט די ביוסטען פון דער מוטער חוה, פון דוד המלך, פון יהודית, וואָס האָט אַראָפּגעהאַקט דעם רשע האָלאָפערנוס דעם קאָפּ; דעם דזשעפערסאָן־מאָנומענט, וואָס שטעהט אין לואיזוויל, קענטאָקי, און נאָך אַנדערע. פיעלע אַמעריקאַנער סיטי־האָלס און אַנדערע עפענט־ליכע פּלעצער זיינען בעצירט מיט עזעקיעל'ס מאָנומענטען פון אַמעריקאַנער העלדען.

ביי היינטיגען טאָג לעבט עזעקיעל אין רוים, אין איטאַליען, וואו ער הערט ניט אויף צו שאַפען זיינע מייסטערווערק. יעדעס מאָל, ווען עזעקיעל בעזוכט זיין פאָטערלאַנד, פרעהט זיך מיט איהם דאָס גאַנצע לאַנד, און ער ווערט אומעטום אויפגענומען ווי אַ ליבער גאַסט פון דער אַמעריקאַנער נאַציאָן.

ל. ע.

נגישות — פּייניגונגען, פערפאָלגונגען. מאין יבוא עזרי — (אַ פּסוק פון תהלים) פון וואַנען וועט קומען מיין הילף.

150. פון ישעיה

נדרשתי ללא שאלוני.

קיינער האָט מיך ניט גערופען —
כ׳בין צו אייך אַליין געקומען ;
און געזוכט האָט מיך ניט קיינער —
כ׳האָב אַליין זיך אויסגעפונען.

*　*　*

קרא בגרון אל תחשך.

רוף און הער ניט אויף צו רופען,
ווי אַ שופר זאָלסטו שאַלען ;
זאָג דיין פאָלק — עס איז געשטרויכעלט,
זאָג דיין פאָלק — עס איז געפאַלען !

אברהם רייזען.

151. גלות

(אַ בילד פון דער מלחמה)

א.

אין נאָמען פון גאָט, איך, יוסף בן יהודה, אַ מורה־הוראה בישראל, וואָס איז בעשטימט געוואָרען צו פיטערען גאָט׳ס טשערעדע, שרייב די דאָזיגע ווערטער. לאָז מיר גאָט העלפען צו שרייבען נאָר דעם אמת.

מיר מיט אונזערע זקנים, ווייבער און קינדער, זיינען ארויסגעגאַנגען פון שטאָדט דאָנערשטאָג צוויי אַ זייגער בייטאָג.

נעהמען מיט זיך האָט מען נאָר געקאָנט דאָס סאַמע נויטיגסטע — ברויט, טלית און תפלין און וואָס מעהר וואַרימע זאַכען. מיר האָבען געוואוסט, אַז נישט איין נאַכט וועט אונז אויסקומען צו נעכטיגען אין פעלד.

בשעת מיר זיינען ארויסגעגאַנגען פון שטאָדט, האָט אָנגעהויי־

גלות — ס. הירשענבערג

בען טריפען אַ רעגענדעל. אום צו טרויסטען די קליינמוטיגע, האָב איך געזאָגט:

— מיין פאָלק ישראל! זעה, דער הימעל וויינט אויף דיינע צרות.

דער אַלטער מנחם, אַן עהרליכער איד, וואָס איז געגאַנגען לעבען מיר, האָט אויף מיינע ווערטער בעמערקט:

— מיר האָבען אַליין גענוג טרערען... לאָז דער הימעל בע־האַלטען זיינע טרערען פאַר די גליקליכע.

מנחם'ס ווערטער האָבען מיך איבערגעשראָקען. איך האָב אויסגעשריען:

— מנחם! מנחם! ווי קאָנסט דו מהרהר זיין אויף השם יתברך'ס וועגען? דערמאָן זיך אָן איוב'ן!

— איוב איז געווען אומגליקליך, אָבער קיינער האָט פון איהם לכל־הפּחות נישט חוזק געמאַכט.

אויף די ווערטער האָב איך גאָר נישט געקענט ענטפערען, ווייל דער אַלטער מנחם איז געווען גערעכט.

ווען מיר זיינען אָפּגעגאַנגען צוויי ווערסט פון שטאָדט, האָ־בען מיר דערהערט ווי עמיצער שרייט אונז נאָך:

— שטעהט, שטעהט, אידען, למען־השם שטעהט! וואַרט אויף אַ ביסעל! איך וויל אויך געהן מיט אייך! — מיר האָבען דער־קענט דעם קול פון לייזער דעם שניידער. ער איז שוין לאַנג ניט געווען אונזערער... און איך האָב איהם געפרעגט:

— וואָס ביסטו אַהער געקומען, לייזער? דו האָסט דאָך אונז שוין לאַנג אוועקגעוואָרפען, און דיין נאָמען איז דאָך שוין לאַנג נים לייזער.

אָבער ער האָט מיך אָנגעהאַפּט פאַר דער האַנט און אויסגע־שריען:

— ניין, רבי, איך בין לייזער... איך געה מיט אייך.. טרייבט מיך נישט, רבי...

ער האָט זיך פאַנאַנדערגעוויינט. איך האָב איהם אַ קוש גע־טאָן און געהייסען געהן לעבען מיר.

ב.

באַלד איז צוגעפאַלען די נאַכט, זעהר אַ פינסטערע און אַ נאַסע.

מיר האָבען אויסגעקליבען אַן אָרט, וואו עס איז טריקענער, פאַר די ווייבער און קינדער. אונזערע וואַרימע זאַכען האָבען מיר אויך אוועקגעגעבען די ווייבער. זיי האָבען נישט געוואָלט נעהמען אָבער מיר האָבען זיי איינגערעדט צו טאָן דאָס פון די קינדער׳ס וועגען.

נאָר איין חנה די קרעמערקע, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מאַנטעל, וואָס איז פאַר איהר געבליבען, און געזאָגט:

— איך האָב צוויי זיהן אין דער מלחמה. זיי איז אין די שאַנצגרובען אויך ניט וואַרים. מיט וואָס בין איך בעסער פאַר מיינע זיהן? זיי ליידען, קאָן איך אויך ליידען.

ביינאַכט איז געשעהן אַן אומגליק. ביים פּאָדראַטשיק יעקב וויינשטאָק איז געשטאָרבען זיין ווייב רחל.

דעם טאָג וואָס מיר זיינען אַרויס פון שטאָדט, האָט זי געהאַט אַ אינגעל. מיר האָבען די קימפּעטאָרין געטראָגען אויף די הענט — אַמאָל דער, אַמאָל יענער, און נישט געלאָזט זי געהן צופוס. דאָס קינד האָט געטראָגען דער טאַטע.

רחל האָט די גאַנצע צייט געקרעכצט. מיר האָבען גאָרנישט געקאָנט העלפען צו איהרע יסורים, און ביינאַכט איז זי נעבעך גע־שטאָרבען.

אַלע ווייבער, וואָס האָבען געהאַט קינדער ביי דער ברוסט, האָבען מנדב געוועזן צו זויגען דאָס עופה׳לע, און די פערשטאָרבע־נע האָבען מיר בעגראָבען אונטער אַ בערעזע. דער בוים איז גע־שטאַנען איינזאַם אין מיטען פעלד. אַזוי ווי אונזער פאָלק ישראל צווישען די פעלקער.

מיר האָבען דאָרט געוואָלט אָנשיטען אַ בערגעל, נאָר נאָך אַ קליינעם ישוב־הדעת איז ביי אונז געבליבען דאָס נישט צו טאָן, כדי קיינער זאָל נישט מבזה זיין דעם קבר פון אונזער שוועסטער.

אויב אַ איד וועט אַמאָל פערבלאָנזשען אין די מקומות און וועט דערזעהן די בערעזע, זאָג איך איהם אָן, ער זאָל זיך אָפּשטעלען און מאַכען אַן „אל מלא רחמים“ איבער׳ן קבר פון דער פערשטאָר־בענער רחל, עליה השלום.

— זיי געבענשט מאַמע אין הימעל, וואָס דו האָסט בעשערט דיין דיענסט אַ טויט פון אַ צדיקת!

— און דו רחל, וואָס דיין זוהן איז צווישען אונז, בעט פאַר׳ן כסא הכבוד פון אלמעכטיגען פאַר דיינע ברידער און שוועסטער, פאַר׳ן פאָלק ישראל.

ג.

דער פריהמאָרגען איז געווען נישט קיין פרעהליכער. די זון האָט נישט אויפגעשיינט, אַזוי ווי דאָס גרויסע ליכט פון הימעל וואָלט זיך געשעמט אונז קוקען אין די אויגען אריין....

מיר האָבען געוואשען די הענט מיט'ן וואסער, וואָס מיר האָבען מיטגענומען פון שטאָדט, אָנגעטאָן טלית און תפלין און זיך געשטעלט דאַווענען.

צווישען אונז איז געווען די פאמיליע פון א דאָקטאָר. (דער דאָקטאָר אליין איז אוועק אויף מלחמה). האָבען די קינדער געפרעגט דער מאַמען: „וואָס טוען דאָס די אידען?"

האָט זי זיך פערשעמט, און זיי גאָרנישט געענטפערט. דעמאָלט איז דאָס עלטסטע אינגעל צוגעגאנגען צו מיר און געפרעגט, וואָס מיר טוען.

עס איז מיר געווען שווער אריינצולאָזען זיך מיט איהם אין א שמועס; מיר האָבען איינער דעם צווייטען כמעט ווי נישט פערשטאנען. דאָס אינגעל האָט זיך געלערענט אלע שפראכען, א חוץ אידיש. און איך ווידער רעד נים קיין אַנדער שפראך אויסער אונזערע.

איך האָב איהם ווי עס איז אויסגעטייטשט, אז מיר דאַווענען.

— איך וויל אויך דאַווענען! — האָט ער געזאָגט.

איך האָב אָנגעהויבען פאָרלייענען די הייליגע ווערטער פון דאַווענען. דאָס אינגעל האָט נאָכגעזאָגט אָבער גאָרנישט פערשטאַנען. דער הימעל האָט אונז אויסגעהערט.

צו נאכט־צו זענען א סך קראנק געוואָרען.

דער אַלטער מנחם האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף דר'ערד און געזאָגט:

— ווייטער געהן קאָן איך נישט. איך שפּיר, אז איך דאַרף באַלד שטאַרבען. געהט, ברידערלעך. איך וועל שטאַרבען אָהן אייך.

מיר האָבען איהם ווייטער געטראָגען, הגם ער האָט זעהר געבעטען, מען זאָל איהם נישט מיטנעמען.

— אָהן מיר איז אייך אויך געגוג שווער! — האָט ער געזאָגט: — זעהר שווער און גרוים איז אייער משא. איהר טראָגט

אויף אייערע פּלייצעס דעם אידישען צער... שווערער פון דער דאָ־זיגער משא איז אויף דער וועלט נישטאָ.

— איך שטאַרב, רבי! איך געה צו גאָט און וועל איהם דער־צעהלען וואָס איך האָב זיך אָנגעזעהען אויף דער וועלט.

דעם בר־מינן האָבען מיר גענומען מיט זיך. לאָזען זיינע ביינער רוהען צווישען אידען, אין קבר ישראל.

שנת ה'תרע"ה (1914-15) לבריאת עולם, א' תתמ"ה (1845) לחורבן בית מקדשנו.

(איבערזעצט פון רוסיש) א. ל. ד'אָר.

די דאָזיגע ערצעהלונג האָט דער שרייבער, אַ קינד פון אידישע עלטערן, פערפאַסט אין אָנפאַנג פון דער וועלט־מלחמה, ווען די רוסישע רעגירונג האָט, מיט גרויזאַמע אכזריות און אָהן פריהעריגער וואָר־נונג, הונדערטער טויזנדער אידען פערטריבען פון זייערע שטעדט און שטעדטלעך. דער לייזער, וואָס ווערט דאָ דערמאָנט, איז אַ משומד וועמען די צרות ברענגען צוריק צו זיין פאָלק.

מורה הוראה בישראל — אַ רב. מהרהר זיין — אָנהייבען צווייפלען, אָנהייבען פערלירען דעם גלויבען (אין גאָט'ס גערעכטיגקייט). השם יתברך — גאָט (געבענשט זאָל ער זיין). לכל הפחות — אַם וועניגסטען. דויערסט — אַ רוסישע לאַנד־מאָס (אַרום צוויי דריטעל פון אַ מייל). למען השם פון גאָט'ס וועגען, אום גאָטעס ווילען. פּאָדראַטשיק — Contractor. קימפּעטאָרין — אַ געווינערין, אַ פרוי וואָס האָט ערשט געבוירען אַ קינד. מנדב זיין — שענקען. עופה'לע — אַ זויג־קינד, אַ פּיצעל קינד. בערעזע — Birch. ישוב הדעת — בעראַטונג. מבזה זיין — פערשעמען, שענדען, בעליידיגען. מקומות — געגענדען, ערטער. אל מלא רחמים (גאָט, וואָס איז פול מיט רחמנות), אַ תפלה פאַר דער נשמה פון אַ טויטען. עליה השלום — (פרידען אויף איהר), אַ וואונש וואָס מען לעגט צו נאָכ'ן נאָמען פון אַ טויטער; פאַר אַ טויטען זאָגט מען: „עליו השלום". צדיקת — דער לשון נקבה פון „צדיק". קבר ישראל — אַ קבר אויף אַ אידישען בית עלמן. שנת — דאָס יאָהר. לחורבן בית מקדשנו — נאָכ'ן חורבן פון אונזער בית המקדש.

152. מלחמה

„אַ, מאַמע, כ׳וויל אַ ביסעל מילך,
ס׳איז טרוקען מיר מיין גומען...“
— מיין קינד — אַ בייזער פאַסטוך האָט
די אַלע קיה פערנומען.

„טאַ גיב מיר, מאַמע, ברויט אַ בים
דעם הונגער מיר צו שטילען“.
— ניטאַ, מיין קינד. אַ וואַסער האָט
פערטרונקען אַלע מיהלען.

אַ וואַסער ווילד, אַ וואַסער־רויט
האָט זיי אַראָפּגעטראָגען,
און אַלע מילנער זיינען איצט
אַוועק אין פעלד זיך שלאָגען.

„טאַ, וואו־זשע איז דער טאַטע איצט,
ער זאָל אונז עסען קריגען?“
— דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו בעזיגען.

דער טאַטע איז אויך איצט אין פעלד —
דו הערסט מיין קינד אַ ברומען?
ער איז אַוועק, ער איז ניטאַ,
ער וועט שוין קיינמאָל קומען.

אברהם רייזען.

153. והיה באחרית הימים

דאָס איז די נבואה, וואָס עס האָט געזעהן ישעיהו דער זוהן פון אמוץ וועגען יהודה און ירושלים.

און עס וועט זיין אין דעם סוף פון די טעג — אָנגעברייט וועט זיין דער באַרג פון גאָט׳ס הויז איבער דעם שפּיץ פון די בערג, און

ער וועט דערהויבען ווערען איבער אלע הויכע ערטער, און עס וועלען זיך צו איהם ציהען אזוי ווי א טייך אלע פעלקער.

און עס וועלען געהן פיעל פעלקער און זיי וועלען זאגען: קומט און לאמיר אויפגעהן אויף דעם בארג פון גאט פון יעקב, און זאל ער אונז לערנען פון זיינע וועגען און מיר וועלען געהן אין זיינע שטעגען, דען פון ציון וועט ארויס די לערנונג און גאט'ס ווארט — פון ירושלים.

און ער וועט משפט'ען צווישען די אומות און ער וועט ריכטען פאר פיעל פעלקער, און זיי וועלען צושטויסען זייערע שווערדען אויף אקער־אייזענס און זייערע שפיזען — אויף שנייד־מעסערס; עס וועט ניט הויבען א פאלק אויף א פאלק קיין שווערד און זיי וועלען מעהר ניט לערנען זיך קיין קריעג.

* * *

און עס וועט ארויסגעהן א צווייג פון דעם שטאם פון ישי און א שפראצונג וועט פון זיינעווארצלען ארויסשפראצען.

און עס וועט אויף איהם רוהען דער גע‎מיט פון גאט, דער גייסט פון קלוגשאפט און פערשטאנדיגקייט, דער גייסט פון מוטיגקייט און שטארקייט, דער גייסט פון וויסען און גאטספארכטיגקייט.

און זיין דערקוויקונג וועט זיין גאטספארכטיגקייט, און ניט נאך דער זעהונג פון זיינע אויגען וועט ער משפט'ען און ניט נאך דער הערונג פון זיינע אויערן וועט ער ריכטען.

נייערט מיט גערעכטיגקייט וועט ער משפט'ען ארימע לייט, און מיט רעכטפערטיגקייט וועט ער ריכטען די דערשלאגענע פון לאנד, און ער וועט שלאגען די ערד מיט דעם רוט פון זיין מויל, און מיט דעם אטעם פון זיינע ליפצען וועט ער טויטען דעם רשע.

און גערעכטיגקייט וועט זיין דער גארטעל פון זיינע לענדען, און ווארהאפטיגקייט דער גארטעל פון זיינע היפטען.

און דער וואלף וועט וואוינען איינאיינעם מיט דעם שאף, און דער לעמפערט וועט הויערן איינאיינעם מיט דעם ציקעלע, און דאס קאלב און דער יונגער לייב און דער פעטער אקס וועלען זיין מיט־אנאנדער, און א קליינער יונג וועט זיי אלע פיהרען.

און די קוה און דער בער וועלען זיך מיט־אנאנדער פיטערן,

וועלען מיט־אנאנדער מאכען הויערן זייערע קינדער, און דער לייב וועט עסען שטרוי אזוי ווי דער רינד.

און א זויג־קינד וועט זיך שפּילען ביי דעם לאָך פון א פּיפּער־נאָטער, און צו דעם שפּאַלט פון א ברענענדיגער שלאַנג וועט אַן ערשט ענטוועהנט קינד זיין האַנט אויסשטרעקען.

זיי וועלען ניט שלעכטס טאָן און זיי וועלען ניט פערדאַרבען איבער מיין גאַנצען הייליגען באַרג, דען די גאַנצע ערד וועט אָנגעפילט ווערען מיט דער קענשאַפט פון גאָט אזוי ווי די וואַסערן טוען בעדעקען דעם ים.

און עס וועט זיין אין יענעם טאָג — דער וואָרצעל פון ישי, וואָס ער שטעהט פאַר א באַנער פאַר די פעלקער, איהם וועלען די פעלקער פאָרשטען, און זיין וואוינונג וועט זיין פּרעכטיגקייט.

און עס וועט זיין אין יענעם טאָג — וועט גאָט צום צווייטען מאָל אויסשטרעקען זיין האַנט צו ערווערבען דעם רעשט פון זיין פאָלק, וואָס וועט איבערבלייבען — פון אשור און פון מצרים און פון פּתרוס און פון כוש און פון עילם און פון שנער און פון חמת און פון די אינזלען פון ים.

און ער וועט אויפהויבען א באַנער צו די פעלקער און ער וועט איינזאַמלען די פערשטויסענע פון ישראל, און די צושפּרייטע פון יהודה וועט ער צונויפקלייבען פון די פיער עקען פון דער ערד.

פון תנ"ך.

והיה באחרית הימים — און עס וועט זיין אין דעם סוף פון די טעג (אַז משיח וועט קומען). אָנגעברייט — פעסט אויפגעשטעלט. שטעג — Path. לערנונג — תורה. ריכטען — ענטשיידען, אורטיילען. צושטויסען (די שווערדען) — איבערשמידען. נאָך דער זעהונג פון זיינע אויגען — נאָכ'ן קוק. הערונג — דאָס הערען. ניערט — נאָר. רעכטפערטיגקייט — ריכטיגקייט, אָרענטליכקייט. לעפצען — ליפּען. וואָרהאַפטיגקייט — עהרליכקייט. ציקעלע — אַ יאָהריג בעקעלע. מיט־אַנאַנדער — אינאיינעם. פאָרשטען (פאָרשען) — זוכען. דערווערבען — קריגען. באַנער — אַ פאָהן.